STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06224

TSUG NUMER ZIBN

L. Baizer

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. בייזער

צוג נומער זיבן

(נאָוועלע)

ארויסגעגעבן פון
אַ גרופּע פריינט
ניו־יאָרק, 1939

Copyright by
L. BAIZER
New York, 1939

דעם ליכטיקן אָנדענק
פון מיין מאמען.

1

מאַריע ניקאָלאַיעוונאַ האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף. געוויינטלעך קומט דאָס ביי איר פאַר בהדרגה. ביסלעכווייז ווערט זי וואַכנדיק, ווי דער איבערגאַנג פון שלאָף אין וואָר וואָלט געדויערט אַ שטיקל צייט. דאָסמאָל אָבער האָט זי זיך אויפגעכאַפּט מיטאַמאָל. איין מינוט איז פאָראיבער און איר מוח איז לויטער קלאָרקייט. די שלעפערדיקע פאַרנעפלדיקייט איז מיט אַמאָל פאַרשוואונדן. ס׳איז אפשר נישט געווען קיין איבערגאַנג פון שלאָף אין וואָר. זי וואָלט, דאַכט זיך, געשוואוירן, אַז אפילו אין שלאָף איז זי געווען וואכנדיק. און כאָטש ס׳איז געווען שטאָק־פינצטער אין וואַגאָן, האָט זי דאָך געזען זאַכן העל און קלאָר, ווי קיינמאָל נישט ביז אַהער. זי האָט באַגומען מיט אלע אירע חושים, אַז זי פאַרלאָזט מאָסקווע אויף אַ לענגערע צייט. אומזיסט איז די איינרעדעניש, אַז ס׳וועט פאַריבערגיין אַ פּאָר מאָנאַטן און זי וועט ווידער וואוינען אין איר קליינעם און ליבן קאַבינעט און אלץ וועט זיין ווי געווען.

דער וועג פון איר לעבן, אָט אַ קרומער, אָט אַ גלייכער, האָט זיך פלוצים פאַרקירעוועט אין אַ וויסטן זומפּ. ווער ווייסט, ווי לאַנג עס וועט נעמען, איידער זי וועט ווידער טרעטן אויף אַ פעסטן, האַרטן באָדן. א יאוש האָט זיך אריינגעגנב׳עט אין איר האַרצן און סודותדיק שטיל, ווי אַ וואָרזאָגערין, איר איינגערוימט אין אויער — א סמוטנע צייט איז אָנגעקומען. אַ שטיין אויף אַ שטיין וועט נישט בלייבן, איידער עס וועט זיך איינשטילן דאָס צעבושעוועטע רוסלאַנד.

מאַריע ניקאָלאַיעוונאַ האָט לעצטנס באַשיינפערלעך געפילט, אַז איר וואוינונג, איר אַלטע באַקוועמע וואוינונג, איז נישט דאָס זעלבע, וואָס אַמאָל. עס האָט זיך איר צייטנווייז אויסגעדאַכט, אַז דאָס הויז אין וועלכן זי וואוינט, גיט זיך אַלע ווייַלע אַ שאָקל, אַט שוואַכער, אָט שטאַרקער, און עס קאָן מיטאַמאָל אינגאַנצן איינפאַלן. כדי נישט אומצוקומען אונטער די חורבות פונם איינגעפאַלענעם הויז, האָט זי זיך געטראַכט, איז גלייכער אַרויסצוקלייבן זיך פון דאַנען. און וואָס גיכער, איז בעסער.

מאַריע ניקאָלאַיעוונאַ האָט באַשלאָסן צו פאַרלאָזן מאָסקווע. זי האָט זיך משתדל געווען ביי דער פאַרוואַלטונג פונם רויטן קרייץ, אין וועמענס רשות ס׳האָט זיך געפונען איר באַקטעריאָלאָגישער קאַבינעט, מען זאָל זי אַוועקשיקן אויפן פראָנט, אַלס נאַטשאַלניצע פון אַ דעזינ-

פעקציע־צוג. אין יענער צייט האָט פראַנק און פריי געהוליעט איבער רוסלאַנד דער פלעקן-טיפוס. אין דעזינפעקציע-צוגן, אויסצורייניקן די פאַרלייזיקטע זעלנערישע שינעלן, האָט מען זיך שטאַרק גענויטיקט. די פאַרוואַלטונג פונם רויטן קרייץ האָט דעריבער גערן איינגעוויליקט, אַז מאַריע ניקאָלאַיעוונא קאָבישעווא זאָל אָרגאַניזירן דעם דעזינפעקציע-צוג נומער זיבן און וואָס גיכער אַרויספאָרן אויפן דרום פראָנט.

עס איז אויך געווען אַ גליקלעכער צופאַל, וואָס אין צוג נומער זיבן איז מיטגעפאָרן פּראָפעסאָר וואַסילי איוואַנאָוויטש קאַזלאָוו מיט זיין געהילף, דאָקטאָר יעפים סאָלאָמאָנאָוויטש גרינבוים. זיי זיינען באַשטימט געוואָרן פונם רויטן קרייץ אויסצופאָרשן די פאַלן פון כאָלערא אַרום פעטראָווסק, אויף יענער זייט וואָלגא.

„זיי זיינען אייגענע מענטשן, מען דאַרף זיך פאַר זיי נישט היטן מיט אַ וואָרט. נאָר איין פאַרשוין איז אַ ביסל פאַרדעכטיק, דער אינסטרוקטאָר פון דעזינפעקציע. ער האָט זיך אָנגעגעבן פאַר א סטודענט פונם וויסנשאַפטלעכן פאַקולטעט, וואָס אַרבעט נאָר צייטווייליק אין רויטן קרייץ. זיין נאָמען איז וואָלאָך און איז מסתמא אַ איד. ער איז פאַרדעכטיק, ווייל אַ פּאָליטישער קאָמיסאַר, וואָס זאָל אַכטונג געבן אויף דער אַרבעט פון צוג, איז נישט באַשטימט געוואָרן. אין אַלע אינסטיטוציעס זיינען פאַראַן פּאָליטישע קאָמיסאַרן. עס קאָן זיין, אַז וואָלאָך איז באַהאַלטענערהייט אַ פּאָליטישער קאָמיסאַר. עס לייגט זיך אויפן שכל; אויף די באָלשעוויקעס איז אַלץ צו גלויבן. מען דאַרף ביי אים אַ טאָפּ טאָן דעם דופק, און דערווייל וועט נישט שאַדן צו זיין אַ ביסל פאַרזיכטיק".

דער צוג האָט זיך געטראָגן מיט אַ הודזשעריי און פון צייט-צו־צייט אַרויסגעלאָזט אַן אויסגעצויגענעם און טיפן פייף, ווי עס וואָלט אים שווער געווען דער וועג אין דער פינצטערער נאַכט. מאַריא ניקאָלאַ-יעוונא איז אריינגעפאַלן אין אַ האַלבן דרימל. זי האָט אַלץ, פון וואָס ס'איז כדאי געווען צו טראַכטן, שוין איבערגעטראַכט. און די צו-קונפט? זי איז אומקלאָר און פאַרנעפּלט, ווי איר האַלבער דרימל.

ווען מאַריע ניקאָלאַיעוונאַ האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז שוין גע־ווען ליכטיקער טאָג. דער צוג נומער זיבן איז געשטאַנען אויף זייטיקע רעלסן פון אַ קליינער באַן־סטאַנציע. דורכן וואַגאָן־פענצטער האָבן אריינגעקוקט שווערע רעגנדיקע וואָלקנס. „דער רעגן הענגט אוודאי אין דער לופטן און דער טאָג וועט זיין אַ טריבער. ס'איז אָנגענעם אויסצוציען זיך אויף אַ וואַרעמען געלעגער און פילן זיך אַראָפּצוגיין

צום איבערבייסן, וואָס וואַרט שוין מסתמא אין עס־צימער.״

מאַריע ניקאָלאַיעוונאַ האָט א גענעץ געטאָן און איינגעגראָבן איר בלאָנדן קאָפּ אין ווייכן קישן.

2

דער עס-וואַגאָן איז געווען דער שיינדלינג פונם צוג. דאָס פּלירשענע מעבל, ערטערווייז שוין אויסגעריבן, די גרויסע שאַפע מיט גלאָזוואַרג און די קאָמאָדע מיט וועש, די גרויסע פענצטער און די גלעזערנע טירן, — אַלץ האָט אָנגעדייט, אַז דער עס־וואַגאָן האָט געזען בעסערע צייטן. און ווירקלעך, דער וואַגאָן האָט ערשט נישט לאַנג באַלאַנגט צו אַ צוג פונם ערשטן קלאַס, וואָס איז געלאָפן פון פעטראָגראַד קיין מאָסקווע און צוריק. אויף דעם דאָזיקן צוג זיינען געפאָרן די פני פון דער רוסישער העכערער געזעלשאַפט — גראַפן, מיניסטאָרן, גענעראַלן.

דאָס געשיר איז געווען ווי צוגעפּאַסט צום יחסנישן וואַגאָן. עס האָט געפינקלט מיט פאָרצעלייענער ווייסקייט, כאָטש שפיגל זיך אָן אין דעם. מאַריע ניקאָלאַיעוונא, אַ שטרענגע באַלעבאָסטע, האָט אָנגעזאָגט פיאָטר׳ן, דעם קעלנער, אַז פאַר יעדן מאָלצייט זאָל ער פאָרזיכטיק איבערווישן דאָס געשיר, איידער ער שטעלט עס אויס אויפן טיש. נאָכן עסן האָט דאָס געשיר נישט געטאָרט בלייבן אין קיך, עס האָט געמוזט שטיין, בלאַסקענדיק פון ריינקייט, אויף זיין געהעריקן פלאַץ, אין שאַפע פונם עס-וואַגאָן.

אין עס־וואַגאָן האָבן געגעסן די העכערע באַאמטע — מאַריא ניקאָלאַיעוונאַ, אַלעקסאַנדער וואַסיליעוויטש שולץ, דער סעקרעטאַר פונם צוג, אַפאַנאַסי טראָפימאָוויטש וואָדיאַנאָי, דער געשעפטס-פאַרוואַלטער פונם צוג, און אַבראַם מאָיסייעוויטש וואָלאָך, דער אינסטרוקטאָר פון דעזינפעקציע. פאַרשטייט זיך, אַז פּראָפעסאָר קאָזלאָוו און דאָקטאָר גרינבוים זיינען געווען פאַררעכנט צווישן די העכערע באַאַמטע.

מאַריע ניקאָלאַיעוונאַ האָט ליב געהאַט אָרדענונג. אפילו בנוגע אירע נאָענטע מיטאַרבעטער האָט זי איינגעפירט אַ שטרענגע דיסציפּלין. איבערבייסן האָט געדויערט אַ שעה, פון אַכט ביז ניין אינדערפרי. מיטאָג — צוויי שעה, פון איינס ביז דריי בייטאָג. וועטשערע — אָנדערהאַלבן שעה, פון זיבן ביז האַלב נאָך אַכט. מאַריע ניקאָלאַיעוונא האָט זיך אויפגעפירט ווי אין אַן אַריסטאָקראַטיש הויז פון פאַר׳מלחמה׳דיקער צייט, זי האָט אַליין פאַרטיילט די געריכטן צווישן עולם.

מאַריע ניקאָלאַיעוונאַ האָט זיך באַמיט צו זיין אויפגעלייגט ביים ערשטן מאָלצייט אינם צוג נומער זיבן. די לעצטע פּאָר יאָר האָט זי נישט פאַרזוכט קיין לייטיש געריכט. פלעגט זי ארייננקריגן אויף איר פּאַיאָק עטלעכע טרוקענע קאַפּטשאַנקעס און אַביסל הירזשענע קאַשע, — האָט זי זיך געשעצט גליקלעך. אַנדערע האָבן דאָס אויך נישט געקראָגן. זי איז געווען אין א פּריווילעגירטער לאַגע, אַלס אַ מיט־אַרבעטערין פונם רויטן קרייץ; אַניט וואָלט איר אויסגעקומען צו שטיין לאַנגע שעה׳ן אין אַ טשערעד און אָפטמאָל אוועקגיין מיט ליידיקן. איצט, האָט זי גערעכנט, וועט איר געלינגען איינצואָרדענען זיך ווי אין די אַמאָליקע גוטע צייטן. עס זאָל זיין אין אַ מזל׳דיקער שעה, האָט זי זיך געטראַכט, און יעדן איינעם אַקעגנגעטראָגן אַ ברייטן אויפריכטיקן שמייכל. צו אייניקע האָט זי זיך אַפילו געווענדט מיט אַ פּאָר ווערטער. צו פּראָפעסאָר קאָזלאָוו האָט זי א מאָך געטאָן:

—כ׳האָף פּראָפעסאָר, אז איר וועט זיין צופרידן מיט אונז, אייערע תלמידים. מיר, אייערע פאַרערער, וועלן געוויס ניט דורכלאָזן די געלעגנהייט צו געניסן פון אייער געלערזאַמקייט.

וואָלאָכן האָט זי געזאָגט:

— איך בין זיכער, אַז פון אונזער צוזאַמענלעבן וועט איר אַרויס־טראָגן, אַז מיר זיינען נישט קיין מענטשן־פרעסער. און מיר וועלן זיך איבערצייגן, אַז איר זייט אַן אויפריכטיקער מיטגליד פון אונזער משפּחה.

מיט דער דאָזיקער באַמערקונג האָט מאַריע ניקאָלאַיעוונאַ אין זי־נען געהאַט צו שיסן צוויי האָזן מיטאמאָל. זי האָט געלאָזט וויסן וואָ־לאָכן, אַז די רוסישע אינטעליגענץ איז אפילו איצט, אין די „פינצטע־רע טעג״, פריי פון אידן־האַס. זי האָט אויך אים געגעבן אָנצוהערן, אַז אין אַ באַלעבאַטיש הויז טראָגט מען נישט אַרויס דאָס מיסט אויף יענער זייט טיר. וואָסערע ריידערייען עס זאָלן נישט פאָרקו־מען, דאַרף עס בלייבן צווישן די פיר ווענט פון עס-וואַגאָן.

מאַריע ניקאָלאַיעוונאַ׳ס נישט-אויסגעשלאָפן פּנים איז געווען אַ ביסל צעקנייטשט. די קליינע בראָדעווקע, אויף דער רעכטער זייט נאָז ,האָט געגלאַנצט נאָך מער, ווי אַלעמאָל. די אויגן, בלאָע און ווייַ־כע, זיינען געווען עטוואָס קאַלעמוטנע. זי איז געווען מיד און אויס־געמאַטערט. דער שלאָף איז געווען צעלייגט אויף איר פּנים און דאָס אויפגעלייגטקייט אירס איז ארויסגעקומען ווי אַ געמאַכטס. איינער לאַכט, ווען עס גלוסט אים גאָר צו וויינען. אַלע אין עס־וואַגאָן האָבן

עס באַמערקט, ווייל זיי אַליין זיינען געווען מיד און אויסגעמאַטערט. כמעט אַלע האָבן איבערגעלאָזט זייערע פאַמיליעס אין מאָסקווע. ס'איז אויסגעקומען, זיי אַליין האָבן זיך אַרויסגעראַטעוועט פון אַ הונגעריקער שטאָט, און מיט דער ווייב און קינדער זאָל זיין, וואָס עס וויל זיך. אַראָפּוואַרפן פון זיך די פאַרגאַנגענע יאָרן און אָנהויבן אַ פריי און זאָרגלאָז לעבן, נישט אומקוקנדיק זיך אויף צוריק, איז קיינעם נישט געלונגען. יעדער איינער האָט מיטגענומען שווערע שטיקער לעבן, וואָס האָבן איינגעהאַלטן מיט זייער משא יעדן ריר און יעדע מינע.

פּראָפעסאָר קאָזלאָוו איז געווען אַן אָנגעזעענער פּראָפעסאָר אין מעדיצינישן פאַקולטעט פון מאָסקווער אוניווערסיטעט. קיין פּריוואַ־טע פּראַקטיק האָט ער ניט געהאַט. מ'האָט אים אָבער זייער אָפט גערופן אויף קאָנסולטאַמס אין די הויכע פענצטער און דערפאַר גוט באַ-צאָלט. וואָס-זשע האָט אים געפעלט? געלט האָט ער פאַרמאָגט גענוג, ער זאָל קאָנען לעבן אויף אַ רייכן, פּריצישן שטייגער. כבוד? די והותר. אין די מעדיצינישע קרייזן האָט מען זיך מיט אים גערעכנט, ווי מיט אַן אָנגעזעענעם געלערנטן. די סטודענטישע יוגנט האָט אים ליב געהאַט, ווייל ער איז געווען פאַר'שמ'ט פאַר אַ ליבעראַל. כאָטש ער האָט נישט באַלאַנגט צו קיין שום פּאַרטיי, וואָס איז געווען אין אָפּאָזיציע צו דער רעגירונג, האָט ער אָבער זייער אָפט עפנטלעך קרי-טיקירט די אונטערדריקונגס־מעטאָדן, וואָס די צאַרישע אַדמיניסטראַ־ציע האָט אָנגענומען לגבי די ליבעראַלן און סאָציאַליסטן. ער איז געווען זאַט מיט עושר און מיט כבוד. און איצט? ווען נישט די טייערע חפצים פון אַמאָל, וועלכע מען פאַרקויפט צוביסלעכווייז אויף דער סוכאַרעווקא, וואָלט זיין הויזגעזינד שוין לאַנג געווען אויסגעגאַנ-גען פון הונגער.

„אין אַ חורבה האָבן זיי פאַרוואַנדלט רוסלאַנד. מיט יעדן טאָג ווערט אַלץ ערגער. ממש אומגעקערט זיך צום לעבנס־שטייגער פון די פּרימיטיווע פעלקער. אַ שטיקל מאָגער פלייש איז אַ יקר המציאות."

ער האָט זיך געווערט, ניט געוואָלט אָפּפאָרן פון מאָסקווע און אי־בערלאָזן זיין פאַמיליע אויף הפקר. אָבער זיינע אייגענע האָבן זיך איינגעע'עקשנ'ט און צוגעשטאַנען צו אים, ער זאָל פאַרלאָזן מאָסקווע ביי דער ערשטער געלעגנהייט. ער ליידט פון אַ הויכן בלוט-דרוק. אויף דער פּראָווינץ, וואו דאָס לעבן איז רואיקער און שטילער, האָבן זיי גע'טענה'ט, וועט ער אפשר קומען צו זיך. ער האָט זיי צוליב גע-

טאָן און אָנגענומען דעם פאָרשלאַג פונם רויטן קרייץ, ער זאָל תיכף ומיד אָפּפאָרן אויף יענער זייט וואָלגאַ און דאָרטן אויספאָרשן די פאַלן פון כאָלעראַ.

פראָפעסאָר קאָזלאָוו האָט מיטגענומען עטלעכע מעדיצינישע ביכער און איבערגעלאָזט זיין רחבות׳דיקן קאַבינעט, מיט גרויסע פאָליצעס ווערטפולע ביכער, אויף הפקר. ער איז אין שטענדיקער מורא, טאָמער ווען די באָלשעוויקעס, אין זיין אָפּוועזנהייט, רעקוויזירן זיין גרויסע ביבליאָטעק. די זאָרג פאַרן רחבות׳דיקן קאַבינעט לאָזט אים נישט אָפּ די גאַנצע צייט. ער איז כמעט ווי זיכער, אַז ער איז באַגאַנגען אַ נאַרישקייט, וואָס ער האָט זיך געלאָזט איבעררעדן פון זיינע אייגענע און פאַרלאָזט מאָסקווע. אַ נאַרישקייט, וואָס מען קאָן נישט צוריקכאַפּן. ער איז געזעסן אויסגעבויגן איבערן טעלער, ווי שטאַרק ארייגעטאָן אין דער אכילה. זיינע געדיכטע האָרבאַטע ברעמען האָבן זיך אַראָפּגערוקט אויף די מוטנע טונקעלע אויגן. ער האָט געגעסן אָן אַפּעטיט. מחשבות, אָנגעפולטע מיט אומעט, האָבן זיך צעלייגט אין זיין מח און ווי אַ לייכטער טשאַד אים געשלעפערט.

אַפאַנאַסי טראָפּימאָוויטש וואָדיאַנאָי האָט זיך בשום אופן נישט געקאָנט באַפרייען פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט, ווען ער איז געווען אַ גאַנצער מאַכער אין דער מאָסקווער זעלבסט-פאַרוואַלטונג. דאַכט זיך ערשט נעכטן האָט רוסלאַנד אָנגעהויבן צו מאַכן די ערשטע טריט פון אַ פרייער דעמאָקראַטישער רעפּובליק — און מיטאַמאָל אויס! די ביקס האָט זיך צעקנאַקט איבער דער גרויסער רוסלאַנד אַלץ הילכיקער און אָפטער. ס׳איז אָבער ביי אים קיין שום ספק נישט געווען, אַז דאָס, וואָס קומט פאָר אין לאַנד, איז אַ גרויסער טעות. עס האָט געדאַרפט און עס וועט זיין אַנדערש! ער האָט זיך אָנגעלענט אויפן ווענטל פונם סקריפּנדיקן בענקל, האָט ארומגענעמען די אָנוועזנדע מיט אַ זיכערן בליק, ווי ער וואָלט גרייט געווען עפּעס אַזוינס איבערצוגעבן, וואָס וועט אַלעמען איבערצייגן, אַז די ראַטן־מאַכט וועט לאַנג נישט געדויערן. ווי מעג מען אָבער אַזוינס ארויפברענגען אויף די ליפּן? ווענט האָבן אויערן, בפרט נאָך די דינינקע ווענטלעך פון אַ וואַגאָן. האָט ער דערפאַר אַ זאָג געטאָן גלאַט אין דער וועלט אריין: — אַ פּאַסקודנער דרויסן, נישט, עס רעגנט און נישט עס ווערט שיין.

דאָקטאָר גרינבוים האָט צו אַלעמען געשמייכלט. דאָס שפּיציק בערדל, די פאַרקאַטשעטע גראָבלעכע ליפּן, די אויגן, רירעוודיקע, ווי גייענדיק וואסער, דאָס ווייך קויל, — אַלץ אין אים האָט געשמייכלט.

זיין שמייכל האָט ווי באַרואיקט אַלעמען — נעמט זיך נישט צום האַרצן, די שלעכטע צייט וועט פאַראיבערגיין. אָט וועל איך אייך דערציילן אַ פּיקאַנטנע מעשה:

— ווי געפעלט אייך, וואַסילי איוואַנאָוויטש, די געשיכטע מיט פּראָפעסאָר סאָראָקינס יונג ווייבל? צוריק מיט עטלעכע יאָר האָט זי זיך געבלאָזן ווי אַן אינדיק, „איך בין דעם באַוואוסטן פּראָפעסאָר סאָראָקינ׳ס פרוי!” ביי יעדער געלעגנהייט, צי ס׳האָט געפּאַסט, צי נישט, פלעגט זי אונטערשטרייכן, אַז אין די „הויכע פענצטער” רעכנט מען זיך שטאַרק מיט זיינע פּאָליטישע אַנשויאונגען. איצט, ווען פּראָפעסאָר סאָראָקין איז אַראָפּ פון זיין אַמאָליקער גדולה, האָט זי אים אָפּגעזאָגט און טאַקע באַלד חתונה געהאַט מיט אַן אַנדערן. און מיט וועמען!

דאָקטאָר גרינבוים האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף א ווײַלע, האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, ווי עס וואָלט אים נישט געווען אַנגענעם איבער־צוגעבן אַזאַ שלעכטע בשורה, און שטיל פאַרענדיקט:

— מיט פעדקאָן, זייער אַמאָליקן באַדינער. מען שמועסט, אַז ער איז אַ גאַנצער מאַכער ביי די באָלשעוויקעס.

— וואָס איך הער? מיט פעדקאָן? — ווערט נשתומם פּראָפעסאָר קאָזלאָוו. זיין רעכטער ברעם לאָזט זיך אַראָפּ, דאָס אויג ווערט האַלב צוגעמאַכט. ער חזר׳ט איבער, שוין אַן אַ פראַגע — מיט פעדקאָן. דאָס לעצטע וואָרט האָט ער אַרויסגערעדט מיט א יאוש׳דיקן זיפץ, גלייך ווי דאָס, וואָס פּראָפעסאָר סאָראָקינ׳ס יונג ווייבל האָט חתונה געהאַט מיט פעדקאָן, האָט שוין איבערגעפּולט דעם בעכער פון פּיין און קיין האָפענונג איז שוין נישטאָ.

— איך וואונדער זיך אויף אייך, וואַסילי איוואַנאָוויטש, וואָס איר זענט געוואָרן אַזוי איבערראַשט, איז געוואָרן ערנסט דאָקטאָר גרינבוים: — ווי קומט זי צו פּראָפעסאָר סאָראָקין? זייער חתונה איז פון אָנהויב אָן געווען א טעות. זי און פעדקאָ זיינען א גלייך פּאָרל.

שולץ, וואָס האָט געשוויגן די גאַנצע צייט, האָט פּלוצים געקראָגן לשון.

— איך בין פולשטענדיק מסכים מיט יעפים סאָלאָמאָנאָוויטש. פּראָפעסאָר סאָראָקין האָט קיין שום רעכט ניט געהאַט חתונה צו האָבן מיט אַזאַ וואולגאַרער און לייכטזיניקער פרוי!

פאַר אַ ווײַלע האָט שולץ נישט אַראָפּגענומען פון די אָנוועזנדע זיינע גרינלעך־בלאָע אויגן, ווי ער וואָלט אַכטונג געגעבן, צי דער עולם

באַציט זיך צו זיינע רייד מיט געהעריקער חשיבות. ער איז געווען אַ שווייגער, שולץ. האָט זעלטן אַרויסגערעדט אַ וואָרט. האָט ער זיך אַרויסגעזאָגט וועגן אַן עניך, איז דאָס געווען נישט קיין מיינונג, נאָר אַ געבאָט, שטרענג און שאַרף פאָרמולירט. באַווייזן אים, אַז ער איז אומגערעכט, איז געווען אַן איבעריקע זאַך. קיינע אַרגומענטן האָבן אויף אים נישט געווירקט.

מאַריע ניקאָלאַעוונאַ'ן איז נישט אָנגעשטאַנען, וואָס דער גע־שפּרעך וועגן פּראָפעסאָר סאָראָקינ'ס יונג ווייבל האָט זיך געענדיקט מיט שולצעס אורטייל: לייכטזיניקע, וואולגאַרע פרוי! כאָטש זי האָט מסכים געווען מיט זיין אורטייל, ווייל ווי קומט א פּראָפע־סאָרס א פרוי צו פעדקאָ'ן, האָט זי דאָך אָבער נישט געקאָנט פועלן ביי זיך, אַז דער געשפּרעך זאָל זיך ענדיקן מיט די שטרענגע ווערטער „לייכטזיניקע, וואולגאַרע פרוי", ווי דאָס לעצטע קאַפּיטל פון א בוך. גלייך ווי די דאָזיקע שטרענגע ווערטער וואָלטן געמיינט נישט נאָר פּראָפעסאָר סאָראָקינ'ס יונג ווייבל, נאָר יעדע פרוי. מאַריע ניקאָ־לאַיעוונאַ האָט זיך אָנגערופן — מיינע טייערע! איילט זיך נישט מיטן אורטייל „שולדיק". האָט איר שוין פאַרגעסן די ווערטער פונם דיכטער: באַשולדיק נישט, ווייל מיר אַלע זיינע מענטשן!

ס'האָט מאַריע ניקאָלאַיעוונאַ'ן זייער געאַרט, וואָס ביים ערשטן מאָלצייט אינם צוג נומער זיבן הערשט אַזאַ אָבלדיקע שטימונג. זי האָט זיך באַמיט אָנצוהאַלטן אַ לייכטן סאָלאָן־געשפּרעך. האָט אָבער נישט געפונען קיין פּאַסיקע ווערטער. ווי אויף צו להכעיס זיינען אַלע ווערטער, וואָס זיינען איר געקומען אויפן זינען, געווען אַזעלכע שווערע, זיבן־פודיקע, נישט צו רירן זיי פון אָרט. און דער געשפּרעך האָט זיך איבערגעריסן זייער שנעל, ווי א שוואַכער פאָדים אין א קנויל.

דער איינציקער, וואָס האָט געשוויגן די גאַנצע צייט פונם מאָל־צייט, איז געווען וואָלאָך. ער איז געזעסן מיט אַ מינע פון איינעם, וואָס איז אריינגעפאַלן אין אַ פרעמדער סביבה, און היט זיך מיט אַ וואָרט אַרויסצוכאַפּן, ער זאָל חלילה נישט אריינפאַלן ווי א יון אין סוכה. ער האָט אַלעמען באַקוקט, באַטראַכט, ווי א חיה, וואָס פאַלט אריין אין א פרעמדער סטאַדע. זיין לענגלעך־טונקל פנים האָט זיך געקנייטשט און אויסגעזען פאַר'חידוש'ט. ער האָט, דאכט זיך, אַזוינע מענטשן קיינמאָל ניט באַגעגנט. ער האָט פאַרבלאָנדזשעט, ער איז אין אַ פרעמד הויז. די בעסטע זאַך וואָלט געווען, ווען ער קאָן אַנטרו־נען ווערן פון דאַנען. קיינער ווייסט עס סיי ווי נישט באַמערקן, ווי מען

באַמערקט נישט, ווען אַ זייטיקער מענטש שאַרט זיך אַרויס פון אַ צי־מער, וואָס איז פול מיט אייגענע.

פון אַלע אַנוועזנדע איז נאָר פּיאָטר נישט געווען באַ'צער'ט. ער האָט אַרומגעשוועבט אַרום טיש געשווינדט און פּאַרזיכטיק. מיט זייטי־קע בליקן האָט ער געקוקט אין אַלע זייטן — נאָך אַ גלאָז וואַסער? נאָך אַ טעלער? איז דער לעפל נישט ריין? האָט אים עמיצער אַ רוף געטאָן: פּיאָטר!, זיינען זיינע גרויסע שוואַרצע אויגן געוואָרן נאָך גרע־סער, זיינע ליפּן האָבן זיך פאַר'חידוש'ט אויסגעצויגן — וואָס? האָב איך עפּעס געטאָן נישט ווי עס באַדאַרף צו זיין, וועל איך עס באַלד פאַרריכטן. פעלט עפּעס, וועל איך עס תיכף ומיד דערלאַנגען.

פּיאָטר'ס האָר זיינען גלאַט פאַרקעמט, רירן זיך נישט פון אָרט. ווי דיסציפּלינירטע סאָלדאַטן אויף דער וואַך. אַזאַ געהאָרכזאַמקייט האָט ער דערגרייכט דורך באַנוצן אַ געדיכטע פעטע זאַלב. ביי אים האָט איבערהויפּט אַלץ געמוזט זיין אין אָרדענונג. ער שטאַמט דאָך נישט פון אַ דאָרף. ער קומט פון אַ גרויסער שטאָט אין עסטרייך. שוין אַ פּאָר יאָר, אַז ער איז אריינגעפאַלן צו די רוסן אין פּלען. ער טראַכט נאָר פון איין זאַך. אַז די גוטע שעה וועט קומען, און אַלץ וועט זיך באַרואיקן, — וועט ער תיכף ומיד פאַרלאָזן רוסלאַנד. ער האָט שוין עטלעכע מאָל געפּרובירט אַרויסרייסן זיך פון דאַנען, אָבער עס גייט נישט. מוז מען האָבן געדולד און דערווייל אויסזוכן זיך אַ פּלאַץ, וואו מען קאָן רואיק איבערוואַרטן די שלעכטע צייט. ער איז כמעט ווי זיכער, אַז דער צוג נומער זיבן איז זיין לעצטער עטאַפּ אויפן וועג אַ היים, קיין סלאָוואַקיע.

3

צום עס־וואַגאָן איז געווען צוגעטשעפּעט דער סאַניטאַרן־וואַגאָן, וואו עס האָבן געוואוינט דער מעכאַניקער, די וועשערין, די קעכין, דער קעלנער און די סאַניטאַרן, פעטראָוו און גאַלוביאָוו. דער סאַניטאַרן־וואַגאָן, אַ געוויינלעכער וואַגאָן פונם דריטן קלאַס, האָט נישט געהאַט קיין שום באַפּוצונגען. די אונטערשטע און אויבערשטע הילצערנע בענק האָבן אויך געדינט ווי בעטלעך צום שלאָפן. אַ פּאָר קליינע פּיר־שויביקע פענצטער האָבן קוים דורכגעלאָזט גענוג ליכט, אַז אין וואַגאָן זאָל זיין האַלב־טונקל. אין דרום־מערב'דיקן ווינקל איז געשטאַנען אַ טיש מיט אַ פּאָר בענק, — דאָס עס־צימער.

באַטראַכטנדיק די עטלעכע מענטשן, וואָס זיינען געזעסן אַרום אַ קליינעם טיש, אַ צוגעדעקטן מיט אָפּגעריבענער סיראַטע, און געשמאַק געגעסן, האָט מען געקאָנט מיינען, אַז דאָ זיינען זיך צוזאַמענגעקומען זייער נאָענטע מענטשן, וואָס האָבן זיך שוין נישט געזען אַ לאַנגע צייט. אין דער אמת'ן זיינען די אָנוועזנדע זיך געווען ווילד פרעמד, האָבן זיך אין זייער לעבן קיינמאָל נישט באַגעגנט, האָבן געלעבט אין באַזונדערע טיילן פון לאַנד און באַווירקט געוואָרן פון באַזונדערע לעבנס־שטייגערס. איין זאַך האָט זיי פאַרברידערט — זיי האָבן זיך אַרויסגעריסן פון מאָסקווע. דאָרטן, צווישן סאָלידע שטיינערנע ווענט, האָבן זיי זיך געפילט נישט זיכער, ווי אַלץ וואָלט זיך געוואַקלט אונטער זייערע פיס. דאָ, צווישן הילצערנע דיגענקע ווענטלעך פון אַלטע וואַגאָנען, האָבן זיי זיך געפילט, ווי מענטשן, וואָס האָבן זיך אומגעקערט אַהיים נאָך לאַנגע וואָגלענישן איבער אַלע עקן וועלט.

דער ערשטער מאָלצייט אין סאַניטאַרן-וואַגאָן איז געווען אַ יום־טוב'דיקער, כאָטש קיינער האָט זיך נישט באַמיט צו מאַכן אים יום-טוב'דיק. אָלגאַ דער קעכינס פאַרשוויצט פּנים האָט געשיינט פון אינערלעכער פרייד. כאָטש זי איז געווען מיד פונם שטיין ביים אויוון עטלעכע שעה דורכאַנאַנד, האָט זי דאָך גוטמוטיק געשמייכלט, ווען זי האָט צוגעטראָגן צום קליינעם מויל דעם הייסן לעפל זופּ. שוין לאַנג אַז זי האָט נישט פאַרזוכט אַזאַ געשמאַקן פעטן זופּ. זי איז איבערגליקלעך, וואָס זי האָט זיך אַרויסגעריסן פון מאָסקווע. זי האָט זיך גענוג אָנגעליטן די לעצטע פּאָר יאָר.

דער סאַניטאַר פּעטראָוו האָט ממש געשמאָלצן זיך פאַר נחת. נאָך יעדן געריכט האָט ער מיט דער רעכטער האַנט אָפּגעווישט די געלע וואָנצעס (אַ שטיק רעכטע וואָנצע איז געווען פאַרשאַרט אין דער לינקער זייט — און זיין פּנים האָט אויסגעזען א ביסל קרומלעך) האָט אַ טשמאָקע געטאָן מיט די ליפּן און, קוקנדיק אויף אָלגאַן, באַמערקט:
— גאָלדענע פּאָטראַוועס גרייטסטו צו, טייערינקע!

אָלגאַן האָט עס זייער געשמייכלט. זי האָט שטאַרק ליב געהאַט צו הערן, ווי מען לויבט איר קאָכן. היינט איז זי באַזונדערס נייגעריק צו הערן א גוט וואָרט וועגן איר קאָכן. ס'איז דאָך צום ערשטן מאָל, ווען אין צוג נומער זיבן פאַרזוכט מען אירע צוגעגרייטע מאכלים. זיי וועלן זיך גיך איבערצייגן, אַז זי איז נישט אַבי ווער. זי איז ניט סתם אַ קעכין. זי האָט געדינט אין די בעסטע מאָסקווער הייזער. אומעטום איז מען געווען צופרידן מיט איר אַרבעט. ס'האָט קיינמאָל

ביט געטראָפן, אַז מען זאָל איר אָפּזאָגן פון אַ שטעלע. אָלגאַ איז גע-זעסן אַ צופרידענע, מיט אַ דינעם שמייכל אויף די ליפּן.

אַפילו דער סאַניטאַר גאָלוביאָוו, וואָס איז גלייכגילטיק צו אַלץ און אַלעמען, אַפילו ער איז געוואָרן אַ ביסל רירעוודיק, ווען ס׳האָט אַ זעץ געטאָן פון דער ברייטער פולער שיסל אַ הייסע געשמאַקע פאַרע. ער איז ווי געוויינלעך געזעסן לעם פּעטראָוון (פּעטראָוו פלעגט אים שטענדיק אָנווייזן אַ פּלאַץ לעבן זיך) אַ ביסל אָפּגערוקט פון אים. נאָך יעדע עטלעכע לעפל געקעכץ האָט גאָלוביאָוו אָפּגעלעקט מיט דער צונג די טונקל־בלאָנדע וואָנצעס און אַ זייטיקן בליק געוואָרפן אויף פּעטראָוון, ווי ער וואָלט זיך וועלן איבערצייגן, צי פּעטראָוו זיצט ווירקלעך לעבן אים.

אויפגעלייגט מער פון אַלעמען איז געווען פּיאָטר. מיט אַ זאָרג-לאָזן שמייכל אין די אויגן האָט ער אַלע ווײַלע עמיצן אַנדערש זאָ־טשעפּעט:

— נישט געאײַלט זיך, פּעטראָוו, עס וועט נאָך חלילה אַרײַן אין דער לינקער כלי! אָלגאַן איז גוט, זי עסט זיך אָן אין קיך, ווען קיינער זעט נישט. און דאָ קאָן זי זיך אויפפירן, ווי אַ באַרישניאַ. עסט פּאַמעלעך און מיט אַ מאָס. נישט ווי מיר, כאַפּ־לאַפּ.

פּיאָטרן איז זייער גוט אויפן האַרצן. שוין לאַנג, אַז ער האָט נישט פאַרזוכט דעם טעם פון אַ רואיק שטיל לעבן. וואו האָט ער זיך שוין נישט אויסגעוואָלגערט, זינט ער איז אַרײַנגעפאַלן צו די רוסן אין פלען? אין די שמוציקע באַראַקן פאַר געפאַנגענע, וואו דאָס לעבן איז אים נמאס געוואָרן צען מאָל אַ טאָג. אויף די פאַלוואַרקן פון די רייכע גוט־באַזיצער, וואו מ׳האָט פאַרשטופּט מיט אים אַלע לע-כער. דאָרטן איז נאָך געווען נישט צו פאַרזינדיקן. ער האָט כאָטש געקראָגן ברויט צו זאַט און אַ דאַך איבערן קאָפּ. נאָך דער איבער-קערעניש האָט ער באַשלאָסן אַרויסצורײַסן זיך פון רוסלאַנד. האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה וואָקזאַלן, שמוציקע, פינסטערע. אַזוי־פיל מענטשן אין איין צימער! קעפּ אויף קעפּ, פיס אויף פיס, הענט אויף הענט, — אַ קנויל פון קעפּ, פיס און הענט. איין מענטש איז אַרײַנ-געפלאָכטן אין צווייטן. אַ ביטערע צייט! ער האָט זיך נישט געקאָנט אויסמאָלן, ווי אַזוי ער וועט זיך אַרויסרײַסן פון דעם דאָזיקן עיפּוש. נישט איינמאָל האָט אים דער יאוש אונטערגעזאָגט, אַז ער וועט שוין אַ לעבעדיקער פון דאָרטן נישט אַרויס. דאָ, אויפן צוג נומער זיבן, איז דאָך ממש אַ גן־עדן!

פיאָטר איז זייער אויפגעלייגט. ווען די פולע ברייטפּלייציקע קסעניאַ, די וועשערין, גייט פאַרביי, טראָגנדיק אין די הענט אַ שיסל קאַשע, מוז ער זי פאַרטשעפּן.

— שטאָפּ אים אָן, גוידאַן, מאַך אים א ביסעל פעטער. וועט עס זיין א גלייך פּאָרל. אַנדערש וועט עס אויסזען לעפּיש. ער — אַ דיי־נער, אַ מאָגערער. דו — אַ ברייטע, אַ פעטע.

אַלע לאַכן. קסעניא איז אים אפילו נישט מזכה מיט אַ בליק. „זאָל ער שפּעטן, דער נישט־פאַרגינער. גוידא געפעלט איר ווי ער איז. הלוואי ענדיקט זיך וואָס גיכער די סומאַטאָכע, איז זי גרייט אפילו צו פאַר־לאָזן רוסלאַנד צוליב אים.״

גוידא שטייט אָפּט צו צו איר, זי זאָל אים צוזאָגן, אז ווי נאָר די צייט וועט זיך באַרואיקן, וועלן זיי תיכף ומיד אַרויספאָרן פון רוס־לאַנד. ס׳איז איר שווער, זייער שווער, טענה׳ט זי, צו שיידן זיך מיט איר געבורטס-אָרט. דערביי גיט זי תמיד אַ זיפץ.

זיי וואוינען אין אַ קליין צימערל, אין סאַניטאַרן-וואַגאָן. דאָרטן עסן זיי אויך. גוידא איז איצט אין אַ גוטער שטימונג. דאָ איז אסך בעסער ווי אין מאָסקווע. דאָרטן איז אָנגעקומען מיט גרינע ווערים צו קריגן א שטיקל שוואַרץ ברויט. דאָ ביזטו פאַרזאָרגט מיט אַלע־מען: עסן, טרינקען, אַ וואַרעם געלעגער. אין דער אַרמיי איז פאַרט מער אָרדענונג, ווי אין די שטעט.

— האַ, וואָס האָב איך דיר געזאָגט, קסעניא? — מאַכט ער צו איר, ווען זי קומט אַריין מיט דער שיסל קאַשע. — מיליטער איז מיליטער, אָרדענונג. אַפילו ביי די רויטע. נישט ווי אין מאָסקווע, פּגר אויפן פּיסק.

גוידא האָט נישט באַהערשט די רוסישע שפּראַך, איז זיין אופן ריידן געווען — ווערטער איינציקע, באַזונדערע, ווי זיי וואָלטן זיך נישט אָנגעקערט איינער מיטן אַנדערן. נאָך יעדן וואָרט וואַרטסטו מיט אומגעדולד אויף א צווייטן, כדי ס׳זאָל קלאָר ווערן, וואָס ער מיינט. מאַכט זיך, אַז דאָס צווייטע וואָרט קומט אינגאַנצן נישט. ער האָט עס ניט געקאָנט אַרויסברענגען, אַראָפּגעשלונגען עס און אויס וואָרט. בשעת גוידא האָט גערעדט, האָט דער עולם געקוקט אויף אים מיט ברייט-צעעפנטע אויגן, כדי חלילה נישט צו פאַרלירן אַ מינע, און דאָך אָפּט געבליבן אַנטוישט, ניט געכאַפּט, וואָס ער מיינט. ער האָט דערפאַר מיט קיינעם ניט פאַרפירט קיין געשפּרעך. אָפּגעטאָן זיין אַרבעט, איז ער געזעסן ביי זיך אין צימער. קסעניא האָט זיך אַזוי צוגעוואוינט צו

אים, אַז זי האָט אים פֿאַרשטאַנען אויפֿן וואונק. איין וואָרט, אפֿילו ניט אינגאַנצן אַ דערזאָגטס, איז געווען גענוג, אַז זי זאָל זיך אָנשטויסן, וואָס ער מיינט.

— ער איז שוין ווידעראַמאָל אַרויס מיט זיין מיליטער. גלייך ווי ער וואָלט געווען אַ גענעראַלס אַ זונדל. עס שוין, עס. און לאָז דאָס מיליטער צורו.

קסעניאַ איז איצט געווען תקיפֿדיק ביי זיך. זי האָט אריינגע־בראַכט אַזאַ גרויסע שיסל קאַשע. גוידא האָט איר זעלטן אָפּגעשוויגן — וואָס פֿאַרשטייט זי, אַ פּשוט'ע פּויערטע, וואָס קאָן נישט לייענען און שרייבן? אָבער דאָסמאָל, ביים ערשטן מאָלצייט אין צוג נומער זיבן, האָט ער איר פֿאַרשוויגן. זאָל זיינס איבערגיין. ער האָט אַ וויש געטאָן די וואָנצעס און גענומען זיך צו דער פּעטער הייסער קאַשע.

4

ס'האָט נישט גענומען לאַנג און ס'איז ביי קיינעם אין עס-וואַגאָן נישט געווען קיין שום ספק, אַז וואָלאָך איז נישט קיין פֿאַרשטעלטער קאָמוניסט און וועט קיינעם פֿאַר דער ראַטן-מאַכט נישט מסרן. ס'איז געווען א מחיה. מ'האָט געקאָנט פֿראַנק און פֿריי רעדן וועגן אַלץ און אַלעמען און נישט מורא האָבן פֿאַר קיינעם. ווי אין א באמת פֿרייער מדינה, וואו יעדער איינער איז פֿון קיינעם נישט געשטערט צו קריטי־קירן אַפֿילו דעם הויפּט פֿון דער מלוכה...

מער פֿון אַלעמען האָט זיך געהיצט וואָדיאַנאָי. ער האָט זיך אַ דריי געטאָן אויפֿן בענקל, אַרויסגענומען די ליולקע פֿונם רעכטן מויל־ווינקל. זיין קול איז געווען שפּיציק - אויסגעצויגן. די ווערטער זיינען אַרויסגעקומען לאַנגע און דינע און געקאָנט דערגרייכן אפֿילו די ווייטסטע ווינקעלאך פֿונם לאַנגן שמאָלן קאָרידאָר.

— ווען א רעוואָלוציאָנערע פֿאַרטיי צעטרייבט די גרינדונגס-פֿאַר־זאַמלונג, דעם טרוים פֿון רוסלאַנדס בעסטע מענטשן, איז דאָס נישט דער בעסטער באַווייז, אַז די דאָזיקע פֿאַרטיי איז אין תוך רעאַקציאָנער?

וואָדיאַנאָיס באַקן זיינען איינגעפֿאַלן, די ליפּן — אויסגעצויגן. אויף זיין אויסגעבלייכט פּנים זעען זיך שאַרפֿער אַרויס די רויטע פּרישטשעקלאך. ער האָט אריינגעשטעקט די ליולקע צווישן די שי־טערע ציין און באַטראַכט יעדן איינעם מיט א מינע: האָט עמיצער דען

וואָס אויסצוחעצן? ס'איז דאָך קלאָר ווי דער טאָג, אַז איך בין גע־רעכט.

דאָקטאָר גרינבוימס קול האָט געקלונגען מיט באַדויער. די באַ־מערקונג האָט ער אָנגעהויבן מיט זיין געוויינלאַך קול, אָבער פאַרענ־דיקט מיט אַ טאָן נידעריקער. ווי ער וואָלט עפּעס נישט דערזאָגט, מורא געהאַט אַרויפצוברענגען אויף די ליפּן ווערטער, וואָס יאָגן אָן אַ פּחד...

— ס'איז טאַקע נישט צו פאַרשטיין, פאַרוואָס לענין האָט צע־טריבן די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג. מיט זיין געוואַגטן שריט האָט ער דאָך אַריינגעוואָרפן דאָס לאַנד אין אַ בירגער קריג, וואָס ווער ווייסט, ווי ער וועט זיך ענדיקן.

— איר ווייסט נישט, ווי ער וועט זיך ענדיקן? — האָט פּראָפע־סאָר קאָזלאָוו אויפגעהויבן זיין מידן קאָפּ. דער בליק, די ווערטער זיי־נען געווען שטעכיק, ווי דאָס בלאַנזשע בערדל. — דער בירגער קריג וועט זיך ענדיקן דערמיט, וואָס פון דער אַמאָליקער גרויסער רוסלאַנד וועט ווערן אַ גרויסער בית הקברות.

די לעצטע ווערטער זיינען אַרויסגעקומען מיט אַ כריפּ, ווי זיי וואָלטן זיך אַרויסגעריסן דורך אַן ענגען דורכגאַנג. פּראָפעסאָר קאָז־לאָוו האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, האָט געהאַלטן די רעכטע האַנט אַרום אַ הייסער גלאָז טיי, וואָס איז געשטאַנען לעבן אים.

אַזאַ מזל האָט שוין וואָלאָך. געפינט ער זיך צווישן באָלשעווי־קעס און זיי שיטן פעך און שוועבל אויף דער אויסלענדישער בורזשו־אַזיע, וואָס העלפט די ווייסע גוואַרדייצעס מיט געלט און אמוניציע, זיינען זייערע צאָרנדיקע רייד געווענדט צו אים, ווי צו אַ פאַרטרעטער פון דער אויסלענדישער גרויס־בורזשואַזיע. געפינט ער זיך צווישן געגנער פון פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור און זיי זיינען אש להבה אויף די באָלשעוויקעס, וואָס פאַרוואַנדלען דאָס פרייע רוסישע פאָלק אין געהאָרכזאַמע קנעכט, — איז ער אין דעם אַלעמען שולדיק. ביי די באָלשעוויקעס איז ער אַ קאָנטער-רעוואָלוציאָנער, און ביי זייערע געג־נער — אַ פייערדיקער באָלשעוויק.

די פּראָנזן פון דער סאָלפּעטקע, וואָס איז געלעגן לעבן וואָלאָכן, זיינען געווען פאַרדרייט. ער האָט זיי פאַמעלאַך צענומען, איינס ביי איינס, און פאָרזיכטיק צוגעגלעט. ער האָט נישט געקוקט אויפן עולם. האָט אָבער געפילט, אַז זייערע רייד און בליקן זיינען גע־ווענדט צו אים, גלייך ווי ער האָט צעטריבן די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג,

צוג נומער זיבן

ער איז שולדיק אינם בירגער קריג, וואָס זייעט איבערן לאַנד טויט און פאַרוויסטונג. זיין טונקל אָפּגעצערט פּנים האָט זיך לייכט גע־קנייטשט. ער האָט דאָך געליטן פונם בירגער־קריג א סך מער, ווי די אַנדערע. זיינע אייגענע און נאָענטע זיינען פּאַרטיליקט געוואָרן אָן שום רחמנות.

„געוויס איז וואָדיאַנאָי גערעכט. מ׳האָט נישט געטאָרט צע־טרייבן די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג און דערמיט פּאַראורזאַכן דעם בירגער־קריג, וואָס ווער ווייסט, מיט וואָס ער וועט זיך ענדיקן. וואָר־זשע האָט אָבער געבראַכט דערצו, אַז די באָלשעוויקעס זאָלן פּאַרכאַפּן די מאַכט און האַנדלען אַזוי, ווי זיי מוזן, אַלס באָלשעוויקעס, האַנדלען? די ציטוויילִיקע רעגירונג! ווייל זי האָט זיך געטאָפּטשעט אויף איין אָרט און גאָרנישט ניט געטאָן.“

דער איבערגאַנג פון שווייגן צו ריידן איז ביי וואָלאָכן אַ שווערער. מ׳האָט געקאָנט באַשיינפּערלאַך זען, אַז ער שטרענגט זיך אָן, איידער זיינע צוזאַמענגעקוועטשטע ליפּן צענעמען זיך. זיין ערשט וואָרט קומט אַרויס, ווי אַן אַרויסגעקנאַקטער קאָריק פון אַ פלאַש. דערפאַר, קאָן זיין, אַז ער האָט שוין אָנגעהויבן צו ריידן, האָט ער שוין גערעדט פאַר פייער און פאַר וואַסער. ער האָט ווי געפילט, אַז, שטעלט ער זיך אָפּ אויף אַ ווײַלע, וועט אים שווער זיין נאָכאַמאָל אָנצוהויבן.

ס׳איז אָנגעקומען מיט כריין אריינצוציען וואָלאָכן אין אַן ערנסטן געשפּרעך. האָט ער זיך שוין צערעדט, איז ער נישט אָפּגעקומען מיט שיע־פּיע. ער האָט באַלויכטן דעם ענין פון אַלע זייטן, געשטעלט פראַגן און געענטפערט אויף זיי, אַרויסגעבראַכט ווידערשפּרוכן און גע־קומען צו אַ קלאָרער תשובה. דאָס פלעגט טרעפן, ווען ספקות און תשובות אין אַ בייזאַנדיקן קאַמף צווישן זיך האָבן אים געמאַטערט אַ לאַנגע צייט. געדאַנקען און געפילן, פּערזענלאַכע איבערלעבונגען און וויכטיקע געשעענישן, שמועסן מיט באַקאַנטע און קריגערייען מיט זיך אַליין, — דאָס אַלעס, צוזאַמענגעפּלאָכטן אין אַ קנויל, האָט בייגעקו־מען זיין עקשנות׳דיק שווייגן. זינט ער געפינט זיך אין צוג נומער זיבן הערט ער טאָג איין טאָג אויס די זעלבע רייד, — די זעלבע קלאָג רייד, די זעלבע שטראָף רייד. פּאַרוואָס די באָלשעוויקעס אַזוי, פאַר־וואָס די באָלשעוויקעס אַנדערש. די באָלשעוויקעס האָבן פאַרראַטן די דעמאָקראַטישע לענדער פון מערב איראָפּאַ, די באָלשעוויקעס וועלן דערפירן צו א צעברעקלונג פון רוסלאַנד, זיי וועלן פאַרוואַנדלען רוס־

לאַנד אין אַ בית עולם. ער קאָן שוין מער ניט שווייגן! נאָר חסרונות זוכן זיי אין די האַנדלונגען פון די באָלשעוויקעס, גלייך ווי די צייטווייליקע רעגירונג איז געווען גאָלע תכלית.

וואָלאָך האָט שווער אָפּגעאָטעמט, ווי ער וואָלט געשפּאַנט באַרג ארויף. ער האָט אוועקגעשאָרט פון זיך די סאַלפעטקע, האָט אויפגעהויבן די אויגן. אַ טיפער לענגלאכער קנייטש האָט זיך איינגעקאָרבט אין שטערן, לעבן רעכטן ברעם. ער האָט שוין פון אָנהויב געהעכערט דאָס קול און זיינע ווערטער זיינען געווען ווי גלעקער-געקלאַנג, וואָס נידערט אַראָפּ פון אַ הויכן טורם.

— איר זאָגט, אַז פון דער אַמאָליקער גרויסער רוסלאַנד וועט אין גיכן ווערן אַ גרויסער בית-עולם. (זיין בליק איז אויף אַ מאָמענט געפאַלן אויף פּראָפעסאָר קאָזלאָווס מיד פּנים.) ווער איז שולדיק אין דעם? דאָס רוסישע פאָלק איז מיד געוואָרן פון דער לאַנגער מלחמה און געגאַרט נאָך שלום. וואָס זשע האָט די צייטווייליקע רעגירונג געטאָן? זי האָט געהייסן די אויסגעמאַטערטע סאָלדאַטן ארויפקלעטערן אויף די הויכע קאַרפּאַטן און פאַרטרייבן פון דאָרטן דעם שטאַרקן שונא. איר פאַרשטייט, זי האָט געהייסן אַ מידן אומבאַוואָפנטן מענטשן זיך שלאָגן מיט אַ באַוואָפנטן גבור. זיינען אָנשטאָט זיגן געקומען אומפאַרמיידלאכע גרויסע מפּלות און די אַמאָליקע גרויסע רוסישע אַרמיי איז זיך צעפאַלן ווי אַ קאָרטן שטיבל. דאָס רוסישע פאָלק האָט געגאַרט נאָך ערד, נאָך דער ערד, וואָס איז געלעגן אין די הענט פון די פריצים. האָט די צייטווייליקע רעגירונג געגעבן דעם פויער די ערד? ניין! זי האָט צוגעזאָגט דורכצופירן וויכטיקע רעפאָרמען, וועלכע מען דאַרף באַטראַכטן געלאַסן, נישט געאיילט. זי האָט אין אַלגעמיין נישט געזשאַלעוועט קיין הבטחות. און מיט הבטחות קאָן מען אפשר קליינע קינדער באַרואיקן. דאָס פויערטום האָט זיך ניט באַרואיקט. אַ שטראָם פון אומצופרידנקייט האָט זיך צעגאָסן איבערן לאַנד. זיינען די באָלשעוויקעס געקומען און אַ הילך געטאָן: שלום און ערד! מיר וועלן באַלד שלום מאַכן מיטן שונא, מיר ווילן ניט קיין מלחמה! איר ווילט ערד? טרייבט אַראָפּ די פריצים פון זייערע אָנגעראַבעוועטע מאַיאָנטקעס און צעטיילט די ערד צווישן זיך. דאָס רוסישע פאָלק האָט זיך צוגעהערט צו די צוויי צויבער-ווערטער: שלום און ערד — און די באָלשעוויקעס זיינען די באַלעבאַטים איבערן לאַנד. ווער זשע איז שולדיק אינם בירגער קריג, איר צי זיי? איר, (ער האָט געטייטלט מיטן צייג-פינגער אויף די אַנוועזנדע) מיט אייער גאַרנישט

טאָן! און איר האָט קיין שום רעכט נישט אריינצורוקן שטעקנס אין די רעדער פונם באָלשעוויסטישן וואָגן! לאָזט זיי צורו אויף אַ שטיקל צייט. זאָלן זיי באַווייזן, וואָס זיי קאָנען אויפטאָן.

וואָלאָכס פּנים — אַן אָנגעצונדענער בליץ-לאָמפּ. בשעת ער ברענט, זעט מען אייגנטלאך נישט דעם לאָמפּ, נאָר זיין ליכט מאַניעט צו זיך. בשעת וואָלאָך רעדט, זעט מען נאָר זיינע אויגן, גרויסע, שוואַרצע, רעדעוודיקע. וואָלאָך אַליין איז אָפּגערוקט אין אַ זייט. זיינע אויגן האָבן געפרעגט קשיות און געענטפערט אויף זיי. זיינע אויגן זיינען געווען אַט שטרענג, אַט ווייך. דער עולם האָט זיך צוגעהערט צו וואָלאָכס הייסע רייד, ווער מיט אַ שמייכל און ווער מיט אָנגעברוגז'טע ליפּן.

5

דער אַרבעטס-טאָג אין סאַניטאַרן-וואַגאָן האָט זיך אָנגעהויבן זייער פרי. ס'איז אין דרויסן נאָך געווען פינצטערלאך, ווען אין קיך האָט שוין געקנאַקט דאָס אייוועלע און אָלגאַ איז געווען שטאַרק פאַרנומען מיט די טעפּלאך, וואָס זיינען געווען צעשטעלט אויף דער פּליטע. פון איין טאָפּ האָט זי אַראָפּגענומען דעם שוים, אין אַ צווייטן האָט זי געמישט מיט אַ גרויסן הילצערנעם לעפל, אַ דריטן טאָפּ האָט זי אַוועקגענומען פון פייער און אַוועקגעשטעלט אין אַ זייט, דאָס געקעכץ אין אים איז שוין פאַרטיק.

אָלגאַס פּנים איז פאַרפלאַמט און איר בליק איז אַן אָנגעשטרענגטער. ס'איז נישט קיין קלייניקייט אַכטונג צו געבן אויף אַזוי פיל טעפּ מיט אַמאָל, ווערסטו פאַרפעלן נאָר אויף עטלאַכע מינוט אַ בליק צו טאָן אויף אַ טעפּל, צעשרייט זיך עס מיט אַ זידיקן שוים אויף די ראַנדן און וואַרפט זיך ווי אין אַ קדחת.

אָלגאַ איז אַזוי פאַרטאָן מיט די טעפּ און טעפּלאך, אַז זי באַמערקט ניט, ווי קסעניאַ שאַרט זיך אַריין. קסעניאַ איז שטאַרק פאַרשלאָפן, אירע אויגן קלעפּן זיך און אַ לייכטער גענעץ גנבט זיך אַראָפּ פון אירע רויטע ליפּן. ווען נישט גוידאַ, וואָלט זי נאָך געקאָנט שלאָפן אַ ביסל, צו איר אַרבעט נעמט זי זיך ערשט נאָכן איבערבייסן. גוידאַ אָבער כאַפּט זיך אויף, ווען עס שאַריעט נאָך אויף טאָג. ער דאַרף עס זען, אַז די וואַגאָנען זאָלן זיין אָנגעוואַרעמט צום איבערבייסן. ווי נאָר ער קומט צוריק פונם וואַש־צימער, אַן אַרומגעוואַשענער, אַ פאַרקעמ-

טער, נעמט ער אַראָפּ פונם צוועקל די זשיקייקע, טוט איר אָן פעסט אויפן שפּיציקן קאָפּ, רוקט אַריין די קליינע פּיפּקע אין רעכטן מויל־ווינקל און נעמט מיט די דלאָטע און די אָפּצווענגע. מ׳האָט אים נאָך קיינמאָל נישט געזען, אַז די צוויי אינסטרומענטן זאָלן נישט אַרויס־שטעקן פון זיין לינקער האַנט. ווען עמיצער זאָל טרעפן גוידאן אַרומ־גיין איבער די וואַגאָנען אָן דער זשיקייקע אויפן קאָפּ, אָן דער פּיפּקע אין מויל און אָן די אינסטרומענטן אין דער לינקער האַנט, וואָלט ער זיך אָפּגעשטעלט אַ פאַר׳חידוש׳טער — וואָס איז געשען, האָ?

ווען גוידא איז שוין גרייט צו פאַרלאָזן דאָס צימער, בורטשעט ער אַרויס עטלאָכע ווערטער:

— פויל. נאַר שלאָפן. ווי אַ קאַץ. צייט אויפצושטיין.

גוידא האָט געריידט מיט אַ פאַרמאַכט מויל (אַניט וואָלט די פּיפּקע אַרויסגעפאַלן) די רייד זיינען אַרויסגעקומען ווי דורכגעזיפּטע מיט אַ געדיכטער רעשעטע — שטיקלאָך רייד.

קסעניאַ ליגט נישט לאַנג אין וואַרימען בעט. ווי נאַר גוידא פאַר־לאָזט דאָס צימער, גרייט זי זיך אויך אויפצושטיין. זי קווענקלט זיך אַ ביסל. דאָס וואַרימע געלעגער איז אַנגענעם און ווייך. אָבער זי איז גובר דאָס פוילקייט און שטייט אויף. איינמאָל האָט געטראָפן, אַז גוידאָ האָט זי נאָך געפונען אין בעט, ווען ער האָט שוין געהאַט איינ־געהייצט אַלע אויוונס און דער עולם האָט זיך שוין געקליבן צום אײַ־בערבייסן. אַ גאַנצן טאָג האָט ער זי געיאָדעט.

— פויל, שלאָפן. קיין דיסציפּלין.

שטייט זי דערפאַר אויף באַצייטנס, העלפט אַרויס אַלגאַן אָנצו־שיילן די קאַרטאָפלעס, אויסוויקן און אָפּשיילן די הערינג. זיי האָבן ווייניק געריידט צווישן זיך. אַלגאַ האָט בטבע נישט ליב געהאַט צו ריידן קיין סך און קסעניאַ איז נאָך געווען שלעפעריק.

שפּעטער אַ ביסל שטעלט זיך אַריין פּעטראָוו. ער איז שטענדיק גרייט אַרויסצוהעלפן אַלגאַן. כאָטש ער האָט צוגעזען, אַז עס זאָל זיין געענוג האָלץ און וואַסער אין קיך, האָט ער פונדעסטוועגן אַלע אינדערפרי אַ פרעג געטאָן:

— עס פעלט דיר גאָרנישט, אַלגאַ?

געוויינלאַך פלעגט זי ענטפערן:

— ס׳איז אַלץ דאַ איבערגענוג, פּעטראָוו.

אַמאָל האָט זי זיך געקלאָגט פאַר אים:

— דאָס האָלץ איז פיטש נאַס, איך ווייס נישט ווען דאָס עסן וועט

פֿאַרטיק ווערן. אָדער — דאָס פֿלייש קוקט מיר אויס נישט זייער פֿריש, עס זאָל זיך כאָטש נישט פֿילן ביים עסן.

ווען דער איבערבייסן איז שוין כמעט פֿאַרטיק, שטעלט זיך ערשט דענצמאָל אריין פּיאָטר. ער איז ריין אָרומגעוואַשן, די האָר זיינען פֿאַרקעמט מיט דער גרעסטער פּינקטלאַכקייט, דאָס כאַקענע העמדל איז אויסגעבערשט. מען זעט באַלד, אַז דער מענטש גייט ריין ארום זיך. אַלע אינדערפֿרי שטעלט ער די זעלבע פֿראַגע:

— וואָס זשע האָבן מיר, אָלגאַ, היינט צום איבערבייסן?

אָלגאַ ווייסט, אַז פּיאָטרן זיינען נאָך פֿון נעכטן אויפֿדערנאַכט באַקאַנט די צאָל און די נעמען פֿון די געריכטן. זי ענטפֿערט אים פֿונדעסטוועגן, אַז דער איבערבייסן באַשטייט פֿון די און די געריכטן.

ווען פּיאָטר האָט געקראָגן אַן ענטפֿער פֿון אָלגאַן, פֿון וואָסערע גע-ריכטן דער איבערבייסן באַשטייט, האָט ער וואָזשנע געלאָזט וויסן:

— איצט וועלן מיר גרייטן צום טיש.

ער האָט נישט פֿאַרפֿעלט אָנצושפּיגלען זיך. פֿאַרן אריינגיין אין עס־וואַגאָן, פֿלעגט ער שטיין אַ ווײַלע פֿאַרן שפּיגל, ווי אַן אַקטיאָר פֿאַרן ארויסטרעטן אויף דער בינע.

אין סאַניטאַרן-וואַגאָן האָט דער איבערבייסן לאַנג נישט געדוי-ערט. מען קאָן נישט זאָגן, אַז מ׳האָט זיך געאײַלט. וואָס ס׳הייסט אײַלן זיך ביי אַ מאַלצייט, איז דאָ גוט באַקאַנט, ווייל כמעט אַלע זיינען געווען פּראַנטאָוויקעס. ס׳האָט זיך ביי זיי נישט איינמאָל געטראָפֿן, אַז א מאַלצייט האָט געדויערט אַ פּאָר מינוט און היידא אין וועג אריין!

נאָכן איבערבייסן האָט זיך יעדער איינער גענומען צו זיין אַרבעט. אָלגאַ, נאָך אַ קליינעם אָפּרו, האָט זיך באַשעפֿטיקט מיטן מיטאָג. דאָס איז געווען דער שווערסטער מאַלצייט פֿאַר איר, ווייל ער איז באַשטאַ-נען פֿון א סך געריכטן. דערצו נאָך האָט מאַריע ניקאָלאַיעוונאַ נישט געקאָנט פֿאַרליידן, ווען איין מאָלצייט איז געווען ענלאַך צום צווייטן. יעדן אָוונט האָט אָלגאַ פֿאַרבראַכט ביי מאַריע ניקאָלאַיעוונא אין צי-מער א צען מינוט און זיך באַראָטן מיט איר וועגן די מאַרגנדיקע מאָל-צייטן. וועגן דעם איבערבייסן און דער וועטשערע האָבן זיי זיך לאַנג נישט געאַמפּערט. דער עיקר איז געווען שווער צונויפֿצושטעלן די געריכטן פֿאַרן מיטאָג. מאַריע ניקאָלאַיעוונא האָט כמעט יעדן אָוונט אויסגעגנישטערט אַ נייע פּאַטראַווע. און אַ נייע פּאַטראַווע צוגרייטן נעמט א סך לענגער ווי אַ געווייינלאַכן געריכט. און ביסט קיינמאָל נישט זיכער, ווי אַזוי די פּאַטראַווע וועט אַרויסקומען. פּאָרט אַ גע-

ריכט, וואָס גרייטסט נישט צו יעדן טאָג. איז דערפאַר דער מיטאָג ביי אַלגאַן אַ גרויסער עול. ווי נאָר זי פאַרענדיקט דעם איבערבייסן, נעמט זי זיך צום מיטאָג. זי וויל זיין זיכער, אַז דער מיטאָג וועט פאַרטיק ווערן צו דער באַשטימטער צייט.

אויך פעטראָוו נעמט זיך באַלד צו דער אַרבעט. נאָך פונם דאַרפישן לעבן איז ביי אים פאַרבליבן די געוואוינהייט נישט אָפּצולעגן אַן אַר־בעט אויף אַ לאַנגער באַנק. די אַרבעט, וואָס דאַרף אָפּגעטאָן ווערן, טאָר מען ניט אָפּלעגן אויף שפּעטער. ער האָט געוואוסט, וואָס ער האָט צו טאָן אין די עטלאָכע שעה, צווישן דעם איבערבייסן און מיטאָג. ער האָט זיך אַרומגעאַרטלט, אַ וויש געטאָן מיט דער האַנט די נישט־גלייכע וואָנצעס און אַ רוף געטאָן גאַלוביאָוון:

—קום צו דער אַרבעט.

גאַלוביאָוו פאָלגט אים, ווי אַ תלמיד זיין באַליבטן רבין. וואָס פעטראָוו זאָל אים ניט הייסן טאָן, טוט ער. די שווערע אַרבעט טוט ער אַליין, פעטראָוו, און די גרינגערע גיט ער גאַלוביאָוון. פעטראָוו דריקט זיך אויס וועגן אים:

— עפּעס האָט זיך אַ ריר געטאָן ביי אים אין אויבערשטן שטיבל נאָך אַן אַטאַקע.

פעטראָוו ווייסט, וואָס הייסט אַן אַטאַקע. נישט אין איינער האָט ער זיך באַטייליקט. עס איז דאָס שרעקלאַכסטע, וואָס אים איז אויסגעקומען צו זען אין זיין לעבן.

— ווי ווילדע צערייצטע חיות, טראָגן זיך מענטשן איינע אויף די אַנדערע מיט ביקסן, שווערדן, גראַנאַטן. איינער דעם אַנדערן שטעכט, קוילעט, שניידט. אויב דו ווערסט יענעם נישט צעהאַקן דעם קאָפּ, וועט דיר יענער אויסטרענען די קישקעס. און אויב דו קומסט אפילו אַרויס אַ גאַנצער פון אַן אַטאַקע, ביסטו נאָך נישט זיכער, אַז עפּעס האָט זיך ביי דיר נישט גערירט אין אויבערשטן שטיבל — פלעגט טענה'ן פעטראָוו.

גאַלוביאָוו האָט געקריגן אַ צומישעניש אין מח און פעטראָוו האָט אים גענומען אונטער זיין השגחה, זינט ער האָט זיך באַקאַנט מיט אים אין איינעם פון די מאָסקווער באַראַקן.

גראַדע אין יענער צייט איז פעטראָוו געווען פאַראומערט . זיי־נער אַן אייגענער, מיט וועמען ער האָט זיך צופעליק געטראָפן אין מאָס־קווע, האָט אים איבערגעגעבן, אַז זיין פרוי יעוודאָקיע לעבט פראַנק און פריי מיט לאַפּוכינען.

„קיין איין געשלעג אין דאַרף איז נישט אָפּגעלאָפן אָן דעם אויס־וואורף און איצט איז ער אַ גאַנצער מאַכער ביי די באָלשעוויקעס. צו אַלדי שוואַרצע יאָר! אַ באַסיאַק האָט צוגענומען דאָס ווייב זיינס און גאָר נישט! וואָלט געטראָפן אַזאַ זאַך ביי דער אַלטער וולאַסט, וואָלט ער זי, די הינטישע קורווע, אַהיים געשלעפּט פאַר די האָר און ערשט אין שטוב איר דערלאַנגט אַזעלכע בוכצעס, אַז זי וואָלט פאַרזאָגט אַ צענטן אַרומצושלעפּן זיך מיט פרעמדע מענער. אָבער איצט? וואָס קאָן ער טאָן? די נייע וולאַסט נעמט זיך אָן די קריוו־דע פון די ווייבער. ס׳איז אים אַ בושה אהיים צו קומען. און ס׳האָט שוין געהאַלטן דערביי, ער זאָל קריגן אורלויב אויף אַ פּאָר וואָכן. ס׳איז גלייכער, וואָס דערפון איז גאָרנישט אַרויסגעקומען. וואָס וואָלט ער געטאָן מיטן אורלויב? אַט האָסטו דיר שוין די סאָוועטישע וולאַסט!”

די נכפּה האָט אים גענומען פּעטראָוון. און גאַלוביאָווס נעבעכדי־קייט האָט אים עטוואָס באַרויִקט.

— אַ רחמנות אויף אַ מענטשן, מען דאַרף אים מקרב זיין.

פּיאָטרן אָבער לאָזט ער נישט צורו, פּעטראָוו. ער ווייסט, אַז פּיאָטער האָט נישט קיין גרינגע אַרבעט. ס׳איז נישט קיין לייכטע זאַך צו באַדינען נאַטשאַלסטוואָ. ער איז איינמאָל געווען אַ דענשטשיק ביי אַן אָפיצער, איז יענער אים אַזוי דערגאַנגען די יאָרן, אַז ער וועט פאַרזאָגן קינדס קינדער צו באַדינען נאַטשאַלסטוואָ. פונדעסטוועגן האָט ער נישט קיין מיטלייד מיט פּיאָטרן, און רופט אים נישט אַנ־דערש, ווי „עסטרייכישער פּאַניטש”. עס קאָן הייסן, אַז פּעטראָוו האָט נישט ליב פּיאָטרן צוליב צוויי טעמים. ערשטנס, איז ער אַ פּאַניטש, אַן אומזיסטער פרעסער, און צווייטנס, אַן עסטרייכער, אַ פרעמדער רוח. כאָטש פּעטראָוו וואָלט בשום אופן נישט איינגעגאַנגען צו ווערן אַ באַדינער אין עס־צימער, פונדעסטוועגן קומט ביי אים אויס, אַז די גרינגערע אַרבעט האָט געקראָגן דער עסטרייכישער פּאַניטש און נישט קיין אייגענער מענטש. ווי נאָר פּעטראָוו באַמערקט, אַז פּיאָטער איז פאַרטיק מיט זיין אַרבעט אין עס־וואַגאָן, סטאַרעט ער זיך מיט אַלע מעגלאַכקייטן אריינצוציען פּיאָטרן אין אַן אַרבעט, וואָס ער, פּעטראָוו, דאַרף גאָר טאָן. דאָס געלינגט אים זייער זעלטן. פּיאָטער דרייט זיך אַרויס מיט אַ גערעכטער טענה, אַז ער דאַרף נאָך אויפראַמען די קופּעס און איידער וואָס ווען מוז ער זיך גרייטן צום מיטאָג.

פּיאָטער האָט טאַקע געהאַט ווייניק פרייע צייט צווישן איבערבייסן און מיטאָג. ווייל צוועלף אַ זייגער האָט ער שוין אָנגעהויבן גרייטן

צום טיש, וואו אלץ האָט געמוזט זיין מיט אַלע פּישטשעווקעס. מאַריע ניקאָלאַיעווּנאַ האָט נישט געקאָנט פאַרליידן, ווען אפילו אַ קלייניקייט האָט געפעלט. איינס א זייגער איז דער עולם געזעסן אויף זיינע פּלע־צער און געוועזן זיכער, אַז אין אַ פּאָר מינוט אַרום וועט פּיאָטר אריינ־ברענגען דאָס ערשטע געריכט. ס׳האָט זעלטן געטראָפן, אַז דער מי־טאָג זאָל נישט זיין פּאַרטיק אין צייט. מאַריע ניקאָלאַיעווּנאַ האָט ליב געהאָט פּינקטלאַכקייט.

6

די באַנען זיינען געלאָפן נישט ווי עס באַדאַרף צו זיין. די אַלטע לאָקאָמאָטיוון און וואַגאָנען זיינען נאָך עלטער געוואָרן און צו גאָרנישט ניט געטויגט. נייע זיינען נישט צוגעקומען. ווער האָט עס געקאָנט אין זינען האָבן צו מאַכן נייע לאָקאָמאָטיוון און וואַגאָנען, ווען אין לאַנד האָט געהערשט אַזאַ צעטומלעניש. דער באַן־פּאַרקער איז גראָ־דע דענצמאָל געווען אַן אָנגעשטרענגטער. עשאַלאָנען נאָך עשאַלאָנען, ווי סטאַיעס פייגל אָסיען־צייט, האָבן זיך טאָג און נאַכט געצויגן צום דרום־פראָנט, פון וואַנען ס׳האָט זיך געהערט נאָר איין רוף — שיק! שיק סאָלדאָטן, שיק געווער, שיק ברויט, שיק! צוליבן דוחק אין גוטע לאָקאָמאָטיוון און וואַגאָנען און אַלע אַנדערע אייזנבאַן־מכשירים איז געווען אוממעגלאַך צו באַפרידיקן דעם דאָזיקן רוף אין אַ געהעריקער מאָס. האָט מען זיך דערפאַר אויף די באַן־סטאַנציעס געטומלט גע׳רעש׳ט, געליאַרמט, געוואָרפן באַשולדיגונגען איינע אויף די אַנדערע און צו קיין טאָלק ניט געקומען. פאַרשטייט זיך, אַז קיינער פון די באַן־אָנגעשטעלטע האָט זיך אויפן צוג נומער זיבן אפילו נישט אומגעקוקט.

— ר׳האָט געהערט? אַ סאַניטאַרישער צוג וויל דערגרייכן אַזש סיביר, וואו די כאָלערא האָט זיך יאַקבי באַוויזן. עס זיינען פאַראַן בילכערע צוגן דורכצולאָזן. זאָל ער שטיין.

איז טאָקע דער צוג נומער זיבן מער געשטאַנען, ווי געקאַטשעט זיך אויף די אַלטע רעלסן. ערגעץ אין אַ העק פון אַ קליינער באַן־סטאַנציע, אָפּגעריסן פון מענטשלאַכן ישוב, האָט זיך געטוליעט צו די פאַרזשאַווערטע רעלסן דער פאַר׳יתום׳טער צוג נומער זיבן. דערפאַר אָבער האָבן די ברייטע פעלדער מיטן הימלישן סכך איבער זיי ווי צו־געוואונקען — מיר זיינען ברייט און פריי און דער פאַרשייטער ווינט זינגט אונז טאָג און נאַכט דאָס ליד פון אייביגן בונט.

מאַריע ניקאָלאַיעווּנא האָט זיך נישט געאיילט אויך. מיט דער גאַנצער אונטערנעמונג האָט זי דאָך נאָר געמיינט צו פאַרלאָזן מאָסקווע, כדי צו זיין אויף דער „פרייער לופט”. זי האָט נאָר אויף אַזוי פיל גע־

בעטן זיך ביי די באַן-אַנגעשטעלטע, זיי זאָלן נישט פאַרהאַלטן דעם צוג נומער זיבן, ס׳זאָל נישט אויסזען, אַז זי סאַבאָטאַזשעוועט. האָט מען איר אויף די באַן-סטאַנציעס באַוויזן מיט אותות און מיט מופתים, אַז מען דאַרף בילכערע צוגן דורכלאָזן און דער צוג נומער זיבן מעג וואַרטן, — האָט זי זיך געלאָזט איבעררייידן און אונטערגעגעבן זיך. האָט זי אָבער באַמערקט, אַז דער צוג שטייט שוין צו לאַנג אויף איין סטאַנציע, האָט זי שוין נישט געקענט. זי האָט געפאָדערט, אַז מען זאָל איר צוג דורכלאָזן וואָס שנעלער. האָט מען זיך נישט צוגעהערט צו אירע רייד, האָט זי אַפילו געסטראַשעט מיט אַן אָנפראַגע קיין מאָסקווע. דאָס פלעגט העלפן. דער צוג האָט זיך אַ ריר געטאָן פון אָרט, כדי אויף אַ דריטער אָדער פערטער סטאַנציע זיך ווידעראַמאָל אָפּשטעלן. וואָלט זיך געוועגדט אָן מאַריע ניקאָלאַיעוונאַ, וואָלט זי אינגאַנצן אויסגע-מיטן די גרויסע שטעט מיט די טומלדיקע סטאַנציעס. דאָס איז אָבער געווען אוממעגלאַך. ערשט די גרויסע באַן־סטאַנציעס קאָן מען נישט אַריבערשפּרינגען. דאָרטן פאַרהאַלט זיך דער צוג נומער זיבן נאָך לענגער ווי געוויינלאַך. ערגעץ העט ווייט, אויפן אַנדערן עק וואָק־זאַל, טוליען זיך עטלאַכע וואַגאָנען צום אַלטן ברוכוואַרג, וואָס באַ-שטייט פון צעפּאַלענע בודקעס, אָפּגענוצטע וואַגאָנען און צעפּאַרענע וועגענער. לעבן פאַרזשאַווערטן ברוכוואַרג זעען אויס די עטלאַכע וואַגאָנען פונם צוג נומער זיבן, ווי אַן אויסגעפּוצטער בחור — צווישן אַלטע אָפּגעריסענע בעטלער.

פון דאַנען צו דער הויפּט־געביידע פון דער באַן-סטאַנציע איז אַ גרויסע שטרעקע. דער וועג אַהין איז אַ געפּלאָנטער פון וואַגאָנען, רעלסן, קליינע געביידעס. אינמיטן דערינען, ווען ביסט שטאַרק פאַר-נומען מיטן אויספּלאָנטערן זיך פון דעם דאַזיקן משונה׳דיקן קרומוועג, גיט עפּעס אַ פּייף דיר גלייך אין די אויערן אַריין. גיסט אַ ציטער און וואַרפסט זיך צוריק. עס שפּאַנט מיט קאָלאָסאַלער וואַזשנעקייט אַ לאָקאָמאָטיוו. ער סאָפּעט און פּייפט, לאָזט הערן פון זיך.

— מאַכט אַ וואַרע, איך גיי אַ שלעפּ טאָן די פוילע וואַגאָנען, וואָס ווילן זיך נישט רירן פון אָרט.

אין די וואַגאָנען, אונטער די וואַגאָנען האָבן זיך געוואַלגערט מענטשן, ווי שפּענדלאַך אין וואַלד. מערסטנס זיינען זיי געלעגן קר־פּעסווייז — מיין און ווייב, עטלאַכע קינדער, אָפּגעריסענע, אָפּגעשלי־סענע. לעבן זיי זיינען געווען אַנגעוואָרפן קלומיקעס, אָנגעפּולטע מיט אַלטע חפצים. אויף די רעלסן זיינען געווען אויסגעלעגט אין אַלערליי

פאַזעס שמוציקע באַוואַקסענע מענטשלאַכע ברואים אין גראָע אַפּגע־בלייאַקעוועטע שינעלן. ס'איז אַפּטמאָל געווען שווער פאַרנאַנדערצו־קלייבן זיך, וואו איז די גראָע ערד און וואו זיינען די גראָע מענטשן. שפּאַנסט פאַרזיכטיק איבער די רעלסן, זאָלסט חלילה נישט אַנטרעטן אויף א מענטשלאַכן אבר, פלוצים דערהערט זיך פון אונטער דער ערד אַרויס אַ קויל.

— העי דו, אין דיין מאַמען אריין! וואָס טרעטסטו אויף מיין פוס? זעסט נישט, אַז א מענטש ליגט?

נאָך אַזאַ שפּאַציר צום וואָקזאַל און צוריק איז מאַריע ניקאָלאַי־עוונאַ אויסגעמאַטערט און פול מיט שרעק...

ווען מען זאָל אַנאַליזירן מאַריע ניקאָלאַיעוונאַס דערטראַכטע און נישט-דערטראַכטע מחשבות, אירע באַציאונגען צו מענטשן, די גע־שפּרעכן מיט באַקאַנטע און פריינט, אירע אַרויסגעזאָגטע און נישט דערזאָגטע מיינונגען וועגן פּאָליטישע פּאַסירונגען, — ווען מען זאָל פון דעם אַלעמען אויסשיילן אַן אני מאמין, וואָלט אויסגעקומען אומגעפער אַזוי — זי, אַ טאָכטער פון אַן אָנגעזעענעם ריכטער אין מאָסקווע, קאָן מען דאָך נישט פאַרגלייכן מיטן פּשוטן המון. זי באַלאַנגט צו א הע־כערן געזעלשאַפטלאַכן שיכט. געזעלשאַפטלאַכע שיכטן, ווי ערדישע פּלאַסטן, ליגן איינע אויף די אַנדערע, ווי העכערע און נידעריקע עטאַזשן פון אַ גרויסער געביידע, יעדער עטאַזש איז ווי אַ רינג אין א קייט. איין עטאַזש ווערט קאַליע, צעפאַלט זיך די גאַנצע געביידע.

פון דעם אַלעמען, וואָס מאַריע ניקאָלאַיעוונאַ האָט געזען אויפן וועג צום וואָקזאַל און צוריק, האָט זיך ביי איר געשאַפן א בילד פון צעפאַלונג. גאָר אין גיכן וועט פון אַלעמען ווערן א גרויסע חורבה.

ביים מיטאָג האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— מיר קערן זיך אום צום לעבנס-שטייגער פון די גאָר אַלטע צייטן, ווען מענטשן, ווי ווערים, האָבן זיך געוואַלגערט אין שטויב און אין בלאָטע.

אַזאַ באַמערקונג איז געווען גענוג, אַז דעם גאַנצן נאָכמיטאָג זאָל מעןריידן נאָר וועגן די באָלשעוויקעס. פּראָפעסאָר קאָזלאָוס מידע אויגן זיינען געוואָרן לעבעדיק. ער פילט זיך בעסער די לעצטע פאָר טעג. ער קומט צו זיך, קריגט צוריק די אַמאָליקע זיכערקייט אין ריידן און די פּראָפעסאָרישע ווירדע אין אויסזען. זיין פּנים איז ריין געראַזירט און די האָר — פאַרקעמט מיט א שרונט. דאָס בלאַנזשע בערדל איז אַרומגעשוירן מיט אַ מאָס, נישט צו גרויס און נישט צו

קליין. די הארבאטע ברעמען זיינען שטרענג, ווי עס פאסט פאר א פראפעסאר, וואס איז שטרענג־וויסנשאפטלאך אין דענקען און אין ריידן. ער האט געווארעמט די קאלטע האנט ארום דער הייסער גלאז טיי און גערעדט מיט וואג און אחריות.

— א מלוכה פירט מען נישט מיט פראקלאמאציעס און דעקרעטן, וואס שיטן זיך אויף דער באפעלקערונג אן א סדר און אן א טאלק. יעדער אקט פון א מלוכה דארף און מוז זיין א המשך פון א פריערדיקן אקט, ווי א רינג אין א קייט. איין רינג קייטלט זיך אין א צווייטן. איצט האבן מיר אבער נאר באזונדערע, נישט באהעפטענע רינגען, וואס קלאפן זיך אן איינע אן די אנדערע און מאכן נאר אן אן אומזיסטן ליארם. פון די באזונדערע רינגען וועט קיין גאנצע קייט קיינמאל נישט ווערן.

ווען פראפעסאר קאזלאוו האט געענדיגט, האט ער נאך אלץ נישט אראפגענומען די אויגן פון די אנוועזנדע, ווי ער וואלט חשק געהאט צו זאגן: — אט אזוי, טיף־וויסנשאפטלאך, דארף מען באנעמען דעם גאנצן ענין.

וואדיאנאי האט אויף גיך ארויסגענומען די ליולקע פונם וואסער־דיקן מויל, האט זיך אויסגעבויגן צום טיש, פון אונטן ארום געקוקט אלעמען אין די אויגן אריין.

— אט דאס טענה איך דאך די גאנצע צייט. האבן דען די עס־ערן נישט געקאנט ארויסלאזן א דעקרעט, אז די ערד באלאנגט צו די פויערים? זיכער האבן זיי געקאנט. כדי אבער עס זאל האבן א האפט, דארף עס געטאן ווערן מיט ארדענונג, נישט געאיילט. מיט א שנעלן גאנג וועסטו נישט צעאקערן דאס פעלד ווי עס באדארף צו זיין.

וואדיאנאי האט צוריק אריינגעשטעקט די ליולקע אין דער רעכ־טער זייט פון מויל און זיך אנגעשפארט אויפן שטול־ווענטל מיט א מי־נע: ס׳איז קלאר, ווי דער טאג, אז איך בין גערעכט.

וואלאכס קליינע אויערן האבן געפלאמט, דער לענגלאכער קנייטש צווישן די ברעמען האט געצוקט און די ברעמען האבן זיך געבערגלט. ער האט אויף קיינעם נישט געקוקט און ווי גערעדט צו זיך אליין.

— מענטשן וואלגערן זיך אין בלאטע און אין שמוץ און מיר אמ־פערן זיך, צי די באלשעוויקעס זיינען גערעכט, צי נישט. און דאס, וואס קומט פאר פאר אונזערע אויגן (ער האט מיט דער האנט אנגע־וויזן אויף דער באן־סטאנציע) קער זיך מיט אונז גארנישט אן, גלייך ווי עס וואלט זיך פארלאפן אין די וויסטע מדבריות.

וואָלאָך האָט צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן צוגעזען, ווי מענטשן, וואַלגערנדיק זיך אין שמוץ און אין בלאָטע, פּראָטעסטירן אפילו ניט. זיי צייגן נישט אַרויס די מינדסטע אָנשטרענגונג צו ענדערן זייער אוממענטשלאַכע עקזיסטענץ. זיי ליידן און שווייגן. עס האָט אים ווי געטאָן, וואָס אַנדערע מענטשן (ער, די אָנוועזנדע און נאָך און נאָך) טוען נישט א קלאַפּ מיט אַ פינגער אָן א פינגער עפּעס אויסצובעסערן. אַלץ גייט זיך אויף גאָטס באַראָט.

דער עולם האָט נאָך לאַנג געשמועסט צווישן זיך. נאָר איין שולץ האָט געשוויגן. ער האָט זיך גלייכגילטיק צוגעהערט צו אַלע ריידערייען, ווי א דערוואַקסענער מענטש קוקט זיך צו, ווי קליינע קינדער קריגן זיך אַרום צוליב א נאַרישקייט, און טראַכט ביי זיך: זיי וועלן עלטער ווערן אויף אַ פּאָר יאָר, וועלן זיי קליגער ווערן און מער זיך ניט פאַרנעמען מיט פּוסטע נאַרישקייטן. ביי שולצן איז אויסגעקומען, אַז ס׳איז נישט כדאי צו אמפּערן זיך וועגן אַ זאַך, וואָס וועט אָנהאַלטן אַ קליינע ווײַלע. ס׳איז ביי אים קיין שום צווייפל נישט געווען, אז די באָלשעוויסטישע מאַכט וועט פריער אָדער שפּעטער פּלאַצן, ווי א זייפנבלאָז.

אין עס-וואַגאָן איז געווען ליכטיק און וואַרים. פּיאָטר האָט אַלע ווײַלע אריינגעבראַכט א נייעם טשייניק טיי. אין די גרויסע און שווערע וואַגאָן־פענצטער האָט אָן אַן אויפהער געקלאַפּט דער שפּעטאָסיענדיקער ווינט. ער האָט געקלאַפּט אָט מיט רחמים אָט מיט רוגזה, ווי א שפּעטער וואַנדערער וואָלט געבעטן אַ נאַכטלעגער.

7

מיט דער צייט האָבן די באַציאונגען צווישן די סאַניטאַרן אָנגענומען באַשטימטע פאָרמען. ס׳איז געווען ווי אַ שטילער אָפּמאַך צווישן זיי, אַז קיינער זאָל ניט איבערטרעטן זיינע רעכט. ביים עסן זיינען אויף איין באַנק געזעסן פּיאָטר מיט אָלגאַן, זיי אַנטקעגנאיבער — פּעטראָוו און גאָלוביאָוו. געגעסן האָט מען פון איין שיסל, מיט הילצערנע לעפל. פּיאָטר און אָלגאַ האָבן געשעפּט פון איין זייט שיסל, פּעטראָוו און גאָלוביאָוו — פון דער אַנדערער זייט. די מיט שיסל האָט קיינער נישט געטשעפּעט, אַזוי, אַז ביידע צדדים האָבן זיך נישט אָנגערירט מיט זייערע לעפל. האָט מען געגעסן זופּ, האָבן פּיאָטר און אָלגאַ אוועקגעלייגט זייערע לעפל, ווען ס׳איז געקומען נאָענט צום דנאָ.

— זיי זיינען שוין נישט הונגעריק. פעטראָוו און גאָלוביאָוו מעגן פאַרענדיקן געזונטערהייט — , וואָס זיי האָבן טאַקע קיינמאָל נישט פאַרפעלט צו טאָן.

איז דאָס געריכט באַשטאַנען פון קאַשע, האָבן פּיאָטר און אָלגאַ נישט געאײַלט זיך אַוועקצולייגן די לעפל. אָבער צום דנאָ פון שיסל זיינען זיי קיינמאָל נישט דערגאַנגען. אפילו גאָלוביאָוו האָט עס נישט געטאָן. נאָכדעם ווי פּיאָטר און אָלגאַ האָבן אויפגעהערט צו עסן, האָט גאָלוביאָוו נאָך אָנגענומען אַ פּאָר לעפל. דאָס איבעריקע איז געבליבן פאַר פעטראָוון. ער האָט שוין אויסגעריייניקט די שיסל פון אַלע זייטן. אַ שאָד ס׳זאָל גיין לאיבוד אַ ביסל קאַשע.

ביי א געריכט פון פלייש האָט מען געגעסן באַזונדער. אָלגאַ האָט צעשניטן דאָס פלייש אויף אַ גרויסן טעלער, יעדן אַ חלק. זי האָט זיך געסטאַרעט קיינעם נישט צו קריוודן. טאָמער האָט זיך איינעם אויסגעוויזן, אַז אַן אַנדערער האָט געקריגן אַ גרעסערן חלק, האָט ער געמאַכט אַ שוויג.

— אַ מענטש איז נישט קיין מלאך, האָט זי געמאַכט אַ טעות. אומיסטן האָט זי עס נישט געטאָן.

אין די ערשטע פּאָר וואָכן, נאָכן אַרויספאָרן פון מאָסקווע, האָבן די סאַניטאַרן כמעט גאָר נישט געהאַט וואָס צו טאָן אין די פּאָר שעה, צווישן מיטאָג און וועטשערע. האָט זיך יעדער איינער אָפּגעגעבן מיט זיין באַליבטער באַשעפטיקונג. דער מרה־שחורה׳דיקער גאָלוביאָוו איז אַרויפגעקראָכן אויפן אויבערשטן בעטל און גענומען לייענען שוין צום וויפלטן מאָל די שרעקלאַכע מעשה וועגן אומגליקלאָכן גאַליצינען, וואָס פלעגט אַריינפאַלן פון איין אומגליק אין אַ צווייטן. ער איז קוים מיט צרות ניצול געוואָרן פון איין סכנה, איז באַלד אָנגעקומען אַ צווייטע, ווי זי וואָלט געוואַרט אויף איר ריי. עס קאָן זיין, אַז סוף כל סוף איז דער ליידנדער גאַליצין בייגעקומען אַלע שטרויכלונגען און געלעבט אַ שטיל און רואיק לעבן. די לעצטע זייטלעך פונם מעשה־ביכל האָבן אָבער געפעלט. וועד זשע ווייסט, וואָס פאַר א סוף ער האָט געהאַט, דער אומגליקלאָכער גאַליצין. האָט גאָלוביאָוו געלייענט די שרעקלאָכע מעשה ווידעראַמאָל און אָבעראַמאָל, ווי ער וואָלט זיך באַמיט אַליין צו דערגיין, ווי אַזוי ס׳האָט פאַרענדיקט זיינע יאָרן דער ליידנדער גאַליצין.

פעטראָוו ווידער האָט געהאַט אַן אַנדער עובדה. ער האָט איינגעריבן זיינע רומאַטישע פיס מיט אַזאַ שמירעכץ, וואָס האָט געשמעקט

מיט טערפּעטין. ווען די האַריקע פּיס האָבן שוין געגלאַנצט פונם פלייסיקן איינרייבן, האָט ער זיי מיט ישוב הדעת אַרומגעוויקלט מיט שווייסיקע אָנוטשעס און אָנגעטאָן די גרויסע סאָלדאַטסקע שטיוואַליעס. דער שווייסיקער איבלדיקער ריח פון די אָנוטשעס און דער שאַרפער גערוך פון טערפּעטין האָבן אַזוי געווירקט אויף פּיאָטרן, אַז ער פלעגט פאַרלאָזן דעם סאַניטאַרן-וואַגאָן אויף אַ פּאָר שעה. נישט תמיד האָט ער עס געקאָנט טאָן. ס׳האָט גערעגנט אין דרויסן, דער צוג האָט זיך געשלעפּט פון איין באַן־סטאַנציע צו אַ צווייטער. האָט פּיאָטר דענצמאָל אונטערגעבורטשעט.

— ס׳איז דען א וואוינונג פאַר מענטשן? ס׳איז אַ כליוו פאַר חזירים. מ׳קאָן דאָך דערשטיקט ווערן.

אַזעלכע און ענלאַכע באַמערקונגען האָבן פּעטראָוון גערירט, ווי ס׳רירט אַ שטיין. ער האָט זיך געטאָן זיינס, גלייך ווי נישט אים מיינט מען. אַמאָל האָט ער אָפּגעענטפערט פּיאָטרן, אויסציענדיק די ווערטער מיט א ניגונדל.

— גיב אים פּאַלאַצן און פּאַרפיומען, דעם עסטרייכישן פּאַניטש, אַנדערש איז ער נישט געוואוינט.

פּיאָטר האָט געליטן און געשוויגן, ער האָט זיך גאָרנישט געקאָנט העלפן. ער איז דאָך אין גלות. מוז ער נישט איין עוולה פאַרשווייגן. אָבער פון זיין אַלטער געוואוינהייט, צו האַלטן זיך ריין, האָט ער קיינמאָל זיך נישט אָפּגעוואוינט. זיין בעט איז געווען דאָס ריינסטע אין סאַניטאַרן-וואַגאָן. תמיד פּאַרזיכטיק צוגעבעט. אויף דער וואַנט, וואָס איבערן בעט, איז געהאָנגען א קליינער שפּיגל, און לעבן אים — אַ ריינער האַנטוך. פּיאָטר האָט געהאַט א טבע פון צייט צו צייט אַ קוק צו טאָן אין שפּיגל און צוגלעטן זיינע האָר, וואָס זיינען פאַרקעמט מיט א שרונט.

פאַר זיין האַלטן זיך ריין, פאַר זיין געהאַרכזאַמקייט האָט מען אים ליב געהאַט אין עס־וואַגאָן. פאַר זיין גרויסהאַלטעריי, פאַר זיין חוזקשמייכל האָט מען אים נישט ליב געהאַט אין סאַניטאַרן־וואַגאָן. אָבער נאָך דער וועטשערע, ווען אַלע זיינען געזעסן אַרום קליינעם טיש און דערציילט זיך מעשיות, איז פּיאָטר געווען דער ליבלינג ביים עולם. אין וואַגאָן איז טונקל. אַ קליין פינפער לעמפּל וויל פאַרטרייבן די פינצטערניש, און קאָן ניט. פון אַלע ווינקלען קוקן חוצפּה׳דיק אַרויס שטיקער פינצטערניש, ווי עס וואָלט זיי גאָרנישט אָנגעגאַנגען, וואָס אַ קליין לעמפּל וויל זיך פאַרמעסטן מיט זיי אין גבורה. פּיאָטר דערציילט

אַ מעשה וועגן אַ מיידל, וואָס האָט פאַרלוירן אַן אָפּצאָם בשעת אַ שפּאַ-
ציר הינטער דער שטאָט. דאַכט זיך, נישטאָ וואָס צו הערן. ער דער־
ציילט אָבער די מעשה מיט אַזעלכע קאָמישע העוויות, ער מאַכט אַזוי
קונציק נאָך, ווי דאָס מיידל האָט אונטערגעהונקען און דערביי אויסגע־
זען זייער לעכערלאָך, אַז דער עולם קאַטשעט זיך פון געלעכטער. אין
סאַניטאַרן-וואַגאָן האָט מען ליב געהאַט צו הערן פּיאָטרס מעשיות. ער
האָט זיי נישט צעצויגן, תמיד אריינגעבראַקט אַ ביסל הומאָר. דערצו
נאָך האָט זיך נישט געטראָפן, אַז ער זאָל דערציילן די זעלבע מעשה
צוויי מאָל.

דער היפך פון אים איז געווען פּעטראָוו. ער פלעגט דערציילן
זיינע געשיכטעס באריכות, אַלע ווײלע זיך אָפּגעשטעלט, א וויש גע-
טאָן די נישט-גלייכע וואָנצעס, דערצו נאָך זיינען זיינע געשיכטעס גע־
ווען אַזוי ענלאָך איינע צו דער אַנדערער, אַז יעדער איינער האָט שוין
אין פאָראויס געוואוסט זייער סוף.

— בין איך מיר אַזוי געלעגן אין אָקאָפּ, געקוקט און געקוקט.
ס׳איז געווען שטאַק פינסטער און שטיל. פּלוצים הער איך — טראַ־
טאַטאַ, טראַטאַטאַ! ס׳איז זיי, די פּולעמיאָטן, קנאַקן אַזוי. דאָס
קנאַקן קומט מיר פאָר, ווערט אַלץ נעענטער און נעענטער. עס קנאַקט
שוין, דאַכט זיך, איבער מיין קאָפּ. איך ליג מיר אַזוי איינגעקאָר-
טשעט אין דרייען און טראַכט זיך — אָט קומט שוין מיין סוף! איך
צלם זיך איבער — גאָט מיינער, דערבאַרעם זיך אויף מיר! אָט טאַ-
קע דענצמאָל האָב איך דערפילט אַ ווייטיק אין פוס, אין לינקן פוס, א
רוח אין זיין טאַטן אריין. אוי אַ ווייטיק!

ער דרייט מיטן קאָפּ אַהין און צוריק, ווי ער וואָלט זיך גע׳חידו׳-
שט, וואָס ר׳האָט געקאָנט איבערטראָגן אַזאַ שטאַרקן ווייטאַק. די
קנייטשן אויף זיין שטערן ווערן ווי גרעבער.

אַלגאַ שמייכלט, מער מיט די אויגן, ווי מיט די ליפּן. זי פרעגט:

— צום וויפילטן מאָל ביסטו דענצמאָל פאַרוואונדעט געוואָרן?

פּיאָטר רופט זיך אָן:

— וואָס פאַראַ וואונדן? ער האָט קיינמאָל די אָקאָפּעס אין די
אויגן נישט געזען. ער האָט זיך געלאָזט וואוילגיין אין סאַניטאַרישע
צוגן.

פּיאָטרס קנייטשלאָך אַרום די אויגן און די ליפּן שפּעטן פון פּעט־
ראָוון. ער מאַכט זיך אָבער נישט וויסנדיק, פּעטראָוו. ער גיט אַי־
בער באריכות, ווי די סאַניטאַרן האָבן אים אויפגעקליבן, ווי די שראַפּ-

נעלן האָבן זיך גערינסן איבער זיין קאָפּ, ווי איין סאַניטאַר איז געפאַלן אַ טויטער און אַן אַנדערער, אַ ציטערדיקער און אַ בלאַסער, האָט פאַר־נומען זיין פּלאַץ. אויף יעדן טריט און שריט פאַלן מענטשן, און ער, פעטראָוו, אַ שווער פאַרוואונדעטער, קומט סוף כל סוף אָן אין אַ פעלד־שפיטאַל.

אַמאָל אין אַ יובל כאַפּט זיך אַריין צו דער נאַכ־וועטשערדיקער אונטערהאַלטונג קסעניא, די וועשערין. אַ ברייטע, מיט הויכע בריסטן און קליינע שווארצע אויגעלאַך, ווי די קעפּלאַך פון אַ שפּילקע, טוליעט זי זיך צו אַלגאַן, ווי נאָר צוליב איר איז זי אריינגעקומען אויף אַ ווײַלע. די אַרבל זיינען ביי קסעניאַן פאַרקאַטשעט — זי קומט נאָר וואָס פון דער וועשעריי און איז גרייט די מינוט צוריקצוגיין צו איר אַרבעט. ס'איז נישט קיין קליינִיקייט צו באַוואַשן דעם גאַנצן צוג.

ווען אין סאַניטאַרן-וואַגאָן איז שטיל, איין מעשה איז צו ענדע און אַן אַנדערע האָט זיך נאָך נישט אָנגעהויבן, דערציילט קסעניא וועגן אירע ליבעס. נאָך אירע רייד קומט אויס, אַז אַלע מענער זיינען גע-ווען פאַר איר די כפרה. נישט אַזוי גרינג איז זיי אָנגעקומען צו קריגן פון איר אַ לאַסקע. טעג און וואָכן זיינען פאַריבער, איידער זי האָט זיך געלאָזט אַ גלעט טאָן.

— אַ יונגינקער, אַ ווייסענקער, בלוט און מילך, נאָר וואָס פון דער אָפיצערסקע שקאָלע אַרויס. האָט זיך געקליבן אויפן פראָנט, צו די אווסטריאַקעס. ווי נאָר ער האָט געהאַט אַ פרייע מינוט, פלעגט ער איבערליגן ביי מיר אין צימער. האָט מיר באַשאָטן מיט טייערע מתנות. די הייַנטיקע אָפיצערלאַך זיינען גראָב און קאַרג, צאָל זיי נאָך צו. ער האָט מיך ארומגעפירט אין די בעסטע אילוזיאָנען. האָט נאָר געוואָלט, איך זאָל מיט אים חתונה האָבן, איידער ער פאָרט אָפּ אויפן פראָנט. דאָס חיות איז אים ממש אויסגעגאַנגען. אַזאַ יונ-גינקער, בלוט און מילך!

דער פראַצעס פון ריידן איז געווען ביי קסעניאַן אַזאַ — זי האָט אַרויסגעקנאַקט אַ מענגע ווערטער גיך ־גיך, ווי אַ פעקל קוילן פון אַ פולעמיאָט, געבליבן שטיל און געקוקט מיט געבעט אין די אויגן — זייט מיר מוחל, מער האָב איך גאָרנישט וואָס צו זאָגן. זי האָט קיינמאָל נישט פאַרענדיקט אירע מעשיות. ביים סאַמע פאַרכאַפּנדן מאָמענט איז זי אַנטשוויגן געוואָרן. עס האָט געהייסן: איר קאָנט זיך שוין אָנ־שטויסן, אַז ער איז געבליבן מיט אַ נאָז.

אין אַלגאַס מויל־ווינקלען האָט זיך געפלעמלט אַ לייכטער שמייכל.

זי האָט געוואוסט, אַז קסעניא האָט זיך ארומגעשלעפּט מיט א סך מע־נער. אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק האָט זי געהאַט אַן אנדער גע־ליבטן. מענער האָבן זיך געקלעפּט צו איר, אָבער קיינמאָל זיך ניט צוגעקלעפּט. אָלגאַ האָט זיך קיינמאָל נישט ארויסגעכאַפּט, אַפילו דורך א מינדסט וואָרט, אַז זי צווייפלט אין קסעניאס באַרימערישע מעשיות — זאָל איר וואויל באַקומען!

פון איר לעבן האָט אָלגאַ נישט ליב געהאַט צו דערציילן. וועגן אומוויכטיקע זאַכן איז דאָך נישט כדאי צו ריידן. און טיפע איבער־לעבונגען, ווי טייערע חפצים, איז גלייכער צו פאַרבאַרגן טיף־טיף. זי האָט דאָס אויסגעדריקט אויף איר פאָלקסטימלאַכן שטייגער.

— וועגן נאַרישע זאַכן איז נישט כדאי צו פּלאַפּלען און וועגן וויכ־טיקע זאַכן פּלאַפּלט מען נישט.

אירע ליפּן זיינען געווען אַזוי פאַרפּרעסט, אַז נאָר קליינע רויטע פאַסיקלאַך האָבן זיך אַרויסגעזוען. נאָר קלייניקייטן פון איר פערזענ־לאַך לעבן האָבן זיך דורכגעריסן דורך אירע פאַרשלאָסענע ליפּן. מ'האָט געוואוסט, למשל, אין סאַניטאַרן־וואַגאָן, אַז איר חתן איז דער'הרג'ט געוואָרן אין ניינצן זיבעצן אויפן גאַליצישן פראָנט. אין איר צימער, אויפן טישל, לעבן שפּיגעלע, איז געשטאַנען, איינגעפאַסט אין א שוואַרץ רעמל, אַ פאָטאָגראַפיש בילד פון אים, א הויכן בחור אין מי־ליטערישע קליידער.

— איך וועל אים קיינמאָל נישט פאַרגעסן — האָט זי איינמאָל אַ זיפץ געטאָן. דער זיפץ איז אַרויסגעקומען נישט קיין פאַרענדיקטער, אַ גרויסער חלק פון אים איז געבליבן ביי איר אינווייניק. מיט אַזעלכע זיפצן וויל זיך נישט שיידן.

גאָלוביאָוו ווידער איז געווען אַ שווייגער. מ'האָט זעלטן געהערט זיין קול. האָט ער שוין אַמאָל אַרויסגערעדט אַ וואָרט, איז עס געווען מרה־שחורה'דיק און הייזעריקלאַך. ס'האָט זיך קיינעם נישט געגלוסט צו הערן אים. מיט זיין קול האָט ער דערמאָנט אַן איינעם, וואָס אַט־אַט ווערט ער דערוואָרגן. אַ שמייכל האָט זיך קיינ־מאָל נישט באַוויזן אויף זיין אויסגעדאַרט און ברודיק פּנים. קוקנדיק אויף זיינע איינגעפאַלענע באַקן און קאַלעמוטנע אויגן, איז שווער גע־ווען אויסצומאָלן זיך, אַז עס זיינען פאַראַן מענטשן, וואָס שמייכלען און לאַכן אַפילו. דער עולם איז געווען צופרידן, וואָס גאָלוביאָוו דער־ציילט גאָרנישט פון זיין לעבן. מ'איז געווען זיכער, אַז פון זיינע מעשיות וועלן זיך די האָר שטעלן קאַפּויר.

מאַריא ניקאָלאַיעוונאַ. איר פּנים — ווייס, בלוט און מילך. די האָר — העל־בלאָנד, ביי די וואָרצלען טונקעלער, ווי אין מיטן. די ברעמען — פלאַקסענע, און די אויגן — בלאָע. טונקעלע און העלע פאַסן האָבן זיך געמיניעט אין אירע אויגן. דער איינדרוק — אַ געזונטע, יונגע פרוי, מיט אַ פרישן, אויסגעצאַליעט לייב. צוליב דעם איינדרוק פון פרישקייט און יוגנט האָט מען געוויינלאַך פאַרזען, אַז איר נאָז איז עטוואָס קורנאָסע און די באַקן־ביינער סטאַרטשן אַביסל אַרויס. אויך אירע אויגן האָבן קוים־קוים אַרויסגעסטאַרטשעט. ס׳איז געווען אַ האַרמאָניע צווישן די באַקן-ביינער און די אויגן.

אַ העלע, האָט זי אויך ליב געהאַט העלע קאָלירן. איר גאַרדע־ראָב איז באַשטאַנען פון ווייסע קליידער, אינגאַנצן ווייסע אָדער מיט קאָלירטע פאַסיקלאַך, שפּרינקעלעך, קוויטעלאַך. אפילו ווינטער האָט זי געטראָגן העלע מלבושים — אַ ליכטיקן מאַנטל, אַ ווייס שמוישן היטעלע און אַ גרויסע ווייסע מופטע. פונדערוועיטנס האָט זיך אויס־געוויזן, אַז אַ ווייס חיה׳לע שפּאַנט איבערן שנייאיקן פעלד . זי איז געווען אַ לוסטיקע, אַ פרייליכע, האָט זעלטן ווען באַקלאָגט זיך אויף עפּעס . איז איר געווען טרויעריק אויפן האַרצן, האָט זי זיך פאַר־מאַכט אין איר צימער און אויסגעשלאָפן דעם טרויער. אין געזעל־שאַפט אָבער, איז אַ וואויל־יינגערישער שמייכל תמיד געלעגן אויף דער אַרויסגעשטעקטער אונטערשטער ליפּ. זי האָט אויך אויסגעמיטן שווייגנדיקע, אָנגעכמורעטע מענטשן, זיי זיינען איר נישט געווען צום האַרצן.

— די זויערע מינע האָבן זיי געמעגט איבערלאָזן אין דער היים.

אין די לעצטע פאַר יאָר איז פאָרגעקומען אין איר אַן ענדערונג. האָט איינער צופיל גערעדט, געטומלט, האָט זי זיך אויסגעדריקט וועגן אים, אַז ער טומלט, ווי אַ פּוסטע פאַס. זי פלעגט זיך אָפּט פאַרקוקן אויף מעלאַנכאָלישע פּנימ׳ער, ווי ס׳וואָלט געווען נאַטירלאַך צו זיין מעלאַנכאָליש אין אַזאַ אומרואיקער צייט. פונדעסטוועגן וואָלט זי זיך קיינמאָל נישט געגלויבט, אַז זי וועט זיך ווען ס׳איז אומקוקן אויפן שווייגנדיקן צוריקגעצויגענעם שולצן. זי האָט באַלד באַמערקט, אַז ער פאַרמאָגט אַן אַ שיעור אויסדויער. שוין אויף דער צווייטער וואָך, נאָך זיין אָנקומען אויפן צוג נומער זיבן אַלס סעקרעטאַר, האָט שולץ גענומען קוקן אויף איר מיט אַזאַ עקשנות, ווי ס׳וואָלט אויף דער גאַנ־צער וועלט גאָרנישט עקזיסטירט פאַר אים, חוץ דער העל־בלאָנדער

צוג נומער זיבן

מאַריע ניקאָלאַיעוונא. די ערשטע צייט האָט זי נישט געקאָנט פאַרליידן זיין דויערנדיקן בליק. ער האָט געקאָנט קוקן אויף איר אַ שטיק צייט, נישט א פינטל טועגדיק מיט אן אויג. אַ באַזונדער עקשנות איז געווען צעלייגט אויף זיין נאָז, וואָס איז געווען ארייגעפּאַסט אין שטערן מיט א ברייטן קלין, שטאַרק און מאַסיוו, נישט צו רירן פון אָרט. אן עקשן, האָט ער זיך ארייגענומען עפּעס אין קאָפּ אריין, איז אוממעגלאַך געווען אַרויסצושלאָגן עס פון אים. עס וואָלט געווען זייער שווער אים צו דערווייזן, אַז פון זיין איינרעדעניש צו באַזעצן זיך מיט מאַריע ניקאָלאַיעוונא אין דאָרף וועט, קאָן זיין, גאָרנישט ארויסקומען. ווי צוויי מאָל צוויי איז פיר, אַזוי איז ער געווען זיכער ביי זיך, אז אין דער נאָענטער צוקונפט וועט ער ענדיקן דעם מעדיצינישן פאַקולטעט און צוזאַמען מיט מאַריע ניקאָלאַיעוונאַ וועט ער עפענען אין זיין דאָרף, אויף יענער זייט וואָלגאַ, אַ גרויסן מעדיצינישן קאַבינעט. ער האָט גאָרנישט געגומען אין אָנבאַטראַכט, אַז אין לאַנד זידט ווי אין אַ קעסל, און אַז אַלץ קאָן זיך איבערקערן מיטן קאָפּ אַראָפּ. קיין אַנדער לעבנסשטייגער, ווי וועלכן ער האָט געזען ביי זיך אין דאָרף, האָט ער זיך נישט געקאָנט אויסמאָלן. זיין פאָטער, אַ רייכער פויער פון דייטשער אָפּשטאַמונג, פאַרמאָגט א סך קי און פערד. אַ פּאָר באַטראַקעס ארבעטן ביי אים אַ גאַנץ יאָר און שניט-צייט מוז ער צודינגען נאָך עטלאַכע אַרבעטער. נאָך אַ גוטער גערעטעניש שפּאָרט ער אָפּ גענוג געלט אי צו פאַרגרעסערן זיין באַלעבאַטישקייט, אי צו געבן זיינע קינדער א גוטע דערציאונג. איין זון האָט אויסגעשטודירט אויף אינזשעניר און דער צווייטער, אַלעקסאַנדער, באַזוכט דעם מעדיצינישן פאַקולטעט. איידער ער האָט אים אַוועקגעשיקט אין מאָסקווער אוניווערסיטעט, האָט דער פאָטער מיט אים אויסגענומען, אַז נאָכן ענדיקן זאָל ער זיך באַזעצן אין דאָרף. איין זון וויל ער האָבן לעבן זיך, און דער עלטערער, דער אינזשעניר, האָט נישט וואָס צו טאָן אין דאָרף. ער, אַלעקסאַנדער, וועט פאָלגן זיין פאָטער. ווי נאָר ער ווערט אַ דאָקטאָר, באַזעצט ער זיך אין דאָרף. דער פאָטער וועט זיכער מסכים זיין צו זיין הייראַט מיט מאַריע ניקאָלאַיעוונא. זי איז פון גרויסן יחוס, קאָן זיך באַנעמען מיט מענטשן. קאָן פירן אַ הויז אויף אַ ברייטן שטייגער, דאָך נישט פאַרשווענדעריש, נאָר שכלדיק-אויסגערעכנט. ער וועט זיך נישט דאַרפן שעמען מיט איר פאַר אייגענע און פרעמדע. ער וועט זי קריגן. פריער אָדער שפּעטער וועט זי ווערן זיין ווייב.

אַ לעבעדיקע, איז מאַריע ניקאָלאַיעוונאַ נישט געווען צום האַרצן

אַזאַ שווייגנדיקער, אין זיך פאַרשלאָסענער מענטש, ווי שולץ. ס׳איז אָבער איר אויסגעקומען צו זען זיך מיט אים זייער אָפּט. אַלס סעקרעטאַר פונם צוג האָט ער פאַרבראַכט אַ גאַנצן טאָג אין קאַנצעלאַריע. אין דעם זעלבן צימער האָט זיך אויך געפונען די באַקטעריאָלאָגישע לאַבאַראַטאָריע, וואו מאַריע ניקאָלאַיעוונא האָט זיך פאַרנומען מיט כעמישע אַנאַליזן. האָט זי ווילנדיק נישט ווילנדיק געפונען זיך אין זיין געזעלשאַפט אַ שטיק צייט פון טאָג. און שולץ האָט נישט דורכגעלאָזט קיין געלעגנהייט אַרויסצוהעלפן איר אין יעדער קלייניקייט. ער האָט אויסגעוואַשן די סלאָיעקלאַך, אַרומגעווישט די פלעשעלאַך, אַכטונג געגעבן אויף די וואַסערלאַך, פאַרצייכנט דעם אומבייט פון זייערע קאָלירן. ס׳איז ביי אים נישט געווען קיין זאַך צו שווער, אַבי צו פאַרגרינגערן איר די אַרבעט. אַזאַ אויפמערקזאַמקייט קאָן מען נישט אָוועקמאַכן מיט דער האַנט. באַזונדערס אין אַזאַ אומרואיקער צייט.

ס׳איז אפשר כדאי זיך אָפּצושטעלן אויף אירע באַציאונגען צו די „איינוואוינער" פונם עס־וואַגאָן. צו פּראָפעסאָר קאָזלאָוו און דאָקטאָר גרינבוים האָט זי זיך באַצויגן מיטן גרעסטן דרך ארץ, ווי צו אָנגעזעענע געלערנטע. זי האָט מיט ישוב הדעת זיך צוגעהערט צו זייערע מיינונגען נישט נאָר בנוגע וויסנשאַפטלאַכע פּראָבלעמען, נאָר אויך פּאָליטישע פראַגן. זיי זיינען נישט אַבי ווער. די חשוב׳סטע געלערנטע און פּאָליטיקער פון לאַנד קאָן מען פאַררעכענען צווישן זייערע באַקאַנטע. צווישן איר און זיי איז אָבער געלעגן אַ מחיצה, אַ מחיצה פון יאָרן. זי האָט זיך געפילט אין זייער געזעלשאַפט, ווי אַ תלמיד — אין דער אָנוועזנהייט פון אַ פיל־עלטערן לערער, וואָס איז אויך אַ נאָענטער פריינט.

וואַדיאַנאָען האָט זי נישט ליב געהאַט. פון אים האָט געשמעקט מיט גנאַי. זיין פויערשע אָפּשטאַמונג האָט מען געקאַנט זען אין יעדער קלייניקייט: אין אויסזען, אין די מאַניערן. ער האָט זיך געחנפ׳ט צו עלטערע פון זיך, און ליב געהאַט צו הערשעווען איבער נידעריקערע פון זיך.

איר באַציאונג צו וואָלאָכן איז געווען אַ וואַקלדיקע, ווי אַ זאַך, וואָס שטייט אויף איר שמאָלסטער זייט — קאָן פאַלן רעכטס און לינקס. זי האָט ליב געהאַט צו קוקן אויף אים, ווען ער האָט זיך צערעדט. ווי עפּעס וואָלט אַרויסגעלויכטן פון אים מיט בלאָער פאַר׳חלום׳קייט. זי האָט מורא געהאַט פאַר אים, ווען ער האָט געשוויגן. ווי ער וואָלט באַהאַלטן אין זיך עפּעס אַזוינס, וואָס וואַרפט אָן אַן אימה. ער איז

פֿאַר איר געווען אי אַנציענד אי פּרעמד, ווי אַן עקזאָטישע פּרי, וואָס איז רייצנד אין אויסזען, אין וועלכער אָבער ס׳שטעקט, קאָן זיין, אַ שטאַרקער סם.

אַ זאַפּטיקער, געשמאַקער עפּל איז אויך נישט צום אַרויסוואַרפֿן. האָט טאַקע נישט גענומען לאַנג און מאַריע ניקאָלאַיעוונא האָט זיך צו־געוואוינט צו שולצן. א יונג מיט ביינער, אויף וועמען מען קאָן זיך פֿאַרלאָזן אין א עת צרה.

איר צימער און די קאַנצעלאַריע זיינען געווען אינם זעלבן וואַגאָן. אַ פּשוט׳ער וואַגאָן פֿונם דריטן קלאַס, ווייס אָפּגעפּאַרבט. ציכטיק ריין און ווייס. אין די שפּעטע אָוונט־שעה׳ן האָט זי ליב געהאַט צו ליגן אויף דער קאַנאַפּע, פּאַמעלאַך געלייענט די מעלאָדישע לידער פֿון באַלמאָנטן אָדער איגאָר סעווערזיאַנין, אירע ליבלינג־דיכטער. צווישן איין ליד און אַ צווייטן האָט זי זיך צוגעהערט צום שטילן שאָרך, וואָס קומט פֿון דער קאַנצעלאַריע. צייטנווייז האָט זי באַדאַרפֿט שטאַרק אָנשטרענגען איר געהער כדי עפּעס צו פֿאַרנעמען פֿון דאָרטן. אַזוי פֿאַרזיכטיק־שטיל איז געזעסן שולץ ביי דער אַרבעט. אין די אָוונטן האָט ער קיינמאָל נישט געקלאַפּט אויף דער שרייב־מאַשינקע. דאָס פֿלעגט ער טאָן בייטאָג. אויפֿדערנאַכט האָט ער זיך פֿאַרנומען מיט שרייבן אָדער ווירען. דאָס קלאַפּן אויף דער מאַשינקע וואָלט גע־שטערט מאַריע ניקאָלאַיעוונאַן צו געניסן פֿולשטענדיקע רו. זי האָט זיך צוגעהערט צום שטילן שאָרך, וואָס קומט פֿון דער קאַנצעלאַריע, איינגעזאַפּט אין זיך די מעלאָדישקייט פֿון די לידער און ס׳איז איר גע־ווען גוט אויפֿן האַרצן. ס׳האָט כמעט ווי אומגעקערט זיך די צייט פֿון מיט עטלאַכע יאָר צוריק, ווען איר לעבן איז געווען אַן אָנגענעמע־נער שפּאַציר. אויף אירע ליפּן איז געלעגן אַ לייכטער שמייכל.

איבערן לאַנד האָט זיך צעבליט די גרויסע אומאָרדענונג — אַ ברו־דער הייבט אויף די האַנט אויף אַ ברודער, אַ פֿאָטער ברענגט אום זיין אייגענעם זון. און זי, מאַריע ניקאָלאַיעוונאַ קאָבישעוואַ, האָט זיך אָפּגערוקט אַן אַ זייט פֿון דער גרויסער סומאַטאָכע. איר היים, דער צוג נומער זיבן, איז מערסטנס פֿאַרשטעקט אין א העק, אויף די ווייטסטע רעלסן פֿון א קליינער סטאַנציע, וואוהין דער פּייף פֿון אַן איינזאַמען לאָקאָמאָטיוו דערגרייכט קוים־קוים, ווי אַ ווייטער ווידערקויל. אין איר צימער איז ליכטיק און וואַרים. דאָס פֿרישע בעטגעוואַנט קיצלט אין פּנים. אין אַנדערן צימער זיצט שולץ, וואָס איז גרייט צו

גיין פאַר איר אין פייער און אין וואַסער. אויף אירע ליפּן האָט גע-
שוועבט אַ לייכטער שמייכל.

9

גאָלוביאָוו און אָלגאַ האָבן געליטן און געשוויגן.

ביי טאָג איז גאָלוביאָוו געווען פאַרנומען מיט זיין אַרבעט. ער האָט געטאָן אַלץ, וואָס פּעטראָוו אָדער וואָדיאַנאָי האָט אים געהייסן טאָן. ווי די אַרבעט איז נישט געווען שווער, האָט ער אויף קיינעם קיין פאַראיבל ניט געהאַט. א מענטש דאַרף אַרבעטן. איז די אַרבעט אַמאָל צו שווער, איז אויך נישט קיין גרויסער אומגליק. ער האָט אויס-געפאָלגט אַלע באַפעלן, וואָס ער האָט געקראָגן פון זיינע עלצטע.

אין דער בייגאַכטיקער וועלט האָט ער אויך קיין שום דעה נישט געהאַט. ער איז געווען אין דער לאַגע פון אַ געפאַנגענעם, וועמען די טורמע-וועכטער טוען אָן אַלערליי נגישות און ער איז צו שוואַך צו ווערן זיך. ער ליידט און שווייגט. ער ליגט א שטיק צייט מיט צו-געמאַכטע אויגן און דער שלאָף קלעפּט זיך נישט צו זיי. עס דאַכט זיך אים אויס, אַז, ווען ער זאָל עפענען די אויגן, וואָלט אים געוואָרן א סך לייכטער. ער וואָלט נישט געווען ארומגערינגלט מיט אַזאַ גע-דיכטער פינצטערניש. ס'איז אָבער אַ מורא אויפצומאַכן די אויגן. אַנטקעגן אים, מיט אַ וואונד אויפן שטערן, שטייט אַ ברייטער הויכער דייטש, וואָס פאַרנעמט אפשר דעם גאַנצן וואַגאָן. ער האָט אַ טענה צו אים, גאָלוביאָוון, הלמאי ער האָט אויף אים געשאָסן, ווען ער, דער דייטש, איז שוין פון לאַנג געווען טויט.

געגנוג מענטשן האָט גאָלוביאָוו אויסגע'הרג'ט אין דער מלחמה און גאָר נישט. נישט ער געדענקט וויפל, נישט ער דערמאָנט זיך זייערע פּנים'ער. קיין באַזונדערע שנאה צו די מענטשן, וועלכע ער האָט אומגעבראַכט מיט זיין ביקס, האָט ער נישט געפילט. איז אים איינער אַנטקעגן געקומען מיט אַ ביקס אָדער אַ שווערד, — האָט ער געשאָסן, געשטאָכן. האָט אַן אַנדערער אַרויסגערוקט דעם קאָפּ פון אַ טראַנשייע, האָט ער אים מכבד געווען מיט אַ פּאָר קוילן.

— זיי נישט קיין חוצפה'ניק און ווייז מיר נישט דיין מיאוסן פּרצוף.

ער האָט אַזוי געהאַנדלט, ווייל ס' איז דאָך מלחמה. ס'איז אַן אַנגענומענע זאַך, אַז בשעת מלחמה הרג'עט מען זיך איינער דעם אַנ-דערן. ס'איז אים קיינמאָל נישט געקומען אויפן געדאַנק, אַז ס'איז אַ

צוג נומער זיבן

פֿאַרברעכן צו הרג׳ענען מענטשן בשעת מלחמה. ער ווייסט, אַז אין שלום-צייט טאָר מען נישט הרג׳ענען קיין מענטשן, אפילו דעם ערגסטן שונא נישט. דאָס איז ביי אים געווען אַזוי איינגעבאַקן אין האַרצן, אַז ער קאָן זיך גאָר נישט פֿאָרשטעלן, אַז ס׳קאָן אַנדערש זיין. אָבער בשעת מלחמה מעג מען. נישט מען מעג, נאָר מען דאַרף. אָט איז געווען אַן אַטאַקע. ער האָט אומגעבראַכט עטלאַכע מענטשן. דער־נאָך האָט ער אָפּגעגעסן, איז אַנידערגעפֿאַלן א מידער און אַנטשלאָפֿן געוואָרן, ווי א גע׳הרג׳עטער. עס זאָל אים אַנהויבן צו אַרן, ס׳איז מלחמה.

אָבער דער הויכער דייטש, וואָס איז, שוין פֿון לאַנג אַ טויטער, גע־ווען אַנגעשפּאַרט אין אַן אַלטער חורבה, ווען ער, גאַלוביאָוו, האָט אין אים אריינגעשאָסן עטלאַכע קוילן, — דער דאָזיקער דייטש לאָזט אים נישט צורו נישט בייטאָג און נישט ביינאַכט. ס׳איז, דאַכט זיך, ניט פֿאַראיבער קיין איין מינוט, אַז ער זאָל האָבן פֿאַרגעסן דעם טויטן דייטש. ווי ער, גאַלוביאָוו, וואָלט פֿאַרמאָגט אַ זעקסטן פֿינגער, וועלכן ער געדענקט שטענדיק, שטענדיק... כמעט יעדע נאַכט שטעלט זיך דער טויטער דייטש אַוועק צופוסנס פֿון גאַלוביאָווס בעטל און האָט טענות צו אים, הלמאי ער, גאַלוביאָוו, האָט געשאָסן אויף אים, ווען ער איז שוין פֿריער געווען טויט.

און דער רוח האָט אים אַנגעטראָגן, גאַלוביאָוון, אַז ער זאָל צוגיין צום דייטש נאָך דער שיסעריי. ווען נישט דאָס, וואָלט ער דאָך ניט געזען, אַז דער דייטש איז נאָך פֿון פֿריער געווען אַ טויטער.

ס׳האָט נישט פּאַסירט, אַז גאַלוביאָוו זאָל מאַכן גוואַלדן אָדער זאָל ריידן פֿון שלאָף. ער ליגט רואיק אויפֿן געלעגער און וואַרט, אַז דער טויטער דייטש זאָל זיך אַוועקגיין אין זיין רו אריין. דאָס קומט פֿאָר געוויינלאַך שפּעט ביינאַכט. גאַלוביאָוו פֿאַלט אַריין אין אַ לייכטן דרימל, וואַרפֿט זיך פֿון איין זייט אויף דער אַנדערער און כאַפּט זיך אויף אינדערפֿרי מיט אַ געפּיל, אַז עמיצער האָט זיך אָנגעזעצט אויף אים, האַלט אים אין איין מוטשן און פֿון וועמען ער קאָן בשום אופֿן ניט פּטור ווערן.

באַזונדערס שטאַרק האָט ער געליטן, ווען ער האָט באַגעגנט אַ דייטש. (ער דערקאָנט זיי נאָך די היטלען אָן די דאַשעקעס.) דאָס פֿלעגט טרעפֿן אויף אַ וואָקזאַל. אַ גאַנצע נאַכט האָט גאַלוביאָוו שוין נישט צוגעמאַכט מיט קיין אויג. אַ בלאַסער, אַ מידער, מיט שוואַר־צע האַלבע לבנות אונטער די אויגן, איז ער גאַנץ פֿרי אראָפּגעקראָכן פֿון זיין געלעגער.

דער טויטער דייטש גייט אים נאָך פוס-טריט און גיט אים נישט קיין רו נישט בייטאָג און נישט ביינאַכט.

* * *

פון גאַנץ פרי אַן ביז שפּעט אין אָוונט איז אַלגאַ פאַרנומען מיט די מאַלצייטן. זי האָט ממש קיין צייט נישט אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם. און ביינאַכט, אויף איר געלעגער, ווערט זי פאַרצערט פון א נאַגנדיקער בייַנקשאַפט נאָך די אַמאָליקע גוטע צייטן. עס האָט זיך איר פריער געלעבט אַזוי גוט, אַזוי אַנגענעם! דאָס לעבן האָט געהאַט אַ זין. אַלץ איז געגאַנגען אַזוי גלאַטיק, אַז ס'האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אָט, אָט און זי וועט דערגרייכן איר ציל.

זי איז געווען גליקלאַך. אין קאַזנאַטשייסטוואָ האָט זי געהאַט עטלאַכע הונדערט רובל, מלבושים האָט זי פאַרמאָגט לרוב. עסן, טרינקען, אַ שיין צימער האָט איר קיינמאָל נישט געפעלט. איר חתונה האָט געזאָלט פאָרקומען גאָר אינגיכן. זינט אָבער ס'האָט אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע אין פּעטראָגראַד, גייט איר מיט דער פּוטער אַראָפּ. איר חתן האָט מען צוגענומען אין דער ארמיי, אים אוועקגעשיקט אויפן גאַליצישן פראָנט, וואו ער איז דער'הרג'ט געוואָרן אויף דער צווייטער וואָך נאָך זיין אָנקומען. עטלאַכע חדשים נאָכאַנאַנד איז זי אַרומגעגאַנגען אַ צעטומלטע, אַלץ געוויינט און געקלאָגט. וויפיל דער ברודער האָט זי נישט געטרייסט, האָט גאָרנישט נישט געהאָלפן.

—אַלגאַ, נעם זיך אין די הענט אַריין. זעסטו דען נישט, אַז ס'איז אַ גאָטס זאַך! אַנדערע בחורים זיינען אויפן פראָנט צו צוויי-דריי יאָר און עס טרעפט מיט זיי גאָרנישט. און ער איז אומגעקומען ביי דער ערשטער שלאַכט. איך זאָג דיר, אַז ס'איז אַ גאָטס זאַך.

אַלגאַ האָט גע'טענה'ט איינס און דאָס זעלבע:

— וואָס טויג מיר דאָס לעבן, אַז ער איז ניטאָ!

עס האָט גענומען עטלאַכע חדשים, איידער זי איז געקומען צו זיך. באַלד אָבער האָט אָנגעטראָגן אַן אַנדער אָנשיקעניש, די שיסעריי צווישן די מאָסקווער איינוואוינער און די מאַטראָסן. ביי אַלגאַן האָט עס געהייסן — די באַלשעוויקעס באַשטייען פון סאַמע מאַטראָסן, וואָס ווילן אַלץ אַריינגעמען אין זייערע הענט אַריין. און די, וואָס האָבן זיך געווערט קעגן זיי, זיינען מאָסקווער, פּעטראָגראַדער איינוואוינער. זינט די באַלשעוויקעס האָבן גובר געווען די מאָסקווער איינוואוינער, האָט אַלץ זיך איבערגעקערט מיטן קאָפּ אַראָפּ. פריער זיינען געווען

רייכע און אָרימע. די רייכע האָבן געהאַט אַלץ לרוב, און די אָרימע האָבן לעבן זיי פאַרדינט צום לעבן. נאָך יענער שיסעריי, זיינען די רייכע געוואָרן אָרים און די אָרימע זיינען נישט געוואָרן רייך. זיינען אַלע אָרים. און וואָסער אָרעמאַן דאַרף עס אַ קעכין? האָט ניט גענומען לאַנג און זי האָט פאַרלוירן איר שטעלע, און קיין אַנדערע שוין נישט געקאָנט קריגן. דאָס האָט געמיינט פאַר איר — הונגער, קעלט און נויט. ווייל אויף וועמען אָנצולענען זיך אין אַ עת צרה האָט זי נישט געהאַט. אירע עלטערן זיינען שוין פון לאַנג געוועזן טויט, און איר איינציקער ברודער, אַן אַרבעטער אויף אַ פאַבריק, האָט אַ גרויס הויזגעזינד אָנצוקאָרמען. מקנא זיין אים איז אויך נישטאָ פאַרוואָס. איין פּאַיאַק דערלעבט נישט דעם צווייטן און אויף איינ־צוקויפן פּראָדוקטן אויף דער סוכאַראַוקע האָט ער קיין געלט נישט. וואָלט זי זיך באַדאַרפט שעצן גליקלאַך, וואָס זי האָט געקריגן די שטע־לע אויפן צוג נומער זיבן. אַמווייניקסטנס האָט זי אַ וואַרעם געלעגער און אַ מאָלצייט צו זאַט. אין מאָסקווע האָט זי דאָס אויך נישט גע־האַט. אַ שטיקל שוואַרץ ברויט איז דאָרט מיט גאָלד צוגלייך.

דאָס לעבן אָבער דאָ איז אַזוי גרוי! איין טאָג איז ענדלאַך צום צווייטן, ווי צוויי טראָפּנס וואַסער. איידער זי פאַרענדיקט דעם איבער־בייסן, דאַרף זי זיך שוין גרייטן צום מיטאָג. זי רוט זיך גוט נישט אָפּ נאָכן מיטאָג, נעמט זי זיך שוין צו דער וועטשערע. דאָס חזר׳ט זיך איבער אָן שום ענדערונגען יעדן טאָג. זיבן טעג אַ וואָך אַרבעט זי שווער, פון גאַנץ פרי ביז נאָך דער וועטשערע. און וואָס טוט זי דען נאָך דער וועטשערע? זי זיצט אַביסל מיט די סאַניטאַרן און גייט באַלד שלאָפן. איז דאָס אַ לעבן?

פּיאָטר האָט אפילו חשק צו שפּילן מיט איר אַ ליבע. אָבער זי קאָן שוין אַזעלכע פייגל. ער וועט זיך שווערן ביי אַלע הייליקע, אַז ער וועט דיך אייביק ליב האָבן. אין אַ וואָך אַרום וועט ער דאָס איי־גענע אָפּשפּילן אַן אַנדער פרוי. דערצו נאָך איז ער אַ גרויס־האַל־טער, באַלאָזט פון זיך גוואַלדיק. ס׳הייסט, ווער איז צו אים גלייך דאָ! ער איז דאָך עפּעס געוועזן אַן אָנגעשטעלטער אין אַ גרויס געשעפט אין פּראַג. זי קאָן נישט פאַרליידן זיין גרויסהאַלטעריי. ווייל אפילו צו איר, פאַר וועמען ער האָט געהאַט אַ ביסל דרך ארץ, אפילו צו איר האָט ער גערעדט מיט אַ ביטול־שמייכל אויפן פנים, וואָס האָט געמיינט — ס׳האָט אַן אומגליק געטראָפן און איך בין אריינגעפאַלן צווישן אומ־ציוויליזירטע מענטשן, מוז איך ליידן. אַן אַנדערש מאָל דאַכט זיך איר, אַז אין דעם שמייכעלע שטעקט אָט וואָס — דו וועסט זיך נישט

אַרויסדרייען פון מיר, עס וועט דיר גאָרנישט העלפן. דאָס אַרט איר זייער. זי ווערט נאָך מער פאַר'עקשנט. ווי ער איז עס אַזוי זיכער ביי זיך!

שוין ביי דער ערשטער באַגעגעניש האָט פּיאָטר געוואָרפן אַן אויג אויף איר. אָלגאַ איז געשטאַנען ביים איבערעלע און אַכטונג געגעבן אויף עטלאַכע געקעכצן. פון איין טאָפּ האָט זי אַראָפּגענומען דעם שוים, אַן אנדער טאָפּ האָט זי צוגערוקט צום פייער. איר פּנים האָט געפלאַמט און די קליינע נאָז האָט געשוויצט. קוקנדיק אויף איר ווייסן שטאַרקן האַלז און פולע בריסטן, האָט פּיאָטר זיך געטראַכט — אַ גע־זונטע געשמאַקע פרוי!

ס'איז ביי אים קיין שום ספק נישט געווען, אַז ער וועט זי קריגן פּונקט אַזוי לייכט, ווי אַנדערע פרויען פון איר מין.

„זי איז דאָך נישט קיין פּרינצעסין, נאָר אַ פּשוט'ע קעכין. ער וועט אויסשטרעקן די האַנט, ווי צו אַ געשמאַקן עפּל אויף אַ טעלער — און זי וועט זיין זיינע. מער נישט, מען דאַרף האָבן געדולד צו איר, זי קאָן זיך אַ בריקע טאָן. זי זעט אויס צו זיין אַ האַנעראַוואַטע. עס וואָלט אים מער נישט געפעלט, ווען מען דערוויסט זיך אין סאַניטאַר־וואַגאָן, אַז ער האָט געהאַט אַ מיאוסן אָפּשניט פון אָלגאַן. אין די הויפּנס וועט מען לאַכן פון אים — אָט גייט ער, דער אָפּגעשמיסענער! מען דאַרף זיין זייער פאָרזיכטיק. און דער עיקר, נישט פאַרלירן דעם קאָפּ. אויב עס גייט נישט, ווישט אָפּ די ליפּן און מאַך אַ שווייג, ווי גאָרנישט איז געשען. וואָרום מען לעבט דאָך אין דעם זעלבן וואַגאָן און מ'זעט זיך עטלאַכע מאָל אַ טאָג, דאַרף זיין אַלץ שאַ־שטיל. מסתמא וועט עס אָפּגיין גלאַטיק, ווי מיט אַלע אַנדערע פרויען. זי איז נישט די ערשטע און זיכער נישט די לעצטע פרוי, וואָס ער קריגט אַן שום קאָפּ־דרייעניש. מע דאַרף זיך נעמען צייט, באַקאַנען זיך מיט איר נעענטער און דערווייל נישט זשאַלעווען קיין קאָמפּלימענטן”.

עטלאַכע וואָכן נאָך זיין אָנקומען אין צוג נומער זיבן איז פּיאָטר פּלוצים אויסגעוואַקסן אין איר צימערל. ריין און ציכטיק איז דאָרט געווען. אויף אַ קליין טישל איז געשטאַנען, איינגעפאַסט אין אַ שוואַרץ ראַמל, אַ פאָטאָגראַפיש בילד פון אַ הויכן בחור אין מיליטערישע קליי־דער. אין רעכטן ווינקל, לעבן דער סטעליע, איז געהאַנגען אַ קליינע איקאָנע — די הייליקע מוטער מיט איר קינד. אָלגאַ האָט נאָר וואָס געהאַט פאַרענדיקט איבערוואַשן דאָס געפעס נאָך דער וועטשערע, און געקליבן זיך שוין צו גיין שלאָפן. פּיאָטר האָט צו איר געשמייכלט

מיט די חן־גריבעלאַך פון זיין טונקל פּנים. די גלאַט פאַרקעמטע האָר האָבן געגלאַנצט און דאָס כאַקענע העמדל איז געווען ריין. ער איז נישט קיין שמוציקער פּויער מיט גראָבע מאַניערן, ער איז אַ גרויס־שטאָטישער, ווייסט, ווי צו באַנעמען זיך מיט פרויען.

— איך בין אייך נישט מקנא, אַלגאַ. אַ גאַנצן טאָג אַרבעט איר שווער און ביטער און אויפדערנאַכט גייט איר באַלד שלאָפן. אין אַ גרויסער שטאָט, נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט, קאָן מען כאָטש פאַר־ברענגען ערגעץ וואו, אין אַ טאַנץ־זאַל, אין אַ קינאָ...

פּיאָטר האָט זיך שוין געקליבן צו לויבן די גרויסע שטאָט מיט אירע אָרקעסטרן און פּאַרקן. אָבער אין מיטן דערינען האָט אים אַל־גאַ איבערגעשלאָגן.

— איך בין זייער מיד און וויל שלאָפן.

פּיאָטר איז נישט געווען צודרינגלאַך. ער האָט דאָך אָפּגעמאַכט ביי זיך, צו זיין זייער פאַרזיכטיק. ער האָט זיך געזעגנט מיט אַלגאַן זייער העפלאַך.

— אַנטשולדיקט, אַלגאַ. אייער אַרבעט איז טאַקע זייער אַ שווע־רע, איר דאַרפט זיך אָפּרוען. אַ גוטע נאַכט.

נאָך פּיאָטרס אַוועקגיין, האָט אַלגאַ גענומען אין דער האַנט אריין דאָס בילד פון איר חתן, וואָס איז דער׳הרג׳עט געוואָרן אויפן גאַליצישן פראָנט, און לאַנג עס באַטראַכט. זי איז געווען צערודערט. שטיקנ־דיקע ספּאַזמען, ווי אַנלויפנדיקע כוואַליעס, האָבן זיך אָן אויפהער געשוימט אין איר. אַ גאַנצע נאַכט האָט זי נישט צוגעמאַכט מיט קיין אויג.

10

אין די גובערניעס, וואָס גרעניצן זיך מיט מאָסקווע, איז קיין שום ענדערונגען נישט געווען צו באַמערקן. גראָדע דאָס פאַרלוירנקייט, וואָס איז אַזוי בולט געווען אין מאָסקווע, האָט אין דער פּראָווינץ נישט געוואָרפן זיך אין די אויגן. דאָס לעבן איז זיך געגאַנגען זיין נאָרמאַלן גאַנג . די פּויערטעס האָבן געמאָלקן די קי, די שיקסעלאַך האָבן אַ היים געטריבן פונם קליינעם טייכל די יונגע קאַטשקעס און די פּויע־רים האָבן זיך געפּאָרעט אַרום די פערד. ס׳איז אפשר נישט געווען ברויט צו פולער זאַט, אָבער פון הונגער האָט מען נישט געוואוסט. אַראָפּצו, אין די דרום׳דיקע גובערניעס פון „גרויס רוסלאַנד", האָט זיך

שוין געוואָרפן אין די אויגן, אַז נישט אַלץ איז כשורה. ס'האָט אויס-געפעלט ברויט, ס'איז געוואָרן א יקר המציאות.

אויף די באַזאַרן פון די גרעסערע שטעט איז דער הויפּט-האַנדל באַשטאַנען פון ברויט. מ'האָט אויך געהאַנדלט מיט אייער, פּוטער, מילך, גרינסן, אָבער דער עיקרשט מיט ברויט. שוואַרץ ברויט, גער־שטענע פּלעצלאַך, ראָזעווע ברויט, — ברויט. ווייס ברויט איז געווען אַרומגעוויקלט מיט שטיקער לייוונט, מ'זאָל אים קיין עין־הרע ניט געבן. און וואָס מער עס איז געווען אַרומגעוויקלט, אַלץ טייערער האָט עס גער־קאָסט. ממש ווי אַ טייערער דימענט, וואָס נישט יעדערער קאָן עס באַהויפּטן. די פאַרקויפערס האָבן זיך געפילט גדלות'דיק, ווי גרויסע מיוחסים. אַ קלייניקייט, זיי פאַרמאָגן דאָס נויטיקסטע, וואָס א מענטש דאַרף האָבן — ברויט. זיי האָבן זיך אויפגעפירט וואַזשנע, ווי מענטשן, וואָס ווייסן זייער ווערט. די קויפערס האָבן זיך געפילט שפלדיק, געקוקט מיט בעטנדיקע אויגן, ווי יורדים.

אויף אייניקע סטאַנציעס האָבן קליינע קינדער, מיט אויסגעצערטע פּנימער און בלאָע האַלבע לבנות אונטער די אויגן, באַלאַגערט דעם צוג נומער זיבן מיט א הונגער־קוויטשעריי — ברויט, אַ שטיקל ברויט, ברויט! די קינדער זיינען געווען אָנגעטאָן קריעה-בליאה. אויף די האַלב־נאַקעטע אויסגעדאַרטע לייבער האָט מען געקאָנט איבערציילן די אַרויסגעשטאַרטשעטע ריפּן. די אָפּגעריסענע קינדער זיינען אַרומגעלאָפן אַרום די וואַגאָנען, געקראָכן אונטער די וואַגאָנען, געדראַפּעט זיך אויף די טרעפּלאַך.

— ברויט, ברויט!

אַלגאַ האָט צונויפגענומען די שטיקלאַך ברויט, וואָס זיינען פאַר-בליבן פונם לעצטן מאָלצייט, און פאַרטיילט צווישן די קינדער. האָט זיך געמאַכט, אַז צוליבן געדראַנג זיינען אייניקע שטיקלאַך ברויט אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד, האָבן זיך די קינדער א לאָז געטאָן אַהין, ווי פייל אויסן בויגן, האָבן זיך אַרומגעריסן, געדראַפּעט זיך מיט די שמו ציקע נעגל, אַרויסגעריסן איינער פונם אַנדערן אַ שטיקל ברויט. אַזוי וואַרפן זיך הונגעריקע הינט אויף אַ ביין, וואָס די באַלעבאָסטע האָט אַרויסגעוואָרפן אויפן מיסט.

אויף די ווייטערדיקע באַן-סטאַנציעס האָט אויך דער צוג נומער זיבן געליטן פון מאַנגל אין ברויט. אויף אַ גרויסער באַן־סטאַנציע איז דער טעגלאכער פאַיאַק שוין באַשטאַנען פון גערשטן ברויט, פלאַטשיק און פּיטש נאַס, ווי נאַסע ליימענע ציגל. ס'איז געווען פּריקרע

צו נעמען עס אין מויל אריין. ביי די מאַלצייטן איז דער עולם געווען אומעטיק. לעבן יעדן איינעמס טעלער איז געלעגן א שטיקל גערשטן ברויט, צו וועלכן קיינער האָט זיך אפילו נישט צוגערירט. פּראָפעסאָר קאַזלאָוו האָט פאַרגראָבן די אויגן אין א בוך און האָט אונטערגעברומט: אַזוי, אַזוי! וואָס האָט געמיינט — מיר קייקלען זיך באַרג אַראָפּ א סך שנעלער, ווי איך האָב גערעכנט. זיין רעכטער ברעם האָט זיך טיף אַראָפּגערוקט אויפן צוגעמאַכטן אויג און די רעכטע זייט פונם פנים האָט אויסגעזעזן ווי אָנגעבלאָזן.

נאָר איין וואַדיאַנאָי איז געווען נאָך רירעוודיקער ווי שטענדיק. ער איז אַרויס און אַריין אין עס-וואַגאָן. כלאחר יד האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— מען שמועסט, אַז וואָס ווייטער צו דרום צו ווערט אַלץ ערגער.

וואַדיאַנאָי האָט גערעכנט, אַז די דאָזיקע נייעס וועט אַרויסרופן ביים עולם אַ פרייד. ווייל ס'איז דאָך קלאָר ווי דער טאָג, אַז וואָס ערגער עס וועט ווערן אין לאַנד, אַלץ שנעלער וועט נעמען א סוף צו דער ממשלה פון די באָלשעוויקעס. די אָנוועזנדע האָבן אַראָפּגעלאָזט די נע־זער און געשוויגן. ווייל זייער „הונגעריקער מאָגן" האָט געוואוסט, אַז וואָס ערגער עס וועט ווערן אין לאַנד, אַלץ איינגעשרומפּענער וועט ער ווערן. און פאַר דעם האָט ער זיך געשראָקן. וואַדיאַנאָי האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און געטראַכט — מיט אַזעלכע צעקראָכענע אינ־טעליגענטן וועסטו די מאַכט נישט אַרויסרייסן פון די באָלשעוויקעס.

דווקא שולץ, וואָס האָט געוויינלאָך זיך נישט באַטייליקט אין די געשפּרעכן און צו וועמנס שווייגן מ'האָט זיך שוין צוגעוואוינט, ווי מען געוואוינט זיך צו צו א זעלטענער נאַטור דערשיינונג, — דווקא שולץ האָט זיך אָנגערופן:

— דער וויכטיקסטער יסוד פון אַ באַלעבאַטישקייט איז ברויט. אָן ברויט צעפאַלט זיך די גרעסטע באַלעבאַטישקייט. ווי עס זעט אויס, וועט קומען צו א הונגער. און במילא וועט נעמען א סוף צו זייער ממשלה.

שולצ'ס ווערטער זיינען געווען אַזוי איינטאָניק, אַז ס'האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז פון זיין מויל ציט זיך איין לאַנג וואָרט. און געקוקט האָט ער, ווי איינער, וואָס זעט גאָרנישט פון דער נאָענט, דערבליקט אָבער א וויטן, ווייטן שטח.

אין סאַניטאַר־וואַגאָן איז מען נישט געווען אַזוי פאַרצווייפלט,

ווי אין עס-וואַגאָן. ווייל נישט צום ערשטן מאָל קומט זיי, די סאַני-טאַרן, אויס צו הונגערן. אין די אָקאָפּעס האָט זיך נישט איינמאָל גע־מאַכט, אַז מ׳האָט נישט געזען קיין שטיקל ברויט עטלאַכע טעג דורכ־אַנאַנד. און אַ שטיקל גערשטן-ברויט איז אויך נישט אויף ארויסצו-וואַרפן. טאָמער בורטשעט עס אונטער אין בויך, איז אויך נישט גע־פּערלאַך. דער רוח וועט אים, דער חזיר׳ישן מאָגן, נישט נעמען.

— וואָס־זשע — מאַכט פּעטראָוו — דאָס הייסט ביי אייך געהונ־גערט? זופּ איז דאָ, פליש איז דאָ, הירזשענע קאַשע פעלט אויך נישט. און גערשטן-ברויט איז אויך ניט קיין הונט. פאַר אַ שטיקל גערשטן-ברויט וואָלטן מיר אויף די הויכע קאַרפּאַטן דיר געווען אָוועקגעשענקט נישט נאָר די הייליקע אַפּאָסטאָלן, נאָר אפילו די הייליקע מאַריע.

גאָלוביאָוו האָט פּונקט אַזוי גלייכגילטיק געקייט דאָס גערשטן ברויט, ווי דאָס קאָרענע. וואָס איז די נפקא מינה, ברויט איז ברויט. נאָר איין פיאָטר האָט געבורטשעט:

— היינט עסן מיר גערשטן ברויט און מאָרגן וועלן מיר, ווי די פערד, קייען האָבער.

ס׳האָט אָבער נישט גענומען לאַנג און די לאַגע האָט זיך פאַרבע־סערט. מ׳האָט צוריק אָנגעהויבן צו קריגן דאָס סאָלדאַטסקע שוואר-צע ברויט און דער עולם האָט אויפגעלעבט.

האָט זיך דערפאַר אָנגערוקט אַן אַנדער צרה. אויף יעדער סטאַנ־ציע, וואו נאָר דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָבן פויערים און פוי־ערטעס אָפּגעשלאָגן די טרעפּ פון די וואַגאָנען און געבעטן מיט אַ קול, וואָס האָט געקלונגען ווי אַ סטראַשונאַק.

— זאַלץ, זאַלץ! נאַט אייך ברויט, פליש, פּוטער, גיט אונז זאַלץ, זאַלץ!

די פויערים האָבן געשטופּט אין די הענט פון די סאַניטאַרן גאַנצע ברויטן, שטיקער חזיר-פליש; אייניקע פויערים האָבן אַפילו מיטגע-בראַכט אָפּגעקאָכטע בלינצעס, פון וועלכע ס׳האָט געשלאָגן אַ פּאַרע, און פאַר דעם אַלעמען האָבן זיי געבעטן אַ ביסל זאַלץ. נישט די גע-בעטן און אפילו נישט די סטראַשונקעס האָבן געהאָלפן. אויפן צוג נומער זיבן איז קיין איבעריק זאַלץ נישט געווען. די פויערים און פויערטעס האָבן געמוזט אָוועקגיין מיט ליידיקן — מיט פולע זעקלאַך ברויט און פליש, און אָן אַ ביסעלע זאַלץ.

אין צוג האָט מען אָנגעהויבן צו קוקן אויף די עטלאַכע פונט זאַלץ, וואָס זיינען פאַרבליבן אין שפּייז קאַמער, ווי אויף טייערן אַלטן וויין.

טרינקסטו אים אויס, ווּעסטו קיין אַנדערן נישט קריגן. מ'האָט ממש געציטערט איבער עטלאַכע קערנדלאַך זאַלץ.

— נישקשה, עס מעג זיין אַ ביסל ווּעניקער געזאַלצן. גאַנץ מעג-לאַך, אַז גאָר אין גיכן וועלן מיר אינגאַנצן נישט האָבן קיין זאַלץ.

מאַריע ניקאָלאַיעווּנאַ האָט געבעטן וואַדיאַנאַיען, ער זאָל אַריבער-טראָגן דאָס זאַלץ פונם שפּייז-קאַמער אין לאַבאַראַטאָריע, זי האָט עס דאָרטן פאַרשלאָסן, ווי אַ טייערן כעמישן מאַטעריאַל. אָלגאַן האָט זי אַרויסגעגעבן יעדן טאָג אַ קליינע פּאָרציע זאַלץ. אָלגאַ איז אַרומגע-גאַנגען אַ פאַראומערטע. ווען זי האָט פאַרזוכט פון די געקאָכטע מאכלים, האָט זי מיט כעס אוועקגעשליידערט דעם לעפל און אונטער-געוואָרטשעט:

— אַרבעט, אַרבעט, צי פון זיך די קליי, און דאָס האָט קיין טעם נישט. הוילע שטרוי.

פּעטראָוו פלעגט זי טרייסטן:

— אויפן פראָנט איז נאָך ערגער געווען, אָלגאַ. עס קאָכט זיך דאָס קעסל אַ פּאָר שעה און ווען מען שעפּט אָן די קעסעלאַך און מען ריכט זיך אויף אַ געשמאַקן זופּ, — איז גאָר דאָ הוילע וואַסער. ס'האָט נישט געסטאַיעט קיין גרויפּן. נו, האָט מען זיך מיטן הוילן וואַסער נישט מחיה געווען? ס'האָט צעפּאַרעט די ביינער. זאָרג נישט, אָלגאַ, מען וועט די נישט-דערזאַלצענע מאכלים אויך נישט אַרויסוואַרפן.

פּיאָטר האָט נישט אָפּגעלאָזט.

— דאָס איז דאָך געווען אויפן פראָנט, אין די אָקאָפּעס. דאָ שטייען מיר דאָך לעבן אַ גרויסער שטאָט און צום ריכטיקן פראָנט איז היפּשלאַך ווייט. און דאָס עסן איז — קיי שטרוי. ס'עט פון דעם קיין טאָלק נישט אַרויסקומען.

דער עולם האָט פאַרשטאַנען, וואָס ער האָט געמיינט — די נייע מאַכט וועט לאַנג זיך נישט האַלטן.

11

פון מאָסקווע איז דער צוג נומער זיבן אַרויסגעפאָרן אָנהויב אָסיען. אין שטאָט איז נאָך געווען הייס און פאַרנע. די מענער האָבן צע-שפּילעט די קאָלנערס פון זייערע כאַקענע העמדלאַך, און די פרויען האָבן נאָך געטראָגן זומערדיקע קליידלאַך. האָט דערפּאַר די אָנהויב-אָסיענ-דיקע קילקייט פון דער מאָסקווער פּראָווינץ געקוויקט יעדן איבער. דער

עולם איז געזעסן ביי די אָפענע פענסטער און זיך נישט געקאָנט אָנזע־טיקן מיט די פעלדער, וואָס האָבן אָקאָרשט זיך אָנגטאָן סאַמעט־גרין; מיט די בוימער, וואָס האָבן זיך שטיל געוויגט מיט זייערע געל-בראָנ־זענע בלעטערדיקע קרוינען. וויפל געלע בלעטער דער ווינט האָט ניט אַראָפּגעריסן פון די בוימער, זייגען זיי נאָך אַלץ נישט געבליבן אָדם-נאַקעט. גענוג געבלעטערטיי פאַרבליבן אויף די גרויסע און קליינע צווייגן.

פאַרנאַכט־צו ווערט פייכטלאַך. עס בלאָזט אַ ווינטל. עס ווערט שוין קילבלאַך צו זיצן ביים אָפענעם פענסטער. דאָס אויג קאָן זיך אָבער נישט אָפּרייסן פון דער זון, וואָס האַלט אין פאַרגיין אויפן ווייטן, בלוילאכן האָריזאָנט. איר קאָליר בייט זיך פון מינוט צו מינוט, פון רגע צו רגע. העל־וויס, געלבלאַך־וויס, געל, רויטלאַך-געל, רויט, קארמעזין־רויט. אָט פאָכעט זי אויף דיר מיט אירע העלע קאָלירן און עס שווינדלט אין די אויגן צו קוקן, ווי זי מיניעט זיך. אָט שטייט זי, אַ רויט־בראָנזענע, אָנגעשפּאַרט אויפן ווייטן פעלד, שטייט א רגע און רירט זיך נישט פון אָרט, ווי זי וואָלט געזאָגט — קאָנסט מיך נאָך באַטראַכטן אַ קליינע ווײַלע, איידער איך פאַרשווינד אויף יענער זייט פעלד.

א חוץ שיינע, געל-בראָנזענע טעג, האָט אויך דער אָסיען טעג, אָנ-געגאָסענע מיט רעגן. דער גרויסער הימל, די גלאַנציקע פעלדער, די ווינטיקע בוימער, די צוגעמאַכטע הייזער, די מענטשן, די חיות, — אַלץ איז דורכגעווייקט מיט רעגן. ווי די ערד וואָלט אָנגעטאָן אַ פיטש-נאַסן מאַנטל.

אין צוג נומער זיבן איז וואַרים און ליכטיק. עס וויל זיך נישט עפענען די טיר און ארויסשטעקן דעם קאָפּ, — וועסט איבערגעווייקט ווערן. מעג עס אָבער גיסן מיט צעבערס, האָט מען יעדן צווייטן, דריטן טאָג געמוזט גיין אין קאמענדאַטורע נאָך פּראָוויאַנט. אָניט וואָלט אויסגעקומען צו פּעכנען אויפן פיסק, ווייל דעם פּראָוויאַנט, וואָס איז אין רעזערוו, האָט מען נישט געטאָרט טשעפּן. אָנקומען צו אים האָט מען געמעגט נאָר אין א עת צרה.

די העכערע באַאַמטע וועלן דאָך ניט טאָן קיין שוואַרצע אַרבעט און דער מעכאַניקער גודא איז געווען פאַרנומען מיט הייצן די וואַגאָנען. איז די גאַנצע שוואַרצע אַרבעט געפאַלן אויף פיאָטרן, פּעטראָוון און גאָ-לוביאָוון. פיאָטר האָט זיך געפילט געקריוודעט, הלמאי דער פאַר־

וואַלטער וואַדיאַנאַי שיקט אים, באַגלייך מיט די אַנדערע סאַניטאַרן, צו שלעפּן די זעק פּראָוויאַנט אזש פון דער קאָמענדאַטורא. ער איז דאָך נישט קיין פּשוט׳ער סאַניטאַר, ער איז אַ קעלנער אין עס-וואַגאָן. ער האָט אָבער געפאָלגט אָן שום ווידערשטאַנד. אַ ברירה האָט ער. ער איז אַ געפאַנגענער אין אַ פרעמד לאַנד. היט גאָט פאַר ערגערס! פּיאָטר האָט זיך געטאָפּטשעט אין די בלאָטעס, פּאַרזיכטיק געשפּאַנט איבער די רעלסן, דער רעגן האָט געשמיסן אין פּנים אַריין, דער ווינט האָט אים געוואָרפן אין אַלע זייטן און ער האָט זיך געוויגט, ווי אַן אָטשערעט. זיין פּנים איז לענגלאַך-כמורנע, די ליפּן — אויסגעצויגן, ווי זיי וואָלטן גרייט געווען צו פרעגן אַ האַרבע קשיה — פאַרוואָס קומט אים אַזאַ אָפּקומעניש? ער האָט נאָך קיינמאָל אזוי נישט געלעכצט, ווי איצטער, צו דערלעבן די מינוט, ווען רוסלאַנד וועט זיך באַרואיקן און ער.וועט אומגעשטערטערהייט זיך אומקערן אהיים, קיין סלאָוואַקיע.

אויך גאָלוביאָוו האָט נישט ווידערשפּעניקט. אָט דאָס איז שוין זיין גורל. שלעפּ די ליאַמקע, כל זמן עס טליעט אין דיר אַ פונק,פון לעבן. ער איז אַלע זיינע יאָרן געווען אַ באַטראַק,אין פּריצישן הויף, געטאָן כל עבודת פרך. דערנאָך געוואַלגערט זיך אין די אָקאָפּעס, גע-וואָרן אַליין אַ שטיק אָקאָפּ. ס׳איז נאָך גוט, וואָס ער איז פּטור גע־וואָרן פון זיי.

נאָר פּעטראָוו, שלעפּנדיק די זעק מיט פּראָוויאַנט, האָט אונטער־געוואָרטשעט.

— אַ טפו זאָל עס ווערן! ס׳נעמט גאָר קיין עק און קיין סוף נישט. אויסגעוואַלגערט זיך אויף אַלע פראָנטן, קוים אַ לעבעדיקער אַרויס. געמיינט, די מלחמה האָט זיך געענדיקט, וועל איך אַ היים פאָרן, אין דאָרף אַריין, אויסרוען די רומאַטישע ביינער אויפן הייסן פּעקעליק. האָסטו דיר אַ נייע צרה — רויטע, ווייסע. און דו ווער ווידעראַמאָל פאַרשוואַרצט. אַ טפו זאָל עס ווערן!

מיט די אָסיענדיקע רעגנס האָט זיך צעפלאַדיעט דער טיפוס. נאָך אין מאָסקווע האָט מאַריע ניקאָלאַיעוונא געהערט, אַז אין די מלחמה־געגנטן האָט זיך דער טיפוס באַזעצט נישט אויף קאַטאָוועס. אין מאָסקווע גופא איז אָבער גאָרנישט געווען צו באַמערקן. האָבן דער־פאַר די שלעכטע ידיעות זי וויניק וואָס געקימערט. וואָס מער אָבער דער צוג נומער זיבן האָט זיך דערווייטערט פון מאָסקווע, אַלץ מער האָט ער זיך דערנענטערט צו די ישובים, וואו דער טיפוס איז געוואָרן אַ גע־וויינלאַכע דערשיינונג. ס׳האָט קיינעם נישט איבעררעשט, ווען ער

איז געוואויר געוואָרן, אַז זיינער אַ פריינד איז קראַנק אָדער האָלט שוין גאָר ביים שטאַרבן. ווי עס איבערראַשט קיינעם נישט, ווען אין אַ צווייטן הויז איז אַ קינד געבוירן געוואָרן אָדער אַן אַכציק־יעריקער אַלטיטשקער איז געשטאָרבן, אַ טאָג־טעגלאַכע פּאַסירונג.

די שפּיטאָלן זיינען געווען איבערגעפּאַקט מיט חלואים. אייניקע זיינען געזונט געוואָרן, אַנדערע זיינען געשטאָרבן. ווי איינעם ס'איז באַשערט געווען. און וואָס מער דער רעגנדיקער אַסיען האָט זיך איינ־געגעסן אין די ביינער, אַלץ מער תושב איז געוואָרן דער טיפוס. דער אַסיען און דער טיפוס זיינען געוואָרן ווי אַ סיאַמער צווילינג.

אין צוג נומער זיבן האָט מען פאַמעלאַך אָנגעהויבן איינצוזען, אַז זייער אָפּגעזונדערטקייט פון דער אַרומיקער וועלט איז נאָר אַן אויבנ־אויפיקע. ווי א ווינקל, וואָס איז אָפּגעזונדערט פונם איבעריקן צימער מיט שפּאַנישע ווענטלאַך. כאָטש דער צוג איז געשטאַנען אויפן אָנ־דערן עק וואָקזאַל, נאָענט צו די אַרומיקע פעלדער, און פון דער דערביי־איקן ישוב צום צוג איז געווען א היפשע שטרעקע, האָט מען פונדעסט־וועגן אין צוג געלעבט מיט דעם געפיל, אַז דאָ נישט ווייט געפינט זיך אַ קליין וואָקזאַלעכל און אַ ביסל ווייטער — א מענטשלאַכער ישוב. נישט נאָר זיינען די סאַניטאַרן געקומען אין שטענדיקער באַרירונג מיטן וואָקזאַל צוליב דעם פּראָוויאַנט, נאָר אפילו די העכערע באַאַמטע פונם צוג נומער זיבן האָבן נישט געקאָנט אויסמיידן דעם וואָקזאַל. פון צייט צו צייט האָט מען זיך באַדאַרפט זען מיטן קאָמענדאַנט, מיטן נאַט שאַלניק פון דער סטאַנציע אָדער אַן אַנדער באַן־באַאַמטן. אין צוג האָט זיך באַזעצט אַ שטענדיקע מורא, צי האָט עמיצער נישט מיטגעבראַכט די קלעפּיקע קראַנקהייט.

וואָדיאַנאָי האָט שטרענג באַפוילן די סאַניטאַרן, זיי זאָלן וואָס ווייניקער זאַמען זיך אויפן וואָקזאַל און קיין מגע ומשא נישט האָבן מיט דער אַרומיקער באַפעלקערונג. באַזונדערס האָט ער געוואָרנט פיאָטרן, ווייל ס'איז געווען באַוואוסט, אַז אין די אָוונטן ווערט ער פאַר־פאַלן אין דערבייאיקן ישוב. אָבער די באַזונדערע פאַרזיכטיקייט און די שטרענגע אָפּגעזונדערטקייט האָבן גאָרנישט ניט געקאָנט פאַרמיידן. דער טיפוס האָט זיך ארייגעקליבן אין צוג אריין. און קראַנק געוואָרן איז ניט פיאָטר, וואָס פלעגט אין די אָוונטן אַרומשלאָגן זיך אין די דער בייאיקע ישובים, נאָר דווקא דער צוריקגעצויגענער גוידא, וואָס האָט קיינמאָל נישט פאַרלאָזט דעם צוג.

ווי נאָר ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז גוידא איז קראַנק אויף טיפוס, האָט שוין מאַריע ניקאָלאַיעוונאַ געזען, אַז מען זאָל אים באַלד צונעמען אין שפּיטאָל אַריין. ווען קסעניאַ האָט זיך דערוואוסט, אַז מען גייט גוידאן אַריבערפירן אין אַ שפּיטאָל אריין, האָט זי זיך צעכליפּעט אויף אַ קול און ווי א וויכער אריינגעלאָפן אין קאַנצעלאַריע.

— דערבאַרימט זיך, מאַריע ניקאָלאַיעוונאַ, לאָזט אים איבער דאָ. איך אַליין וועל אַכטונג געבן אויף אים, איך וועל קיינעם נישט צולאָזן צו אים. דערבאַרימט זיך!

קסעניאַ האָט אויסגעשטרעקט די הענט ווי אין א געבעט צו דער הייליקער מאַריע. מאריע ניקאָלאַיעוונאַס קול האָט געגלעט און גע-שטראָפט.

— ווייסטו דען נישט, קסעניאַ, אַז טיפוס איז זייער אַ קלעפּיקע קראַנקהייט. בלייבט גוידא דאָ, וועלן מיר זיך אַלע אָנשטעקן. פאַר אים אַליין איז אויך געזינטער צו זיין אין שפּיטאָל. אַלץ איז פאַראַן צו דער האַנט דאָרט — דערפאַרענע באַרמהערציקע שוועסטער, רעד־צעפּטן. ווי נאָר ער וועט געזונט ווערן, וועלן מיר אים באַלד אַרויסנע־מען פון שפּיטאָל.

מאַריע ניקאָלאַיעוונא האָט אַ גלעט געטאָן קסעניאן איבער די צע־פּאַטעלטע האָר.

גוידאס צימער האָט מען גוט אויסגערייניקט, זיינע מלבושים און בעטגעוואַנט — דעזינפעקצירט. קסעניא האָט אים אָפט באַזוכט אין שפּיטאָל. מאַריע ניקאָלאַיעוונאס וואָרענונגען, אַז זי זאָל וואָס ווייני-קער גיין צו גוידאן, האָבן גאָרנישט ניט געהאָלפן.

— ס׳איז ניט אַמאָליקע צייטן — האָבן זיך געצונדן מיט עקשנות׳ דיקער אַנטשלאָסנקייט קסעניאס קליינע שוואַרצע אויגן — זי וועט מיר נישט פאַרווערן צו באַזוכן גוידאן אַזוי אָפט, ווי ס׳וועט זיך מיר גלוסטן.

יעדן פאַרנאַכט, ס׳האָט געמעגט גיסן מיט צעבערס, האָט קסעניא מיט שנעלע טריט זיך אַוועקגעלאָזט אין שפּיטאָל אַריין. זי האָט זיך געזאַמט דאָרט אַ פּאָר שעה, געקומען צוריק, און גענומען זיך צו דער אַרבעט. אַפילו מאַריאַ ניקאָלאַיעוונאַ איז איינמאָל געגאַנגען אַ קוק טאָן, וואָס גוידא מאַכט.

„עס וועט דאָך זיין א חרפה און א בושה, ווען זי, די עלטסטע פון צוג, וועט אפילו איינמאָל נישט באַזוכן דעם קראַנקן מעכאַניקער״.

אין עס־וואַגאָן האָט מען נאָר אמאָל אין א יובל דערמאָנט גוידאס נאָמען. מ׳האָט נישט גערעדט וועגן אים, ווייל פון אזא געשפּרעך וואָלט במילא אַרויסגעשוואומען אַ האַרבע פּראַגע: ווער וועט זיין דער צווייטער קרבן? און וועגן דעם האָט זיך נישט געוואָלט טראַכטן. עס וועט גאָרנישט ניט העלפן. וואָס ס׳וועט זיין, וועט זיין. מ׳האָט נישט אַרויסגעבראַכט אויף די ליפּן דאָס וואָרט: טיפוס, אָבער זיין נאָענטע שכנה׳שאַפט האָט יעדער איינער געפילט — דער טיפוס האָט זיך באַזעצט אין סאַניטאַרן-וואַגאָן און קאָן צו יעדער צייט אריינקומען אין עס־וואַגאָן.

די סאַניטאַרן אָבער האָבן נישט אויפגעהערט צו ריידן וועגן גוידאָן, ער איז דאָך אַן אייגענער מענטש, כאָטש א פרעמדער אין שפּראַך און אין האַלטונג. דער אינהאַלט פון זייערע רייד איז געווען א מאָדנער געמיש פון דעם, וואָס איז, און פון דעם, וואָס איז געווען. גוידאָ האָט געלעבט, קראַנקערהייט געלעבט. איז דער געשפּרעך וועגן אים געווען, ווי וועגן אַ לעבעדיקן מענטשן. גוידא איז אַזוי, גוידא איז אַנדערש. אָפּטמאָל אָבער האָט מען גערעדט וועגן אים, ווי וועגן איינעם, וואָס האָט אַמאָל געלעבט און איז איצט שוין אויפן עולם האמת. גוידא איז געווען אַזוי, גוידא איז געווען אַנדערש. איז עמיצער אין יענער צייט קראַנק געוואָרן אויף טיפוס, האָט מען אים באַטראַכט פאַר א האַלבן בר־מנן. א גרויסע צאָל טיפוס־קראַנקע איז געשטאָרבן. איז איינער געזונט געוואָרן, איז דאָס געווען אַן אַנגעלייגטע זאַך, ווי אַן אומדערוואַרטעטע מתנה.

גוידא איז איבערגעקומען דעם טיפוס־קריזיס בשלום. די דאָקטוירים האָבן פאַרזיכערט קסעניאָן, אַז גוידא וועט געזונט ווערן, ווייל די קראַנקהייט איז צוגעגאַנגען נאָרמאָל און זיי דערוואַרטן דערפאַר ניט קיינע קאָמפּליקאַציעס. מיטאַמאָל אָבער האָט ער דערפילט ערגער. די לונגען זיינען אָנגעגריפן געוואָרן און ער האָט שנעל גענומען זינקען. זיין גוף איז געווען ווי צוגעשמידט צום בעטל, נאָר זיין הייסער קאָפּ האָט זיך אַלע ווײַלע איבערגעדרייט פון איין זייט קישן אויף דער צווייטער. קורצע אומפאַרשטענדלאַכע קלאַנגען האָבן זיך צייטנווייז אַרויסגעריסן פון זיין פאַרטריקנט מויל. אפשר האָט ער געבעטן אויף זיין אייגענער שפּראַך אַ ביסל וואַסער, און אפשר גאָר האָט ער גערופן צו הילף זיין אַלטע מאַמע פון אַ קליין הייזקעלע אין פּראַג, זי זאָל וואָס שנעלער קומען און אים אַרויסראַטעווען פון דאַנען. ער איז אַזוי שוואַך, אַז ער קאָן זיך נישט רירן פון אָרט.

צוג נומער זיבן

אין אַ גרויען פֿאַרטאָג איז גוידא אויסגעגאַנגען. ער האָט מיטאַמאָל דערפֿילט אַ שטאַרקע שטיקעניש אין האַלז. ער האָט קוים אַ ריר געטאָן מיט די ליפּן, געוואָלט זיך באַקלאָגן. די אויגן האָבן זיך צוגעמאַכט, די ליפּן — צוגעשלאָסן.

דער גאַנצער פּערסאָנאַל פֿון צוג נומער זיבן איז געווען ביי גוידאס לויה. ס׳איז געווען אַ שטילער שנייאיקער דרויסן. אַ פֿערד און שליטן מיט אַ פּשוט׳ער הילצערנער טרונע האָט זיך פּאַמעלאַך געשלעפּט איבערן נישט־אויסגעטראָטענעם שנייאיקן וועג. מיט וואַקלדיקע טריט זיינען מענער און פֿרויען נאָכגעגאַנגען דעם שליטן, ווי נאָך אַ וועג-ווייזער, און פֿאַרטראַכט געשוויגן. נאָר איין קסעניאַ האָט אַלע ווײַלע אַ שלוכץ געטאָן. פֿון די אָנגעכמורעטע פּנים׳ער איז קאָנטיק געווען, אַז דאָס באַגלייטן די הילצערנע טרונע איז די מענטשן שוין גאָרנישט ניחא. די פּשוט׳ע הילצערנע טרונע, וואָס האָט זיך געהאָצקעט אויף דעם שליטן, האָט שטומערהייט באַפֿוילן — און זיי האָבן געפֿאָלגט.

פֿון דערווייטנס האָט זיך געשוואַרצט אַ בייכיקער קלויסטער מיט אַ קליין צלמל אויפֿן שפּיציקן דאַך. אַרום קלויסטער — אַ גרויסער הילצערנער פּאַרקן. די קליינע קברים־בערגעלאַך, מיט די שטיינערנע מצבות אויף זיי, האָבן זיך קוים אַרויסגעזען פֿונעם אונטערן שניי-צודעק. אַהינצו, צום פֿאַרוואָרפֿענעם דאָרפֿישן צווינטער, האָט זיך געשלעפּט דער פֿערד און שליטן.

פּראָפֿעסאָר קאָזלאָוו איז געווען מיד. ס׳איז אים געווען שווער דער גאַנג. ער האָט אַלע ווײַלע אַ הוסט געטאָן און אויסגעשפּיגן. וואָדיאַנאָי האָט זיך צייטנווייז פֿאַרגעסן, געוואָלט עפּעס באַפֿעלן, דערזען פֿאַר זיך די כליפּנדיקע קסעניא און געבליבן שטיל. פֿון אָלגאַס אויגן זיינען גערונען טרערן. מסתמא אַזוי-אָ, האָט זי זיך געטראַכט, האָט מען באַגראָבן איר חתן ערגעץ וואו אין אַ פֿאַרוואָרפֿן גאַליציש דערפֿל. און אפֿשר גאָר איז ער געבליבן ליגן אויפֿן פֿעלד, נישט קיין באַגראָבענער, און הונגעריקע וועלף האָבן אים אויף שטיקער צעריסן. פּעטראָוו האָט געשפּאַנט האַרט לעבן שליטן. האָט זיך די טרונע אַראָפּגערוקט צופֿיל אויף איין זייט, איז ער צוגעגאַנגען, אַרויפֿגערוקט זי אויפֿן פֿריערדיקן פּלאַץ. ער איז געוואוינט צו אַזעלכע זאַכן. געזונט חברים שוין באַגלייט צו זייער אייביקער רו!

מאַריע ניקאָלאַיעוונאַ איז געווען זייער אומעטיק. „דער טיפּוס

האָט זיך אויף אַן אמת שוין באַזעצט אין צוג נומער זיבן. הייגט גוי-דאָ און מאָרגן ווער?״

זי האָט זיך געטוליעט צו שולצן, ווי צו איר באַשיצער. ער האָט געשפּאַנט מיט רואיקע געמאָסטענע טריט, האָט געהיט יעדן ריר פון מאַריע ניקאָלאַיעווגא, וואָס האָט זיך נאָכגעשלעפּט א מידע, אָן אײנ-געהויקערטע. וואָלאָך האָט זיך נישט געקאָנט באַפרייען פונם גע־דאַנק, אַז צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן קומט אים אויס צו באַגלייטן אַ טויטן אויף אַ גוי׳אישן בית-עולם. ער האָט זיך געהאַלטן לעבן דאָקטאָר גרינבוים, ווי ער וואָלט זיך געשעמט פאַר די איבעריקע. „וואָ־סערע נאַרישע געדאַנקען עס קומען אים אין קאָפּ אַריין!״

דאָקטאָר גרינבוימען זיינען אויכעט „נאַרישע געדאַנקען״ געקראָכן אין קאָפּ אַריין.

„דער טשעך גוידא איז געווען דער ערשטער וואָס איז קראַנק גע־וואָרן אויפן צוג נומער זיבן. ער האָט זיך געהאַלטן ריין. איז כמעט אין קיין באַרירונג נישט געקומען מיט דער אויסערלאַכער וועלט און דאָך דער ערשטער זיך אָנגעשטעקט. און געשטאָרבן איז ער, דער פאַבריק-אַרבעטער פון עסטרייך, איינס און צוויי, ווי אַן א שום ווידער־שטאַנד״.

אַן אַ זייט פון זיי אַלע האָט געשפּאַנט פּיאָטר. דער גאַנג — אַ וואַקלדיקער, דער בליק — אַ בלאָנדזשענדיקער. אין מח האָט געפּי־קעט איינס און דאָס זעלבע: צוויי פרעמדע זיינען זיי געווען אויפן צוג נומער זיבן, איז איינער שוין נישטאָ, שוין נישטאָ.

ביים אָפּענעם קבר האָט זיך קסעניא צעכליפּעט מיט אַ קוויטשע-דיק קול. זי האָט זיך געריסן אין גרוב אַריין, ווי זי וואָלט געהאַט בדעה נישט צו לאָזן באַגראָבן גוידאן. אָלגאַ און פּעטראָוו האָבן זי געהאַלטן אונטער די אָרעמס. ביים אַראָפּלאָזן די טרונע אין גרוב אַריין, איז דער עולם געשטאַנען אַרום קבר מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, ווי וויינענדיקע ווערבעס ביים ברעג טייכל, וואָס טראָגט אַוועק די אַראָפּ-געפאַלענע בלעטער. יעדער איינער האָט געהאַט אַ געפיל, אַז א חלק פון אים ליגט אין דער טרונע, וועלכע מען וועט באַלד פאַרשיטן מיט א לאָפּעטע ערד.

ס׳איז געווען פראָסטיק. איבער די בלווילאַך-ווייסע פעלדער האָבן זיך שוואַרצע וואָראָנעס געטראָגן מיט אַ הילכיקן קראַ-קראַ! די קאַלטע בלאָע ווייטן האָבן אָפּגעענטפערט מיט א צעצויגענעם קראַ-קראַ! קראַ־קראַ!

אויפן צווייטן טאָג נאָך גוידאס לויה, האָט זיך דער צוג נומער זיבן געריהרט פון אָרט. וואָס מער ער האָט זיך דערנענטערט צו מזרח, אַלץ קעלטער איז געוואָרן, אַלץ בלענדנדיקער האָבן זיך געמיניעט די בלוילאַך־ווייסע שנייאיקע פעלדער. דער צוג פלעגט זיך אַמאָל פאַר־האַלטן אויף אַ טאָג צוויי אויף א פיצינקעלע סטאַנציע, וואו עס האָבן זיך אַרומגעדרייט עטלאכע פאַרשלאָפענע מענטשן, — אָבער נישט מער ווי אויף אַ טאָג צוויי. ס׳האָט אויסגעזען, דער צוג וויל זיך וואָס מער דערווייטערן פון פלאַץ, וואו גוידא האָט געקראָגן זיין לעצטע מקום מנוחה.

פון גוידאן אַליין האָט זיך דער צוג נישט דערווייטערט. פאַרקערט, האָט זיך דערנענטערט צו אים. דאָס וואָרט „גוידא” איז געוואָרן איינגעקריצט ביי יעדן אין זכרון, כאָטש ביים לעבן האָט אים קיינער נישט גערופן ביים נאָמען, נאָר „דער מעכאַניקער”. נאָך זיין טויט איז „דער מעכאַניקער” פאַרשוואונדן און ס׳איז געבליבן גוידא.

אין עס-צימער האָט דער געשפּרעך וועגן גוידאן נישט אָנגעהאַלטן לאַנג, ווייל סוף כל סוף ווי לאַנג קאָן מען ריידן וועגן א פרעמדן מענטשן, וואָס איז קראַנק געוואָרן אויף טיפוס און איז געשטאָרבן. צו די באַאַמטע פונם צוג נומער זיבן איז דאָך גוידא געווען א פרעמדער מענטש. ער האָט זיך טאקע אָפט אַרומגעדרייט איבערן קאָרידאָר מיט דער פּיפּקע אין מויל און אַ פּאָר אינסטרומענטן אין דער לינקער האַנט. אָבער זעלטן ווען האָט ער זיך דורכגעוואָרפן מיט אַ פּאָר ווערטער מיט עמיצן פון די באַאַמטע. ער איז געווען דער מעכאַניקער פון צוג און געטאָן זיין אַרבעט מיט מעכאַנישער שלמות. איז ער געשטאָרבן, דער מעכאַניקער, האָט מען אים דערמאָנט אַ פּאָר מאָל און אויס. דער טויט אָבער האָט זיך ארייגגעוועבט אין אַלע געשפּרעכן און געמאַכט זיי אָבלדיק. און שולדיק אין דעם איז געווען גוידא. ער, דער מע־כאַניקער, האָט אַזוי אָנגעשטעלט „די טראַכטנדיקע מאַשינען„ פונם עולם, אַז אַלע ווילע האָט אַן אנדערער געהאַט צו דערציילן א מעשה וועגן טויט אָדער א מעשה, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט טויט.

פּראָפעסאָר קאָזלאָוו, אַן עלטערער דאָקטאָר, האָט א סך טויטן גע־זען אין זיין לעבן.

— איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן דעם טויט פון א יונגענמאַן, וואָס איז געשטאָרבן פון דיזינטעריע. ס׳איז געווען אין אָנהויב פון

מיין מעדיצינישער קאַריערע. כ׳בין געווען יונג, געזונט און פריי־לאַך. און ער, דער פּאַציענט מיינער, איז געווען יונג, געפערלאַך קראַנק און שטארק פאַרצווייפלט. א גאַנצע נאַכט בין איך געזעסן ביי זיין טויטן־בעט. צוליב וואָס, איז מיר אפילו איצט נישט קלאָר. כ׳האָב אים מיט גאָרנישט ניט געקאָנט העלפן. צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן איז מיר דענצמאָל אויסגעקומען צו זען, ווי אַ יונגער מענטש שטאַרבט. איך געדיינק נאָך ביז היינטיקן טאָג, ווי עס האָט זיך גע־באַמבלט ביי מיר אין קאָפּ אַ געדאנק — ער האָט נאָך כמעט גאָרנישט געלעבט און דאָך שטאַרבט ער. איך האָב אים אַלע ווײלע דערלאַנגט אַ שטיקל אייז צום אַראָפּשלינגען און ער האָט אַלע מאָל מיר געשטעלט די זעלבע פראַגע: איז שוין נישטאָ קיין שום האָפענונג, דאָקטאָר? ער האָט געקוקט אויף מיר מיט פיבערדיקע אויגן און איך האָב אים גע־ענטפערט פאַרשעמט און טרויעריק: ר׳ועט אָן שום ספק געזונט ווערן. אַ גאַנצע נאַכט האָט זיך געצויגן די אינקוויזיציע. ער איז פאַרמוטשעט געוואָרן צום טויט און איך — צום לעבן.

מאַריע ניקאָלאַיעוונאס מעשה האָט זיך דווקא אָנגעהויבן מיט גרי־נע בוימער, לבנה־נעכט און א שיפל אויפן זילבערנעם טייך, האָט זיך אָבער פלוצים פאַרענדיקט מיט טויט.

—איך ווייס עד היום ניט — האָט מאַריע ניקאָלאַיעוונאַ אַ שלוכץ געטאָן — צי איז ער אריינגעפאַלן דורך אַ צופאַל, אָדער ער האָט זיך אריינגעוואָרפן אין וואַסער, ווייל ר׳האָט נישט געקאָנט פועלן ביי מיר, איך זאָל מיט אים חתונה האָבן. טויטע שוויגן דאָך! — האָט מאַריע ני־קאָלאַיעוונא פאַרענדיקט מיט אַ קרומלאכן שמייכל. אירע אויגן זיי־נען געווען פייכט און טרויעריק.

— נישט נאָר טויטע שוויגן — האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ פּראָפעסאָר קאָזלאָוו — נאָר אויך לעבעדיקע שוויגן איצט. גאַנץ רוס־לאַנד שווייגט!

ס׳איז געווען שטיל אין עס־וואַגאָן. ס׳האָט זיך דייטלאך גע־הערט, ווי פּראָפעסאָר קאָזלאָוו קלאַפּט מיט די פינגער איבערן טיש. וואָדיאַנאָי האָט איבערגעריסן די שטילקייט.

— עס וועט נישט נעמען לאַנג און אין רוסלאַנד וועט הערשן אַ שטילשווייגן, ווי אויף א בית־עולם. אַלע וועלן אויסשטאַרבן, פון פלעקך־טיפוס און אַנדערע מגפות.

צייטנווייז פאַרשאַפן ווערטער א ווייטיק בלויז מיט זייערע קלאַנ־גען, גלייך ווי אין זיי וואָלט שוין געלעגן פאַרשטעקט די סכנה פון דער

זאַך, וואָס דאָס וואָרט באַדייט. ביים וואָרט „פֿלעקן־טיפֿוס״ האָט זיך יעדער צוזאַמענגעקאָרטשעט און דערוואַרטעט א נאָענטע טויט-געפֿאַר. אין עס-וואַגאָן איז געווען שטיל, אָבלדיק שטיל.

אין סאַניטאַרן־וואַגאָן איז דער געשפּרעך וועגן גוידאן אָנגעגאַנגען אָן א הפסקה כמעט צוויי וואָכן. ביי יעדן מאָלצייט האָט מען גערעדט וועגן אים. און דער ראש־המדברים איז געווען פּיאָטר. ער האָט פֿריער קיינמאָל נישט געגעבן אָנצוהערן, אַז ער קאָן גוידאן נאָך פֿון עסטרייך. אין סאַניטאַרן־וואַגאָן איז מען געווען זיכער, אַז פּיאָטר און גוידא האָבן זיך אין עסטרייך קיינמאָל נישט געקאָנט, און האָבן זיך צום ערשטן מאָל באַגעגנט אין צוג נומער זיבן. האָט זיך איצט פּלוצים אַרויסגעוויזן, אַז פּיאָטר און גוידא זיינען געווען גוטע פֿריינט נאָך פֿאַר דער מלחמה. זיי האָבן אפֿילו געוואוינט אַ שטיקל צייט אויף איין קוואַרטיר. אין מלחמה צייט האָבן זיך זייערע באַטאַליאָנען געפֿונען פֿון צייט צו צייט אויף שכנות׳דיקע פּאָזיציעס. פּיאָטר און גוידא פֿלעגן דאן פֿאַרברענגען צוזאַמען. פּיאָטר האָט אויך איבערגעגעבן מיט אַלע איינצלהייטן, ווי אַזוי עס האָבן געלעבט אין עסטרייך גוידאס שוועסטער און ברידער און זייערע קינדער. נאָך זיינע רייד איז אויסגעקומען, אַז ער ווייסט מיט אַלע פּינקטלאַכקייטן, וואָס ס׳איז דאָ צו וויסן, וועגן גוידאן און זיינע נאָענטע. פּיאָטר איז געוואָרן גוידאס ביאָגראַף און דערמיט געקראָגן מער חשיבות אין די אויגן פֿון די סאַניטאַרן. אפֿילו אָלגאַ האָט געקוקט אויף אים מיט מער צוטרוי, ווי אַלעמאָל. אַזוי ערנסט און מיושב׳דיק האָט פּיאָטר אויסגעזען.

אויך קסעניא האָט געגאָסן פֿון גוידאס פּאָפּולאַריטעט. פֿריער פֿלעגט מען קוקן אויף איר מיט ביטול — וואָס קאָן שוין זיין בידעריקער פֿון אַ וועשערין. איצט האָט מען זיך באַצויגן צו איר מיט דרך־ארץ, זי איז דאָך געווען גוידאס פֿרוי. ווען זי איז אריינגעקומען צו די סאַניטאַרן, עטלאכע טעג נאָך גוידאס טויט, און א מאָך געטאן מיט די צעשפּרייטע הענט — וואָס וועל איך זיצן אין מיין צימער און קוקן אויף די הוילע פֿיר ווענט? איכל עסן מיט אייך, — האָבן אַלע האַרציק געענטפֿערט — ביטע שיין, ביטע שיין!

זייבען שוין געזעסן ביים קליינעם טיש פֿינף מענטשן. אין אַזאַ אָרדענונג — פּיאָטר צווישן אָלגאַן און קסעניאַן אויף איין זייט טיש, אויף דער צווייטער זייט — פּעטראָוו און גאָלוביאָוו.

ס׳איז כדאי צו פֿאַרצייכענען — גוידא איז געפֿאַלן דער ערשטער

קרבן אויפן טיפוס-שלאַכטפעלד, דערפאַר האָט מען אים דערמאָנט צום גוטן גאַנצע צוויי וואָכן...

* * *

קסעניא איז נישט פון די נאַטורן, וואָס עסן זיך אויף לעבעדיקערהייט. זי האָט זיך גוט אויסגעוויינט אַ פּאָר מאָל און ס'איז איר געוואָרן גרינגער אויפן האַרצן.

„און אַז זי וועט קלאָגן טאָג און נאַכט, וועט זי דען לעבעדיק מאַכן גוידאַן? זי וועט זיך נאָר אומזיסט און אומנישט פאַראומערן די יאָרן".

זי איז שנעל געקומען צו זיך און האָט נאָך אויסגעזען בעסער ווי פריער. ווייל זי איז איצט ניט אָפּגעלאָזן, זי גיט אַכטונג אויף זיך. די אָרבל זיינען שוין נישט פאַרקאַטשעט ביז איבער די עלנבויגנס און דעם שמוציקן פאַרטוך זעט מען נאָר אויף איר דענצמאָל, ווען זי שטייט ביי דער באַליע און וואַשט דאָס גרעט. עס קומט זונטיק, פּוצט זי זיך אויס — וואַשט זיך אויס די האָר, בייט איבער דאָס קליידל און טוט אָן רויטע קרעלן אויפן האַלז. איר בליק — עס וועט זיך נאָך געפינען אַ בעלן אויף מיר.

פיאָטר האָט באַלד באַמערקט, אַז אין קסעניאַן איז פאָרגעקומען אַן ענדערונג. ער האָט אַ טראַכט געטאָן און ארום די אויגן און די ליפּן האָבן זיך צעלייגט שמייכל-קנייטשעלאַך: זי איז נאָך גאַנץ נישקשה, קסעניא. ווי זיין שטייגער איז געווען, האָט ער נישט פאַרלאָזן די זאַך אויף דער לאַנגער באַנק. ער האָט איר נישט געזשאַלעוועט קיין קאָמפּלימענטן, האָט זיך באַמיט איר ארויסצוהעלפן ביי דער אַרבעט. ער האָט איר געגעבן אָנצוהערן, אַז ער איז נישט גלייכגילטיק צו איר. קסעניא האָט געקוקט אויף אים מיט אירע שפּילעוודיקע אויגן און הנאה געהאַט, וואָס זי קאָן נאָך געפעלן פיאָטרן. זי האָט נאָך נישט אָפּגעמאַכט ביי זיך, מיט וועמען זי זאָל זיך פאַרטשעפּן, מיט פיאָטרן צי גאָר מיט פּעטראָוון, וואָס האָט זיך לעצטנס אָנגעהויבן שאַרן צו איר. ער האָט אפילו אויפגעהערט צו קרעכצן און צו שמירן זיינע רומאַטישע פיס מיט דער ספּעציעלער זאַלב, וואָס שמעקט מיט טערפּעטין. זיין גאַנג איז געוואָרן גלייכער און ער האָט אויסגעזען העכער. אין קסעניאַס אַנוועזנהייט האָט ער גערעדט מיט אַ קלינגנדיק קול, וואָס האָט געמיינט — מעגסט זיך נאָך אומקוקן אויף מיר, איך בין נאָך אַ יונג מיט ביינער.

און וואונדער איבער וואונדער! פּעטראָוו האָט אויפגעהערט צו דערציילן וועגן זיין לעבן אין די אָקאָפּעס. אין מיטן דערינען האָט ער

גאָר אָנגעהויבן צו פֿלעכטן מעשׂיות וועגן דאָרפֿישע הוליאַנקעס, וואו שקצים און שיקסעס האָבן געטרונקען ביז אין ווייסן טאָג אריין. פֿאַרשטייט זיך, אַז ער, פּעטראָוו, איז געווען דער גלאַוונע טאַנצאָר און די שיקסעס זיינען געווען פֿאַר אים די כּפּרה.

קסעניא איז געווען אין אַ פֿאַרלעגנהייט. זי האָט נישט געקאָנט באַשליסן, ווּעמען אויסצוקלייבן. זי האָט געוואוסט, אַז פּיאָטר מיינט ניט ערנסט. ניט נאָר וועט ער פֿאַרלאָזן רוסלאַנד, ווי נאָר ס'וועט זיך ענדיקן די סומאַטאָכע, נאָר אפילו דאָ, אין דער ערשטער גרויסער שטאָט, וועט ער זי פֿאַרבייטן אויף אַנדערע פּרויען. פּעטראָוו איז געוויס זיכערער. עס קאָן אויך מעגלאַך זיין, אַז ער וועט זי מיטנעמען אין דאָרף אריין, ווען אַלץ וועט זיך בארואיקן. עס וואָלט נישט געווען קיין שלעכטע זאַך. אן עק, א סוף זאָל עס נעמען! וויפֿל איז דער שיעור ארומשלעפּן זיך מיט מענער. ס'איז שוין צייט צו ווערן א באַלעבאָסטע. גאָט ווייסט דעם אמת, אַז זי האָט געמיינט ערנסט מיט גוידאָן. ווען נישט דער אומגליק, וואָלט זי אפילו נישט געווען געטראַכט צו פֿאַרבייטן אים אויף אַן אַנדערן. איז ווער זשע ווייסט, צי ער, פּעטראָוו, האָט נישט איבערגעלאָזט אין דאָרף אַ פֿרוי מיט אַ פּאָר קינדערלאַך? אויף די מענער איז אַלץ צו גלויבן. אויף זייער וואָרט קאָן מען זיך גאָרנישט פֿאַרלאָזן! זי וועט צוואַרטן, עס ברענט נישט.

קסעניא האָט געקאָנט אַ קלער טאָן, ווער פֿון זיי ביידע וואָלט געווען פֿאַר איר גלייכער. זי האָט זיך געטראַכט, אַ שטייגער, אַז פֿאַר איר וואָלט געווען געזינטער, ווען זי קאָן איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל פּטור ווערן פֿון אַלע ליובאָוניקעס. ווען זי וואָלט נאָר זיכער געווען, אַז פּעטראָוו האָט נישט קיין ווייב און קינדער אין דער היים! זי וואָלט זיך נישט געקווענקלט אפילו אויף קיין איין מינוט, און אים באַלד אריינגענומען צו זיך אין צימער אריין.

זי האָט אַמאָל אַ קלער געטאָן וועגן איר לאַגע. אָבער אויסלייגן די טראַכטונגען אין אַ סדר, קומען צו אַ געוויסן באַשלוס און אים שטרעבן צו פֿאַרווירקלאַכן, — דאָס איז געווען פֿאַר איר צו שווער. מיטן „זי וועט צוואַרטן" האָט זי נישט געמיינט, אַז שפּעטער צו וועט איר דער ענין ווערן קלערער און זי וועט דענצמאָל זען ווי צו האַנדלען. צעגלידערן די פֿאַקטן און זען זייער אמתן תּוך, אויף

דעם איז זי נישט געווען פייאיק. זי האָט פשוט געמיינט, אַז איינער פון די צוויי, פּיאָטר אָדער פּעטראָוו, וועט שוין ווערן איר געליבטער. און אויף וועמען פון די צוויי עס וועט פאַלן דער גורל, — דאָס וועט שוין קומען פון זיך אַליין.

ווען פּיאָטר איז איינמאָל פאַרבייגעגאַנגען איר צימערל, איז די טיר געווען אָפן. ס'איז געווען נאָך דער וועטשערע. פּיאָטר האָט שוין געהאַט פאַרענדיקט אַלע אַרבעטן אין עס־צימער. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, פאַרפּירט מיט איר, קסעניאַ, אַ געשפּרעך, וואָס איז מייסטנס באַשטאַנען פון קאָמפּלימענטן אויף איר חשבון. זי האָט געענטפערט מיט אַ שטיל-פאַרבענקט קול. געמאַכט אים אַ פאַר-וואורף, אַז אַלע מאַנטיק און דאָנערשטיק דאַרף ער האָבן אַן אַנדער פרוי, אַז אַלע פרויען זיינען ביי אים גלייך.

פּיאָטר איז זייער ערנסט. ער מוז צונישט מאַכן אַלע אירע ספקות, אַניט וועט ער אַוועקגיין מיט ליידיקן. זיינע אויגן זיינען פאַרזשמור־רעט און אויף זיין גלאַטן שטערן איז צו באַמערקן אַ קליין קנייטשעלע. ער האָט זיך געשוואוירן ביי אַלע הייליקע, אַז ער האָט זי באמת ליב. ער האָט זי ליב געקראָגן, ווי נאָר ער איז אָנגעקומען אויפן צוג. ער וועט זיך אָבער נישט טשעפּן צו א פרוי פון זיינעם אַ לאַנדסמאַן. זי אַליין וואָלט געקוקט אויף אים, ווי אויף אַן אויסוואורף. אָבער איצט מעג ער איר זאָגן דעם אמת. עס גייט אים אויס דאָס חיות נאָך איר. טאָג און נאַכט האַלט ער נאָר אין איין טראַכטן וועגן איר.

שפּעט נאָך האַלבער נאַכט האָט פּיאָטר צוגעמאַכט די טיר פון איר צימערל. אויף די שפּיץ פינגער און מיט גרויס פאַרזיכטיקייט האָט ער זיך דערקליבן צו זיין געלעגער. אי אַלגאַ, אי פּעטראָוו האָבן אין אַ פּאָר טעג ארום דערשמעקט, אַז פּיאָטר איז געוואָרן קסעניאַס געליב-טער. אַלגאַ האָט איינגעהאַלטן דעם שמייכל אויף אירע דינע ליפּן, ווי איינער רעדט: זאָל זיי וואויל באַקומען! פּעטראָוו האָט זיך געהאַלטן אין איין באַקלאָגן, הלמאי די רומאַטישע ווייטיקן דערקוטשן אים אַזוי שטאַרק, הלמאי ער וואַלגערט זיך אַרום אין די טעפּלושקעס שוין עטלאכע יאָר און עס נעמט גאָר קיין עק און קיין סוף נישט.

— דייטשוקעס, אַוסטריאַקעס, רויטע, ווייסע! אַלע מאָל אַן אַנדער אָנשיקעניש, צו אַלדי שוואַרצע יאָר!

שניי. אַמאָל איז ער געפאַלן, ווי דינע גרויפן, וועלכע דער ווינט האָט נישט געלאָזט איינליגן אויף איין אָרט. דאָ איז געוואָרן אַ בערגל און דאָרט אַ ליידיק פלאַץ, וואָס האָט אויסגעזען, ווי אַן איינגע־קעוואָרעט שטיק ערד. אַן אַנדערש מאָל האָבן גרויסע פליאַכעס שניי זיך געשאָטן אויף דער ערד אַן אַן אויפהער און ווי אַרומגעוויקלט זי מיט אַ ווייסן דיקן צודעק. גאַנץ פרי האָט דער צוג נומער זיבן אויסגעזען, ווי אַ פאַרלאָזטע געביידע, וואָס ווערט ביסלאַכווייז אויסגעגליכן מיט דער אַרומיקער וויסטעניש.

די סאַניטאַרן איז אַנגעקומען נישט גרינג אָפצורייניקן די דורכ־גאַנגען, די טרעפּ. דער שניי איז פון אונטן געווען צוגעפרוירן. גאַנץ שווער איז געווען צו מאַכן אַ פאַר סטעזשקעס פון איין וואַגאָן צום צווייטן. דער שניי איז געווען טיף און דאָס פלאַץ — משופּעדיק. פּיאָטרס נאָז איז געווען בלאָלעך-רויטלאַך, אַלע ווײַלע האָט ער זי באַ-דאַרפט אויסשנייצן. ער האָט אויך פון צייט צו צייט אַ שפּיי געטאָן אין די דאַלאָניעס און מיט קוראַזש זיך גענומען צו דער לאָפּעטע. אָט וועט ער אין איין מינוט אָוועקשאַרן דעם גאַנצן שניי! אָבער נישט איין מינוט איז פאַראיבער — און דער שניי איז געבליבן וואו געווען. אַ קנאַפּער אַרבעטער געווען, פּיאָטר.

פּעטראָוו האָט נישט געשנייצט די נאָז, נישט געשפּיגן אין די דאָ-לאָניעס, האָט זיך קוים גערירט פון אָרט. אָבער אַז ס׳איז אוועק עט-לאַכע מינוט, איז אַ מאַסע שניי אָוועקגעשאַרט געוואָרן. פּעטראָוו פלעגט אַמאָל אַרייַנזאָגן פּיאָטרן.

— צו ווייבערײַ טויגסטו זיך גוט אויס, עסטרייכישער פּאַניטש! אָבער אויף ריכטיקער אַרבעט ביסטו אַ גרויסער טויגעניכץ.

עס האָט אַנגעשנייעט אַזוי פיל, אַז פון לאָזן זיך אין וועג אַרײַן האָט קיין רייד נישט געקאָנט זיין. וויכטיקערע צוגן זיינען געבליבן שטעקן אין מיטן וועג. פּראָוויאַנט פאַרן צוג נומער זיבן איז נישט געווען וואו צו קריגן, ווייל די באַן-סטאַנציע, וואו דער שניי האָט אים פאַרכאַפּט, איז געווען אַזאַ קליינע, אַז פאַרביילויפנדיקע צוגן האָבן זי אפילו נישט באַמערקט. אויף אַזאַ סטאַנציע, וואָס איז אפשר קיין סטאַנציע נישט, וועסטו קיין פּראָוויאַנט נישט געפינען. האָט מען געמוזט אַנקומען צום פּראָוויאַנט, וואָס איז געלעגן אין לעצטן וואַגאָן אַלס רעזערוו. מאַריע ניקאָלאַיעוונאַ האָט געהאַט עטלאַכע באַראַטונ־

געגן מיט וואַדיאַנאַיען. זי האָט זיך געקווענקלט אַנצורירן דעם רע־זערוו, וואָס איז באַשטימט נאָר אויף אַ הונגער־פאַל. דערווייל האָט מען אויפן צוג נאָך נישט געהונגערט. עס איז אָבער געווען גע־וואָרן אין אַנבאַטראַכט, אַז ביי די איצטיקע סאַניטאַרישע באַדינגונגען, טאָר די ווידערשטאַנדס־קראַפט פונם פּערסאָנאַל נישט אָפּגעשוואַכט ווערן, — און די אומבאַריבערע הייליקייט פונם פּראַוויאַנט-רעזערוו איז פאַרשוועכט געוואָרן.

ס'איז נאָכמיטאָג. מאַריע ניקאָלאַיעווונאַ זיצט ביי זיך אין צי־מער. זי נייט עפּעס אויף אַ ניי-מאַשין. שולץ איז אין קאַנצעלאַריע, קלאַפּט אויף דער שרייב-מאַשינקע. ער איז פאַרנומען מיטן צוגרייטן דעם מאַנאַטלאַכן רעפּאָרט קיין מאָסקווע. די איבעריקע זיינען פאַר־בליבן אין עס־צימער. זיי האָבן זיך שוין צוגעוואוינט איינער צום אַנדערן. קיין גרויסע קריגערייען זיינען דעריבער נישט פאָרגעקו־מען. אפילו וואַדיאַנאַי איז איינגעזעסן רואיק אויפן בענקל. דאָקטאָר גרינבוימס רייד האָבן זיך געהערט אַלץ אָפטער. זיין קול איז דריבנע און ווייך, נישט הויך אָבער קלאָר. די רויטלאַכע וואָנצעס זיינען אויס־געלעגט אין אַ שמייכל, די גרויסע גראָע אויגן האָבן שוין אַלץ געזען און ווערן שוין פון גאָרנישט ניט נתפעל.

— נאָך ראַספּוטינען דעם ערשטן און ניקאָלאַי דעם צווייטן קאָנט איר דערוואַרטן אָרדענונג אין רוסלאַנד? נישט איין מאַכט וועט קנאַקן מיט דער נאַגייקע איבער די געדולדיקע פּלייצעס פונם רוסישן מענטשן, איידער עס וועט קומען צו עפּעס אַ טאָלק. דאָס, וואָס די איצטיקע מאַכט לאָזט נישט דרוקן עפּעס אַנדערש, ווי נאָר קאָמוניסטישע פּראָ־פּאַגאַנדע־ליטעראַטור, געפעלט מיר שוין גאָרניט. דאָס איז ביי מיר ערגער, ווי דער גאַנצער קאָמוניסטישער קאַטעכיזיס. דאָס פאָלק וועט דאָך פּשוט פאַרגרעבט ווערן. ס'וועט פאַריבער עטלאַכע יאָר, און די יונגע מענטשן, וואָס וועלן אויסוואַקסן נאָר אויף קאָמוניסטישע פּראָ־פּאַגאַנדע-ביכלאַך, וועלן האָבן אן איינזייטיקן בליק אויפן לעבן. זיי וועלן זיין אין דער בחינה פון מענטשן, וואָס ליידן פון אַ מאָדנער אויגן-קראַנקהייט — זיי זעען נאָר רויטס. אומעטום און אַלעמאָל איין-און־איינציקער קאָליר — רויט.

— אָט דאָס זאָג איך דאָך! מיר קערן זיך אום צו ניקאָלאַי דעם ערשטנס צייטן. מען טאָר דאָך קיין זשיפּע נישט טאָן! — האָט, אַרויסנעמענדיק די ליולקע פונם רעכטן מויל־ווינקל, אונטערגעכאַפּט וואַדיאַנאַי. ער האָט עקשנות'דיק געקוקט אויף וואָלאָכן. ס'האָט

געהייסן, לאָמיר זען, צי ער וועט וואַגן צו באַרעכטיקן אַזעלכע מיאוסע האַנדלונגען.

וואָלאָך האָט אויפגעהויבן די וויעס, באַלד זיי אַראָפּגעלאָזט, ווי געשעמט זיך צו קוקן זיינע מיטשמועסער אין די אויגן אריין.

— האָט דען עמיצער געפּרואווט באַווייזן, אַז די איינזייטיקע קאָמוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע איז א טובה פאַר דער רוסישער קולטור? — געמיינט האָט ער מיטן וואָרט „עמיצער" זיך אַליין. ער האָט געקוקט אויף דאָקטאָר גרינבוים. — אפשר איז דאָס א נאַטירלאכע דערשיינונג, יעפים סאָלאָמאָנאָוויטש? אן אומפאַרמיידלאכע, ווי אַ נאַטור געזעץ. דער, וואָס ליגט א לאַנגע צייט אין אַ פינצטערן קעלער, זעט נאָר רויטע פאַסן, ווען ער קומט אַרויס אויף דער ליכטיקער שיין. דאָס רוסישע פאָלק איז דורות לאַנג געווען פאַרשפּאַרט אין א פינצטערן קאַזעמאַט. און איצט, אויף דער ליכטיקער שיין, זעט עס נאָר רויטע פאַסן. קלאָגן זיך אויף די באָלשעוויקעס וועט דאָ גאָרנישט העלפן. פריער — פינצטער און איצטער — רויט.

פּראָפעסאָר קאָזלאָוו האָט קוים אונטערגעשמייכלט. די אונטערשטע ליפּ האָט ער עטוואָס אַרויסגערוקט און די אויגן — פאַרזשמורעט. ס'איז קינדיש, האָט ער זיך געטראַכט, צו אַמפּערן זיך וועגן א זאַך, וואָס וועט באַלד פאָריבערגיין. ווי דער איצטיקער שניי־שטורם. ער וועט דאָך אייביק נישט אָנהאַלטן.

דאָ, אויף אַ פאַרוואָרפן שנייאיק ווינקל, האָט מען דער ראַטן־מאַכט אָפּגעזאָגט די יאָרן. קיינער האָט נישט געצווייפלט, אַז די באָלשעוויקעס, נישט קוקנדיק אויף אַלע זייערע נצחונות, וועלן זיך ביי דער מאַכט לאַנג נישט האַלטן.

— אַ רעגירונג, וואָס האָט נאָר אין זינען צו צעשטערן דאָס אָנגעזאַמלטע עשירות פון די פריערדיקע דורות — האָט גע'טענה'ט דאָקטאָר גרינבוים — מוז סוף כל סוף צוזאַמענברעכן. און געדויערן וועט די ראַטן מאַכט אַזוי לאַנג, ביז וואַנעט עס וועט קלעקן דער אָנגעזאַמלטער רעזערוו צו דערהאַלטן די רעגירונג־מאַשין ביים לעבן.

וואָלאָך האָט געקנייטשט דעם שטערן, זיינע אַקסלען האָבן געצוקט און די אויגן זיינען געווען אָנגעפילט מיט טרויער. ער ווייסט, אַז ביי אן איבערקערעניש, וועט די אידישע באַפעלקערונג זיין דאָס כפרה־הינדל. ווען די קלויסטער־גלאָקן וועלן אָנזאָגן די פּראַוואָסלאַוונע רוסן, אַז די באָלשעוויקעס, די פאַרדאַמטע אַנטיכריסטן, זיינען פאַרטיליקט געוואָרן, — ווער וועט זיך דענצמאָל צוהערן צום כאָרכל־

דיקן גסיסה־ געשריי פון אַ אידן? וואָלאָך האָט אַרומגעשפּאַנט איבערן שמאָלן קאָרידאָר פונם עס-וואַגאָן. זיין וואָרעם בלוט, וואָס האָט נישט געוואָלט פאַרגליווערט ווערן, האָט אין אים געשריען — ניין, ניין! זיי וועלן בלייבן, זיי מוזן בלייבן, די באָלשעוויקעס!

אַ בליק פונם צוג אויפן שנייאיקן דרויסן און דער איינדרוק איז — אַלץ איז פאַרגליווערט. נישט נאָר אויף די פעלדער הערשט אַ שניי-איקע פאַרגליווערטקייט, נאָר אויך אויף דער קליינער סטאַנציע איז אַלץ באַוועגלאָז. וואָדיאַנאָי האָט זיך ניט געפּוילט צו-גיין צום וואָקזאַלעכל, און כאַפּן אַ שמועס מיטן קאָמענדאַנט. וואָדיאַנאָי האָט געלעכצט צו הערן פונם קאָמענדאַנטס מויל, אַז אין לאַנד האָט זיך אַלץ אָפּגעשטעלט, רוסלאַנד איז פּאַראַליזירט געוואָרן. וואָדיאַנאָי האָט געפירט דעם געשפּרעך מיטן קאָמענדאַנט זייער פּאַרזיכטיק, כדי נישט אַרויסצורופן ביי אים קיין שום חשד, אַז ער, וואָדיאַנאָי, איז חס ושלום א שונא פון די באָלשעוויקעס. דער קאָמענדאַנט פון דער קליינינקער סטאַנציע, אַ געוועזענער אַרבעטער, האָט פאַרטרויליאָך זיך צערעדט.

— דער באַן-פּאַרקער איבערן גאַנצן לאַנד איז צעקאַליעטשעט. די העכערע באַאַמטע זיינען פאַרצווייפלט, זיי הייבן נישט אָן צו וויסן, וואָס צו טאָן.

וואָדיאַנאָיס פּנים האָט זיך אָנגעכמורעט.

— ס'איז דאָך אָן אומגליק, אַ גרויסער אומגליק! אַזאַ צושטאַנד קאָן דאָך זיין פאַטאַל פאַר דער יונגער רעוואָלוציאָנערער מאַכט.

דער וועג פון דעם קליינעם וואָקזאַלכל צום צוג נומער זיבן איז געווען אַ שווערער. דער ווינט האָט זיך אַלע ווילע אַריינגעריסן צווישן די פּאָלעס פון זיין קורץ פוטערל, האָט געצופּט די נאָז, האָט שווער געמאַכט דעם אָטעם. וואָדיאַנאָיען האָט דאָס אַלץ נישט גע-אַרט. ער האָט זיך געטראַכט — ווי דערלעבט מען שוין די שעה, אַז אַלץ אין לאַנד זאָל זיך מיט אמאָל אָפּשטעלן. איין באַפעל שטימט נישט מיטן צווייטן, יעדן טאָג ווערן געשאַפן נייע פּלענער, וואָס זיי-נען זיך סותר איינע די אַנדערע. עס ווערט א בהלה. ביי אַזאַ מיש־מאַש קאָן דאָך דעניקין מיט איין קלאַפּ פאַרנעמען מאָסקווע. ווי דער-לעבט מען עס שוין!

דאָס האַרץ זיינס האָט זיך געהויבן. מיט אַ גדולה איז ער אריינ־געפאַלן אין עס־צימער.

— די באַנען גייען נישט, קיין צייטונגען קומען נישט אָן און איין שטאָט ווייסט נישט, וואָס עס טוט זיך אין דער אנדערער.

ער איז געווען באַהערשט פון אזא פרייד, ווי איינער, וואָס קומט צולויפן אָן אן אָטעם פונם שלאַכטפעלד און שרייט אויס מיט נצחון: מיר האָבן געזיגט, מיר האָבן געזיגט!

דאָקטאָר גרינבוימס שמייכל האָט זיך פאַרפלאָנטערט צווישן די גערדיכטע וואָנצעס. ער האָט אויפגעהויבן די גרויסע גראָע אויגן און ווי באַטראַכט נישט נאָר דאָס קליינע עס־צימער, נאָר אסך אַ גרעסערן שטח.

— כאַפּט נישט איבער די מאָס, אַפאַנאַסי טראָפימאָוויטש. עס האַלט נאָך נישט דערביי. איבערטרייבן דעם שונא׳ס שוואַכקייט איז אַמאָל זייער געפערלאַך. די באָלשעוויסטישע מאַכט איז נאָך נישט אויסגעשעפּט. מירן נאָך האָבן קאַלטס און וואַרעמס. נישט אַזוי גיך וועט ווערן רואיק אין לאַנד.

— עס שאַדט נישט אַמאָל, אַז מע כאַפּט איבער די מאָס, אַבי דער דיאַגנאָז איז ריכטיק געשטעלט. אויב נישט היינט, וועט עס מאָרגן, איבערמאָרגן געשען. די באַנען וועלן זיך אָפּשטעלן און איין שטאָט וועט נישט וויסן, וואָס עס טוט זיך אין דער אַנדערער.

פּראָפעסאָר קאָזלאָווס גערדיכטע האַרבאַטע ברעמען זיינען אַלץ געווען אָנגעשטעלט אויף דאָקטאָר גרינבוים. מיטן צייג־פינגער האָט פּראָפעסאָר קאָזלאָוו געקלאַפּט איבערן טיש. ער האָט נישט דער־זאָגט — איך צווייפל אין אייער איבערגעבנהייט צו רוסלאַנד, יעפים סאַלאָמאָנאָוויטש. איר זענט פאָרט נישט קיין רוס.

מאַריע ניקאָלאַיעווונאַ, וואָס האָט נישט ליב געהאַט וואָדיאַנאָיען פאַר זיינע גראָבע פויערישע מאַניערן, האָט זיך אויך אַריינגעמישט.

— איך רעכן, אַז אַפאַנאַסי טראָפימאָוויטש איז גערעכט. אונטער זייער פירונג האָט אַנדערש נישט געקאָנט זיין. די באַנען האָבן זיך גע־מוזט אָפּשטעלן.

וואָלאָדיע האָט געשוויגן, פאַר׳עקשנ׳ט געשוויגן. דער קנייטש לעם דער לינקער אויבערשטער ליפּ האָט זיך טיף פאַרקאַרבט און אַ דער־בייאיק אָדערל האָט געציטערט. ער איז געווען פאַרטראַכט, האָט אַר־מעטיק אַרויסגעקוקט דורכן וואַגאָן פענצטער. אַלץ אַרום איז געווען פאַרקאָוועט אונטער אַ גראָבן שנייאיקן צודעק.

דאָס לעבן אין וואַגאָן פונם ערשטן קלאַס איז באַשטאַנען פון גע-שפּרעכן און אַמפּערייען וועגן היינט, זכרונות פון דער נאָענטער פאַר־גאַנגענהייט און האָפענונגען, אַז גאָר אינגיכן וועט דער צוג נומער זיבן, ווי א געוואָרפענער גומי־באַל, זיך אומקערן צוריק צום זעלבן פלאַץ, קיין מאָסקווע, — און אַלץ וועט זיין, ווי אין די אַלטע גוטע צייטן. זי־כער וועלן פאָרקומען געוויסע ענדערונגען. דער באַל, וואָס קומט צו־ריק, פאַלט דאָך נישט פּינקטלאַך אויפן זעלביקן אָרט. געלעבט האָט מען, ווי רייזנדע, וואָס האָבן פאַרלאָזט זייערע איינגעזעסענע היימען, כדי זיך צו באַפרייען אויף אַ ווײַלע פון די טאָג-טעגלאַכע זאָרגן. און ווי רייזנדע, האָט יעדער איינער געהאָפט, אַז ביז די נסיעה וועט זיך ענדיקן, וועט אין רוסלאַנד הערשן פולשטענדיקע אָרדענונג.

דאָס לעבן אָבער אין סאַניטאַרן-וואַגאָן איז באַשטאַנען פון טאָג-טעגלאַכער מאָנאָטאָנער אַרבעט. דער היינט איז געווען ענלאַך צום נעכטן, און דער מאָרגן וועט קיין ענדערונגען אויך נישט ברענגען. דער בלוטיקער געראַנגל צווישן די אַלטע און נייע לעבנס־פאָרמען, וואָס האָט זיך געקנוילט איבער אַלע ווינקעלאַך פון דער גרויסער רוסלאַנד, איז זיי, די סאַניטאַרן, כמעט נישט אָנגעגאַנגען. אַזוי האָט מען יעדנפאַלס געקאָנט מיינען, צוהערנדיק זיך צו זייערע געשפּרעכן, אין וועלכע ס׳האָט זיך זעלטן ווען דערהערט אַן אָפּקלאַנג פון דער אומרואיקער צייט.

ווען דער צוג נומער זיבן איז געבליבן שטעקן אויף אַ פּאָר וואָכן אין אַ וויסטן העק און אַלץ אַרום איז פאַרגליווערט געוואָרן, נישט צו רירן זיך פון אָרט, — האָט זיך דער סאַניטאַרן-וואַגאָן א ריר געטאָן. מען האָט א שמועס געטאָן וועגן די רויטע און די ווייסע. ווי דאָס פאַרגליווערטקייט וואָלט געווירקט, זיי זאָלן זיך פאַרטראַכטן וועגן דעם, וואָס קומט פאָר אין לאַנד. מעגלאַך, אז אפילו איצט וואָלט מען נישט גערעדט וועגן דעם, ווען נישט פּיאָטר. ווי אַ רינג, וואָס באַהעפט צוויי באַזונדערע אָפּגעשלאָסענע קייטן, אַזוי האָט פּיאָטר פאַרבונדן דעם עס-וואַגאָן מיטן סאַניטאַרן־וואַגאָן. די געשפּרעכן, וואָס ער האָט זיך אָנ-געהערט אין עס־וואַגאָן (נאָר וועגן ממשות׳דיקע, קאָנקרעטע זאַכן) האָט פּיאָטר איבערגעגעבן אין סאַניטאַרן־וואַגאָן אין אַזאַ אָדער אַן אַנ־דער פאָרם. לעצטנס האָט ער זיך אזויפיל אָנגעהערט אין עס־וואַגאָן, אַז ביי די באָלשעוויקעס האָט אַלץ זיך אָפּגעשטעלט, אַז באַלד־באַלד

ווען זייער וואָלאַסט זיך צעפאַלן, ווי אַ קאָרטן־שטיבל, — אז ער האָט וועגן דעם איבערגעגעבן אין סאַניטאַרן־וואַגאָן מיט די קלענסטע אייבערצעלהייטן. די שטאַרקע פּרעסט, וואָס האָבן אַלץ געהאַמעוועט און געקאָוועט, האָבן אַזוי געפּאַסט צו דעם אַלעמען, וואָס פּיאָטר האָט דערציילט, אַז אפילו די שווייגנדיקע אָלגאַ האָט זיך צערעדט.

— פון איוואַנען, אַז ס׳ווערט אַ פּאַן, קאָן קיין גוטס נישט ארויסקומען. ווי קאָן זיין אַ טאָלק ביי דער נייער מאַכט, אַז יעדער ליאַדע שרייער ווערט אַ גאַנצער קנאַקער און פאַראָנדקעוועט מיט א נאַגאַן אין דער האַנט.

איר פּנים איז געווען ערנסט־כמורנע, און די אויגן — שטרענגע, ברוגז׳ע.

פּיאָטר האָט גע׳חוזק׳ט.

— האָט איר געזען דעם קאָמענדאַנט פון דער גרויסער באַן־סטאַנציע? א אינגל פון צוואַנציק יאָר. ביי אונז אין פּראַג וואָלט מען אַזאַ בחור׳ל אפילו נישט צוגעלאָזט צו א קונה. און דאָ איז עס א קאָמענדאַנט! גוידא האָט אויך נישט געקאָנט באַגרייפן, וואָס דאָ קומט פאָר.

פּיאָטר פלעגט לעצטנס פאַרענדיקן זיינע רייד אזוי: גוידאס מיינונג איז אויך געווען אַזאַ.

פון פּיאָטרס אויגן האָט געשפּראָצט מיט ביטול. ס׳האָט געהייסן — וואָס איז דאָ צו קלערן? ווען אזעלכע כאַמולעס ווילן איינפירן קאָמונע, מוז אַלץ גיין מיטן קאָפּ אַראָפּ.

פּעטראָוו האָט געגלעט די קרומע וואָנצעס, די צעשויבערטע האָר און בעת מעשה געבראַכט אין אָרדענונג זיינע צעשטויבטע געדאנקען.

— זיכער אַ קאָמענדאַנט, וואָס דען? א גענעראַלס אָדער א פּריציש׳ס זונדל זאָל מען מאַכן פאַר אַ קאָמענדאַנט? ס׳הייסט, די גענעראַלן מיט די פּריצישע זינדלאך האָבן טאַקע פאַרקויפט רוסלאַנד צו די דייטשן. וואָס דען, די דייטשן האָבן אונז געקאָנט באַזיגן? קומט זיי טאַקע, די גענעראַלן מיט די פּריצישע זינדלאך, צו צעשיסן ווי די משוגענע הינט. און די באָלשעוויקעס... מעגן אויך גיין צום טייוול! זאָגן, זאָגן זיי דיר צו דאָס טעלערל פונם הימל, און אַז ס׳קומט צו עפּעס, טוען זיי גאָר עפּעס אַנדערש. אָט אַ שטייגער. די ערד באַלאַנגט צום פּויער, אַזוי האָבן זיי בפירוש דערקלערט אין א מאַניפעסט. ריכטיק ווי גאָלד. צו וועמען דען זאָל זי באַלאַנגען? צו די פּריצישע זינדלאַך, די זויפערס און פוסט־און־פּאַסניקעס? די ערד באַלאַנגט צו

דעם, וואָס באַארבעט זי. קאָן דען זיין אַנדערש? ווען זשע גע־הערט די תבואה, דעם פויערס פראַצע? צום פויער, געוויס. קלאָר, ווי דער טאָג. קומען די באָלשעוויקעס און נעמען צו די תבואה ביים פויער. די תבואה געהערט צו דער קאַזנא, הייסט עס. און זי, די קאַזנא, וועט דיר צאָלן פאַר דער תבואה, וויפל זי וויל. ווען סטו נישט געבן מיט גוטן, וועט מען נעמען מיט בייזן. זאָגט זשע מיר, כ׳בעט אייך, איז דאָס יושר׳דיק? אז די ערד באַלאַנגט צום פויער, געהערט דאָך אים די תבואה אויך. און ער קאָן טאָן מיט איר, וואָס ער וויל. וויל ער, פאַרקויפט ער די תבואה צו דער קאַזנאַ. וויל ער נישט, באַ־האַלט ער די תבואה אין א שפייכלער אָדער האָדעוועט מיט איר די חזירים. אָט דאָס איז ריכטיק. און דאָס, וואָס די באָלשעוויקעס נעמען צו ביי די פויערים די תבואה מיט גוואַלד, איז נישט ריכטיק. ניט ריכטיק, זאָג איך אייך!

פעטראָוו האָט זיך געהיצט, גאָר נישט ווי זיין שטייגער איז גע־ווען. ער האָט זיך אויפגעהויבן פון דער באַנק, צעשפיליעט זיין וואַ־טאָווקע און א פאָר מאָל אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער קאַרעוואַטע האַנט אין טיש.

כאָטש פעטראָוו האָט בפירוש געזאָגט, אַז די באָלשעוויקעס מעגן גיין צום טייוול, פונדעסטוועגן זיינען זיינע רייד נישט געפעלן געוואָרן אַלגאַן. נאָך זיינע רייד קומט אויס, אַז דער פויער איז אַ גאַנצער יחסן. וויל ער, פאַרקויפט ער די תבואה. וויל ער נישט, קאָנסטו אים אויך גאָרנישט טאָן. איי, דער שטאָטישער מענטש פעכבעט אויפן פיסק, דאָס איז נישט זיין עסק, דעם פויערס. זי איז אַזש אין כעס געוואָרן, אַלגאַ. איר קול איז אַרויסגעקומען מיט אַ קוויטש.

— קומט אַ פויער אין שטאָט אריין מיט אַ שאָק אייער אָדער אַ בינטל גרויפּן, איז כאָטש גילד אים אָפּ. און תמיד קריגט ער מער, וויפל ס׳האָט די ווערט. נישט אויסצוהאַלטן פון אים!

פיאָטר האָט אויך צוגעלייגט אַ קנייטל.

— און אז דער פויער קומט אין שטאָט אריין עפּעס קויפן, זוכט ער נאָר מציאות. ער גייט ארום פון איין געשעפט אין צווייטן און דינגט זיך, ווי אַ ציגיינער. ער וואָלט נאָר געוואָלט, אַז דער קרעמער זאָל אים פאַרקויפן זיין סחורה אונטערן קרן. אַנדערש לוינט זיך אים נישט. גוידא האָט אויך נישט איבעריק ליב געהאַט די פויערים.

פעטראָוו האָט געשוויגן — עט, וואָס ווייסן זיי, די שטאָטישע

דאַרמאַיעדניקעס, וועגן דעם פויערישער פּראָצע.

גאָלוביאָוו האָט באַדויערט, וואָס ער קאָן נישט אַרויסהעלפן פּעט-ראָוון קעגן אָלגאַן און פּיאָטרן. גאָלוביאָוו האָט געדליבעט די נאָז און זיך צעגענעצט. א סימן, אַז באַלד־באַלד וועט ער אַרויפקריכן אויף זיין געלעגער.

15

אין די פּאָר וואָכן, וואָס דער צוג נומער זיבן איז געבליבן שטעקן אין וויסטן העק, האָט זיך יעדער איינער אין עס-וואַגאָן געפילט, ווי ער וואָלט געלעבט אויף אַ פאַרוואָרפן אינזל, איינגאַנצן אָפּגעריסן פונם אַרומיקן לעבן, וואו אַלץ איז אָנגעזאָפּט מיט שנאה און פאַרדאַכט. דער היינט — אַ געראַנגל אויף טויט און אויף לעבן צווישן די, וואָס האָבן פאַרמאָגט קלענערע און גרעסערע שפּייכלערס, אָנגעפּיקעוועטע מיט כל טוב, און די אַנדערע, וואָס האָבן, חוץ נאַקעטע ווענט, אויך פאַר-מאָגט דעם וויסטן דלות. די צוקונפט—פאַרוויייט און פאַרשנייעט, ווי דער ווינטערדיקער דרויסן. דערפאַר אָבער פאַרמאָגט די פאַר-גאַנגענהייט דעם צויבער פון „אַמאָל און אמאָל איז געווען".

מאַריע ניקאָלאַיעוונא ליגט אויף דער קאַנאַפּע. איר רעכטע האַנט איז אויסגעצויגן אין א משופּע'דיקער ליניע. אַ קליינע, אַ ראָזעווע, מיט בלוילאכע אָדערלאַך, איז איר אויסגעכאַליעטע האַנט אין פולשטענ־דיקער רו. די לינקע האַנט האַלט זי אויפן האַרצן. אויפן טישל ליגט אַ באַנד לידער פון איגאָר סעווועריאַנין. מאַריע ניקאָלאַיעוונאַס אויגן זיינען צוגעמאַכט. אין איר מח שווימען אַרויף בילדער פונם נאָענטן אַמאָל.

אַנהויב זומער. אַ דאַטשע לעבן מאָסקווע. דער עולם איז אַ געקליבענער. זי איז פאַרליבט אין אַ יונגען אָפיצער, זאַגאָדין. זיי שפּאַצירן זיך ביינאַכט אויף אַ קליין טייכל. די לבנה איז אַ לאַשטשענדי־קע, אַ מילדע, און ער איז פול מיט לעבן. ער ווערט גאַרנישט מיד צו קושן און האַלדזן זי. ערשט עטלאכע יאָר זיינען פאַריבער און וואו איז זאַגאָדין? ער איז ווי אין וואַסער אַריין. ער איז אפשר דער־הרג'עט געוואָרן אָדער אַריינגעפאַלן אין געפענגעניש צו די דייטשן. און עס קאָן גאָר זיין, אַז ער איז אין דעניקינס אַרמיי. אָנהויב מלחמה האָט זי דערהאַלטן אַ פּאָר בריוו פון אים, פונם דייטשן פראָנט. דער־נאָך זיינען אַוועק טעג און חדשים אין פלאַטערנדיקער דערוואַרטונג, אפשר היינט, אפשר מאָרגן וועט אָנקומען אַ בריוו. זי האָט זיך נאָכ-געפרעגט אויף אים, ביי זיינע באַקאַנטע און קרובים, אָבער קיינער האָט נישט געהאַט קיין שום ידיעה וועגן זיין מערכה. פונם שטאַב איז דער-

האַלטן געוואָרן אַ קורצער ענטפער — שפּורלאָז פאַרשוואונדן. ליגנדיק מיט צוגעמאַכטע אויגן אויף דער קאַנאַפּע,באַנעמט מאַריע ניקאָלאַיעוונאַ זייער קלאָר אירע באַציהונגען צו זאַגאָדינען, אַפשר נאָך קלערער ווי דענצמאָל, ווען זיי זיינען געווען אַ רעאַליטעט. ווען זי טרעפט זיך איצטער מיט זאַגאָדינען, איז זי זיכער, אַז, נישט איבערקלערנדיק קיין איין סעקונדע, וואָלט זי אַוועק מיט אים אין עק וועלט אַריין.

זי האָט ליב צו ליגן שעהן לאַנג אויף דער קאַנאַפּע און טראַכטן פון אַמאָל. האָט זיך געמאַכט, אַז אָלגאַ איז אַריינגעקומען עפּעס פרעגן אָדער איבערגעבן, איז זי, מאַריע ניקאָלאַיעוונאַ, געוואָרן אויפגערעגט, ווי אייגער, וועמען מען וועקט אויף פון אַ זיסן שלאָף. זי האָט אפילו נישט געקאָנט ליידן, ווען שולץ האָט פאָרזיכטיק אָנגעקלאַפּט אין טיר. ער באַלאַנגט נישט צום אַמאָל, ווען דאָס לעבן איז געווען פאַר איר אַ שפּאַציר איבער שמעקנדיקע אַלייען אין אַ פרילינג נאַכט. דענצמאָל וואָלט זי געלאַכט אין די הויפּנס, ווען אַ מאַן, ווי שולץ, אָן שוואונג און אָן גלאַנץ, וואָלט געוואַגט צו טרוימען וועגן איר. איצט איז דער וועג פון איר לעבן אַ גליטשיקער, אַ נאַסער. איין שלעכטער שפּאַן און קאָנסט ברעכן האַלז און נאַקן. איז נישט קיין שלעכטע זאַך אָנצושפּאַרן זיך אויף אַזאַ מאַן, ווי שולץ. ווי ס'איז זיכער אָנצולענען זיך אויף אַ פּראָסטן סוקעוואַטן שטעקן. אָבער אַמאָל איז געווען אַנדערש. ווי שיין, ווי פריש זיינען געווען די רויזן!

אויך פּראָפעסאָר קאָזלאָוו האָט געטראַכט וועגן אַמאָל. זיין גרויסער קערפּער איז געלעגן, ווי אַ שווערע משא, אויפן שמאָלן בעטל. זיין לייב האָט זיך געעלטערט, ערטערווייז שוין געפּאַלדעוועט זיך, ווי קאָרע אויף אַ צעוואַקסענעם, אַלטן בוים. ער איז געלעגן לאָזנדיק און ס'איז אים געווען שווער איבערצודרייען זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער. די פיס זיינען נאָך געווען גרינג און שטאַרק, אָבער דער איבעריקער גוף זיינער איז שוין געווען שווער און שלאַבעריק. ביים אויפשטיין, האָט ער צוערשט אַראָפּגעלאָזט די גרינגע פיס און דערנאָך מיט גרויס אָנשטרענגונג אויפגעהויבן דעם איבעריקן קערפּער. ווען ער האָט געשפּאַנט איבערן קאָרידאָר, האָט ער אויסגעזען, ווי אייגער, וואָס טראָגט אַ שווערע משא אויף די פּלייצעס. דער גאַנג פונם טרעגער איז נאָך אַ פעסטער, אָבער מען זעט שוין באַשיינפּערלעך, אַז די משא איז פאַר אים צו שווער.

פּראָפעסאָר קאָזלאָוו האָט פּאַמעלעך און מיט גרויס ליבשאַפט געבלעטערט די דינע בייגעלעך פּאַפּיר פון אַ וויסנשאַפטלעך בוך. ווי דאָס

דינע פּאַפּיר וואָלט איינגעזאַפּט אין זיך די וואָגיקע באַמערקונגען פונם מחבר און דורכדעם געקראָגן מער חשיבות. צייטנווייז האָט ער אוועקגעלעגט דאָס אָפּענע בוך, מיטן פּנים אַראָפּ, אויף זיין ברייטער ברוסט, פאַרמאַכט די אויגן, געקנייטשט דעם שטערן און פאַרטראַכט זיך וועגן די וויסנשאַפטלעכע פּראָבלעמען, וואָס דער מחבר האָט באַהאַנדלט. ער האָט זיך אינגאַנצן אויסגעטאָן פונם „עולם הזה״, ווי אין די אַמאָליקע צייטן.

נישט איינמאָל האָט ער געפּרובירט אַנאַליזירן זיך אַליין און געשטעלט זיך שוין צום וויפלטן מאָל די זעלבע פראַגע: ווי קומט עס, וואָס ער, וועמען ס'האָט הויפּטזעכלעך אינטערעסירט די ריינע וויסנשאַפט, איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון פּאָליטישע פּראָבלעמען. די צייט, די פאַרשאָלטענע צייט, האָט, ווייזט אויס, גורם געווען! ס'האָט אים שטאַרק באַנג געטאָן, וואָס ער האָט אַזויפיל יאָרן פאַרשווענדט אויף פּוסטע נאַרישקייטן, פון וועלכע ער קאָן זיך עד היום נישט באַפרייען. מען ווערט שוין גאָרנישט קליגער מיט די יאָרן, מען ווערט וואָס אַ טאָג נאַרישער, האָט ער זיך געטראַכט אין די סטודענטישע יאָרן האָט ער געטרוימט, אַז זיין גאַנץ לעבן וועט ער ווידמענען דער מעדיצינישער וויסנשאַפט, און אַנדערע פּראָבלעמען וועלן קיין שליטה נישט האָבן איבער זיין גייסטיקן מהות. און אין די מיטעלע יאָרן, ווען מען ווערט קליגער און רייפער, איז ער גאָר ארייננגעצויגן געוואָרן אינם שטראָם פונם פּאָליטישן לעבן, וואָס האָט אים פאַרשאַפט בלויז עגמת־נפש הלוואי וואָלט ער נישט געווען אַראָפּ פון וועג, אויף וועלכן ער האָט אָנגעהויבן צו גיין אין די סטודענטישע יאָרן! ווי קומט עס טאַקע, וואָס ער איז אַראָפּ פונם יענעם וועג? אַ פאַרשאָלטענע צייט!

דאָקטאָר גרינבוים האָט זיך לעצטנס ווידעראַמאָל אומגעקערט צו זיין באַליבטער באַשעפטיקונג — צו געשיכטע. דאַכט זיך אים אויס, אַז ער האָט נישט געהאַט קיין גרויסען דערפאָלג אויפן געביט פון דאָקטאָריע, שטודירט ער געשיכטע. ס'איז ביי אים אויסער יעדן צווייפל, אַז אויפן געביט פון געשיכטע וואָלט ער עפּעס געווען מחדש געווען. איז ער נישט צופרידן מיטן גאַנג פון די געשעענישן אין זיין אייגן לאַנד אָדער אין אַנדערע לענדער, — פאַרטיפט ער זיך אין געשיכטע. אין די פאַרגליווערטע ווילנס פון היסטאָרישע פּערזענלאַכקייטן זעט ער דעם אייביקן געראַנגל צווישן פאַרשידענע לעבנס־אמתן. ער האָט הנאה און זיין פּנים ווערט אויסגעלייטערט, ווען ער קומט צו דער הנחה, אַז אַ געוויסע עפּאָכע פון דער אַלטער צייט איז אין אַ סך פּרטים ענלאַך צו

אן עפּאָכע פון דער נייער צייט. ער איז נישט איבערראַשט און אוודאי נישט פאַרצווייפלט, ווען ער קוקט זיך צו, אויף וואָסערע קרומע און תהום׳עדיקע וועגן זיין „צייט" האָט זיך פאַרנומען. ער ווייסט, אַז ער (און מסתמא קיינער נישט) האָט נישט קיין קראַפט צו באַשטימען דעם גאַנג פון דער געשיכטע. קלוג צי נאַריש, גוט צי שלעכט, — אַזוי איז שוין דער סדר העולם!

פאַרן אָפּפאָרן פון מאָסקווע האָט ער זיך איינגעקויפט אסך ביכער וועגן דער סמוטנער צייט — היסטאָרישע ווערק, ראָמאַנען און מעמואַרן. זינט ס׳האָט אויסגעבראָכן די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע און, ווי אַ פועל יוצא דערפון, דער בירגער קריג, קאָן ער זיך נישט באַפרייען פונם געדאַנק, אַז אין רוסלאַנד האָט זיך אָנגעהויבן א „סמוטנע צייט". איין פּראָווינץ פירט מלחמה מיט דער צווייטער, האָב און גוטס ווערט צעשטערט און פאַרניכטעט. די איינוואוינער פון דעם זעלביקן ישוב זיינען זיך איינער דעם אַנדערן דם־שונאים.... אַ ברודער וואָלט דערטרונקען אין א לעפל וואַסער זיין אייגענעם ברודער, אַ פאָטער וואָלט צעריסן אויף שטיקער זיין אייגענעם זון. שריפות ברעכן אויס אַלע נאַכט צו עטלעכע מיט אַמאָל. הריגות און רויבערייען קומען פאָר אַזוי אָפט, אַז קיינער ווערט שוין פון זיי נישט נתפעל. עס וועט מסתמא, ווי אין יענער סמוטנער צייט, נעמען צענדליקער יאָרן, איידער עס וועט זיך איינשטעלן אַ נאָרמאַל לעבן. ער איז דערפאַר נישט נתפעל געוואָרן פונם תהו ובהו, וואָס האָט געהערשט אין רוסלאַנד. דאָס לעבן פליסט רואיק, ווי א קליין טייכל אין מיטן וואַלד, אָן אַנדערשמאָל אָבער קאָכט עס ווי זודיק וואַסער.

וואָלאָך האָט קיין אַמאָל נאָך נישט געהאַט, ער איז אינגאַנצן אַלט געוואָרן עטלעכע און צוואַנציק יאָר. דער נעכטן, היינט און מאָרגן האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין איין שטיק פליסיק לעבן—געגנוואַרט. וויפיל ער האָט זיך נישט באַמיט צו פאַרשטיין די געשעענישן, אָפּשאַצן זיי ווי געהעריק און אָפּמאַכן ביי זיך, וועלכער וועג ס׳איז דער ריכטיקער,—איז פון דעם גאָרנישט אַרויסגעקומען. ער איז אָפּטמאָל געקומען צו שלוסן, וואָס האָבן זיך סותר געווען איינע די אַנדערע. ער האָט דערפאַר, קאָן זיין, ניט באַלאַנגט צו קיין שום פּאַרטיי. שטיקלאַך פּראָגראַמען פון עטלאַכע פּאַרטייען האָט ער אָנגענומען און דאָס איבעריקע אָפּגעוואָרפן. עס וואָלט אים אפשר באַפרידיקט א פּראָגראַם, צונויפגעשטעלט אָט פון יענע שטיקלאַך.

אויף אַלע ספקות און מאַטערנישן האָט ער געפּרובירט צו געפינען

אַן ענטפּער אינם גאַנג פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. ער פלעגט גאַנצע שעהן זיצן איבער ביכער וועגן יענער שטורמישער צייט. ער האָט נישט נאָר פאַרטיפט זיך אין יעדער קלייניקייט פון יענער עפּאָכע, נאָר ער האָט זיך אויך באַמיט אריינצולעבן זיך אין די ווילנס און ליידנשאַפטן פון די מענטשן, וואָס אָט האָבן זיי אַליין געהאַקט קעפּ און אָט באַלד זיינען זייערע קעפּ אַראָפּגעהאַקט געוואָרן.

וואָלאָכ׳ס רעכטער עלנבויגן איז געווען אָנגעלענט אויפן קליינעם טישל און מיט צוויי פינגער האָט ער געקרייזלט אַ פּאַסמע האָר, וואָס לעבן שטערן. ער האָט געלייענט מיט פאַרקוועטשטע ליפּן און פאַרזשמורעטע אויגן און ווי צוגעהערט זיך מיט אַלע זיינע חושים צום בריאַזגנדיקן געראַנגל פון יענער צייט. ער האָט אָפּגעמאַכט ביי זיך: ער וועט זיך נישט פרייען מיטן אויפשטייג פון איינעם און נישט קלאָגן אויפן פאַלן פון אַ צווייטן. ער וועט אויסהערן זייערע טענות מיטן גרעסטן ישוב הדעת, ער וועט זיך נישט איילן, ער וועט איבערקלערן צען מאָל וועגן יעדער קלייניקייט. אפשר וועט אים געלינגען צו פאַרשטיין דעם גאַנג פון דורות.

אפילו וואָדיאַנאָי, וואָס האָט נישט געקאָנט איינזיצן אויף איין אָרט, איז אין די פּאָר וואָכן פאַרבליבן אַמאָל ביי זיך אין צימער אויף אַ פּאָר שעה. ער האָט ווידעראַמאָל און אָבעראַמאָל געלייענט וועגן די העלדנטאַטן פון די אַמאָליקע רעוואָלוציאָנערן, כאָטש ער האָט די אַלע געשיכטעס געקאָנט כמעט אויף אויסנווייניק. און יעדעס מאָל, ווען ס׳האָט זיך דערציילט, אַז אַ רעוואָלוציאָנער האָט דער׳הרג׳עט אַ מיניסטער אָדער גענעראַל, האָט וואָדיאַנאָי אויפסניי איבערגעלעבט אַן אויפרעגנדיקע פרייד. ער האָט זיך איבערגעדרייט פון איין זייט אויף דער אַנדערער און געטראַכט כמעט ווי אין דער הויך — אָט דאָס זיינען געווען מענטשן! יעדן אונטערדריקער דאַרף מען אָפּראַמען פון וועג, ווער עס זאָל נישט זיין און וויפל קרבנות עס זאָל נישט קאָסטן.

מיט אַ באַזונדער הנאה האָט ער געלייענט וועגן סאַווינקאָווס געוואַגטע טעראָריסטישע אונטערנעמונגען. מסתמא דערפאַר, ווייל סאַווינקאָוו האָט נאָך געלעבט און אסך אַנטי-באָלשעוויסטישע אויסברוכן זיינען געווען פאַרבונדן מיט זיין נאָמען. וואָדיאַנאָי האָט סאַווינקאָוון ממש פאַרגעטערט. און אַ געפיל איז ביי אים געווען, אַז, ווען סאַווינקאָוו גיט אים נאָר אַ פּיפּס, וואָלט ער אָן שום קווענקלעניש גענומען זיך צו דער הייליקער אַרבעט, — אָפּצוראַמען פון וועג אַלע איצטיקע דיקטאַטאָרן.

ביי שולצן איז ניט געווען קיין שום צווייפל, אַז אין אַ קליינע ווייַ־לע אַרום וועט פון די אַלע בונטן אפילו קיין זכר נישט בלייבן. אַלץ וועט זיין, ווי געווען, ווייל אַנדערש קאַן נישט זיין. ער איז דאָ, אין וויסטן העק, אפילו אויף אַ האָר נישט אָפּגעטראָטן פון זיין איינגע־אָרדנטן סדר לעבן. ער איז, ווי שטענדיק, געזעסן אין קאָנצעלאַריע־לאַבאָראַטאָריע, האָט באַטראַכט די כעמישע אויפלייזונגען, פאַרצייכנט דעם אומבייט פון זייערע קאָלירן. אַמאָל גאָר האָט ער אריינגעקוקט אין מיקראָסקאָפּ אָדער צוגעגרייט די פּאַפּירן צום מאַנאַטלאַכן רעפּאָרט.

16

ביסלאַכווייז האָט זיך איינגעשטעלט א שטילער פּראַסטיקער דרויסן. שניי איז שוין אָנגעפאַלן אַזוי פיל, אַז ער האָט זיך דערפילט מעשה באַלעבאָס, ווי איינער רעדט:

— שוין גענוג געשיט מיט גראָבע פליאַכעס אויף דער שוואַרצער ערד. זי איז שוין אַזוי ווייט, אַז מיט זיבן ריסקעלעס וועט מען זיך נישט דערביוון צו אירע שוואַרצע פלאַסטן.

דער צוגעפרוירענער שניי איז געוואָרן איינגעפּלעטשט, האָט זיך טיף איינגעגראָבן אין דער ערד. האָט זיך נאָר געמאַכט אַ שפּעלטעלע, איז ער געקראָכן ווייטער און טיפער. ער איז געוואָרן א תושב. די זון, א ווייס־העלע, האָט אַזויפיל ליכטיקייט צעגאָסן איבער די שנייאיקע פעלדער, אַז עס האָט אַזש געבלענדט די אויגן צו קוקן אויף זיי, ווי די ערד וואָלט באַדעקט געווען מיט שנייאיקע זונען.

אויף די רעלסן פון דער קליינער באַן־סטאַנציע האָט זיך מיטאַמאָל באַוויזן אַ שניי־רייניקער. א גרויסע, בייכיקע מאַשין, וואָס האָט זיך נישט גערירט פון אָרט אָן אַ בייזן, הילכיקן פייף. ארום דער מאַ־שין האָט זיך געפּאָרעט אַ צענדליק מענטשן. איינער מיטן אַנדערן האָט איינגעטענה׳ט, איינער אויפן אַנדערן איז געווען ברוגז. האָט זיך די מאַשין צעפּייפט אויף גרילציקע טענער, זיינען זיך די מענטשן צעלאָפן אין אַלע זייטן. ס׳איז געווען אַ קליינע אַנצוהערעניש מצד דער מאַשין, אַז זיי זאָלן זיך נישט דרייען צופיל אונטער אירע פיס, אויב זיי ווילן בלייבן מיט גאַנצע ביינער. ווי נאָר אָבער די מאַשין האָט אויפגעהערט צו פייפן און ז׳געבליבן שטיין, האָבן זיך די מענטשן ווידער ארומגעקלעפּט אַרום איר, ווי זלידנע פליגן, און אפילו געהאָט די העזה אַרונטערצוקריכן אונטער די גראָבע אומגעלומפּערטע רעדער.

דאָס צעלויפן זיך אין אַלע זייטן און דאָס צוריקקומען איז, ווי אַ מאָדנע שפּיל אַזאַ, אָנגעגאַנגען עטלאכע טעג.

ווי פֿאַמעלאַך דער שניי-רייניקער האָט נישט אַראָפּגעשאַרט דעם איינגעפּלעטשטן שניי פון די רעלסן, איז סוף כל סוף דער וועג אָפּגעריי-ניקט געוואָרן, — און צוגן האָבן אָנגעהויבן פאַרביילויפן דער קליינער סטאַנציע. צו איינעם פון אַזעלכע צוגן, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ פּאָר שעה אויף דער קליינער סטאַנציע, האָט מען צוגעטשעפּעט דעם צוג נומער זיבן. זיין וואַנדער וועג האָט זיך אָנגעהויבן פונסניי.

אויף אַ גרויסער באַן־סטאַנציע, וואו דער צוג נומער זיבן האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף א פּאָר טעג, האָט מאַריע ניקאָלאַיעוונא געקראָגן צו וויסן, אַז דער סאַניטאַרישער אינספּעקטאָר פון אַ דיוויזיע וועט איינגיכן באַזוכן דעם צוג נומער זיבן. ווי נאָר מאַריע ניקאָלאַיעוונאַ, צוריק-קומנדיק פונם וואָקזאַל, האָט זיך אריינגעשטעלט אין עס־צימער, האָט דער עולם באַלד באַמערקט, אַז אין איר איז פאָרגעקומען אַן ענדערונג. דער ווייכער שמייכל האָט זיך אָפּגעטאָן פון איר העלן פּנים, די ליפּן זיינען געוואָרן צונויפגעקוועטשט און די נאַזלעכער האָבן זיך געבלעזלט. ס'איז קיין ספק נישט געווען ביי קיינעם, אַז די ענדערונג אין מאַריע ניקאָלאַיעוונא איז פאָרגעקומען נישט צוליב אַ פּערזענלאַכער סיבה. מאַריע ניקאָלאַיעוונאַ האָט נישט ליב געהאַט, האָבן אַלע געוואוסט, אָנ-צוקליידן זיך אין טרויער צוליב אַ פּריוואַטן ענין. די סבה איז אַן אַנ־דערע — זי איז נאָר וואָס צוריקגעקומען פון אַ באַזוך אין די סאַניטאַ־רישע אינסטיטוציעס, וואָס זיינען צעוואָרפן אַרום וואָקזאַל, און מסתמא געקראָגן ידיעות, נישט גינסטיקע פאַרן צוג נומער זיבן. אַלע האָבן, קוקנדיק אויף איר, זיך עטוואָס פאַרלוירן. געווען זי־כער, די ידיעה וועט זיין אַ טרויעריקע, געוואָלט דערפאַר זי אָפּשטופּן אויף וואָס שפּעטער. געוואָלט אָבער וואָס גיכער געוואויר ווערן וועגן דער דראָענדער געפאַר, געוואָרט דעריבער מיט אומגעדולד אויף דער שלעכטער בשורה. דער ערב־שטורם מאַטערט אָפּט מער אויס, ווי דער שטורם.

ווען מאַריע ניקאָלאַיעוונאַ האָט געלאָזט וויסן דעם עולם וועגן דער קומנדיקער אינספּעקציע, האָבן זיך אירע אויגן אָנגעגאָסן מיט פּחד. ווי נאָר זי האָט אַרויסגעבראַכט אויף די ליפּן די שלעכטע בשורה, האָט זיך ביי איר צעוואַקסן אַ זיכערקייט, אַז דער אינספּעקטאָר קאָן זיך אריינשטעלן יעדע מינוט. ער וועט מסתמא געפינען אויפן צוג אַ גרויסע אומאָרדענונג און וועט זי דערפאַר אָפּפירן אין טשעקאַ אַריין.

וואָס פאַר א חטא זי איז באַגאַנגען, איז איר נישט געווען קלאָר. דער באָלשעוויסטישער אינספּעקטאָר וועט שוין אויסזוכן חטאים פון אונטער דער ערד, אַבי צו פאַרשפאַרן זי אין די פייכטע קעלערן פון טשעקא. וועגן איין חטא איז זי געווען זייער באַוואוסטזיניק. זי האָט געהאַסט די נייע מאַכט מיט יעדן טראָפּן בלוט פון איר יונגען קערפּער. זי האָט זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן אויף דער גרויסער בשורה, אַז דער־ניקין האָט פאַרנומען מאָסקווע און אויפגעהאַנגען אַלע באָלשעוויסטישע קאָמיסאַרן. קאָן זיין, אַז דער דאָזיקער חטא אירער האָט פאַר־שטאַרקט אין איר די מורא פאַר דעם אינספּעקטאָר.

מאַריע ניקאָלאַיעוונאַ, שולץ און וואָדיאַנאָי האָבן באַלד נאָכן מי־טאָג געהאַט אַ קליינע באַראַטונג, אויף וועלכער ס'איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ פּלאַן פון אַרבעט, שנעלער און טיכטיקער אַרבעט. מאַריע ניקאָלאַיעוונאַ און שולץ וועלן ברענגען אין אָרדענונג די קאַנצעלאַריע מיט דער לאַבאַראַטאָריע. אויף די איבעריקע וואַגאָנען מיט אַלע זיי־ערע איינריכטונגען, אויפן וועש און דעם פּראָוויאַנט, וואָס געפינען זיך אין רעזערוו, — אויף אַלעס איבעריקן וועט שוין אַכטונג געבן וואָדיאַ־נאָי. ער טאַקע האָט פאָרגעשלאָגן דעם דאָזיקן פּלאַן. מאַריע ניקאָלאַ־יעוונאַ האָט באַלד צוגעשטימט. זי האָט געוואוסט, אַז וואָדיאַנאָי וועט אין משך פון עטלאַכע שעה אָפּטאָן זיין אַרבעט בשלמות. וואָס, וואָס, זי האָט נישט געצווייפלט, אַז ער איז אַ טיכטיקער אַרבעטער.

מאַריע ניקאָלאַיעוונאַ, צוזאַמען מיט שולצן, האָט געבראַכט אין אָרדענונג די פּאַפּירן פון דער קאַנצעלאַריע. אַ סך נישט־איבעריק נויטיקע דאָקומענטן האָט שולץ אַריינגעטראָגן אין קיך אַריין און זיי פאַרברענט. וואָס ווייניקער פּאַפּירן, אַלץ געזינטער וועט זיין. דער נאָך האָבן זיי זיך גענומען צו דער לאַבאַראַטאָריע. זיי האָבן ארומגע־ווישט די סלאָיעקלאַך און פלעשעלאַך און זיי אויסגעשטעלט אין גלייכע רייען. זיי האָבן צענומען דעם מיקראָסקאָפּ און פלייסיק געפּוצט זיינע טיילן, ער זאָל אויסזען ווי אַ שפּאָגל נייער. זיי האָבן געאַרבעט מעשים, אַז די לאַבאַראַטאָריע זאָל פינקלען ווי אַ שפּיגל.

וואָדיאַנאָי איז נישט איינגעזעסן אויף קיין אָרט, ער האָט ממש געקערט וועלטן. ער האָט שטרענג באַפוילן די סאַניטאַרן, זיי זאָלן אָפּוואַשן אַלע פּאָדלאָגעס אין די וואַגאָנען, אויסרייניקן די בעטן, אָנטאָן נייע ציכעלאַך אויף די קישנס און איבערבייטן דאָס וועט אויף זיך. קסעניא און אָלגאַ זיינען געווען פאַרנומען מיט דער קיך, דאָס געפּעס דאַרף גלאַנצן, מען זאָל זיך קאָנען אָנשפּיגלען אין דעם. אַלע ווײַלע

איז וואַדיאַנאַי אויסגעוואַקסן, ווי פון אונטער דער ערד, און אַנגעוויזן, ווי אַזוי טיכטיקער און גרינטלאַכער צו רייניקן. גאַלוביאַוו איז גע־ווען גלייכגילטיק ווי אַלעמאָל. מ׳הייסט וואַשן די פּאַדלאָגע, וואַשט ער. מ׳הייסט אים אָפּשערן זיך די נעגל, שערט ער. פּעטראָוו האָט שוין געוואוסט פון לאַנגער דערפאַרונג, מיט וואָס עס שמעקט אַזאַ פלוצימדיק רייניקן.

— עס גייט זיין נאַטשאַלסטוואַ, חברה! — האָט ער דערקלערט די איבעריקע — מען דאַרף זיך אָפּשאָבן די מאָרדע — האָט ער גע־רעדט צו זיך אַליין און באַטאַפּט די האַרטע באָרד, וואָס האָט געוואַקסן ווי קראַפּעווע. — ערשט מיט אַ פּאָר טעג צוריק אָפּגעקאָסעט די שטע־כעלקעס, אַהאַ, זיינען שוין ווידער דאָ!

כאָטש וואַדיאַנאַיס וואַכזאַם אויג איז געפאַלן אויף אַלץ און אַלע־מען אין צוג גומער זיבן, אָבער געהיט ווי דאָס אויג אין קאָפּ האָט ער נאָר דעם רעזערוו-וואַגאָן. ווייל אַלע צרות, וואָס נעמען זיך פון רע־וויזיעס, קומען געוויינלאַך פונם רעזערוו-וואַגאָן. דאָרטן דאַרף מען אַרבעטן פּאַמעלעך און מיט ישוב הדעת. אַהינצו האָט ער מיטגענומען פּיאָטרן. אים האָט ער געטרויט מער ווי אַלעמען אין סאַניטאַרן־וואַ־גאָן — ער איז אַ געטרייער יונג, ער וועט נישט פּלאַפּלען מיט דער צונג, מען קאָן זיך אויף אים פאַרלאָזן.

וואַדיאַנאַי האָט געציילט וועש, האַנטעכער, ציכעלעך, שאַכטלעך קאָנסערוון, פּונטיקע שטיקער זייף. פון צייט צו צייט האָט ער זיך, אַ פאַרזאָרגטער, אריינגעשטעלט אין מאַריע ניקאַלאַיעוונאַס קאַבינעט, עפּעס איר איבערגעגעבן, געהאַלטן אַן עצה, — און צוריק אין רעזערוו־וואַגאָן. ער האָט די פּיפּקע נישט אַרויסגעלאָזט פון מויל, האָט זעלטן פאַרצויגן. די מאַכאָרקע האָט זיך אַלע ווײַלע פאַרלאָשן, האָט ער מיט כעס געריבן שוועבעלעך. אויף זיין געלבלאַך־בלייך פּנים האָבן זיך בולטער אַרויסגעזען די קליינע רויטע פרישטשעקלאַך.

פּיאָטר׳ס פּנים—איך בין זייער פאַרנומען, אַפילו קיין שמייכל קאָן איך נישט טאָן. ער האָט געשוויגן די גאַנצע צייט, האָט געכאַפּט אויפן וואונק, וואָס וואַדיאַנאַי וויל, ער זאָל טאָן, און די אַרבעט האָט געברענט אונטער זיינע הענט. די אויפגעבונדענע פּעקלאַך האָט ער צוריק פאַרבונדן און זיי אַריינגעלייגט אין קאַסטנס מיט אַ סדר, מיט אַ טאַלק. באַזונדערס האָט ער אַכטונג געגעבן אויף די שפּייז-פּראָ-דוקטן. די, אויף וועלכע ס׳האָט זיך באַמערקט אַביסעלע שימל, האָט ער אוועקגעלייגט אין אַ זייט. אויף די אָנווייזונגען פון וואַדיאַנאַיען

האָט ער זיי אַרויסגעוואָרפֿן דורך דער אָפֿענער טיר, אָדער, אָפֿווישנדיק דעם שימל, צוריק אַנידערגעלייגט אויפֿן געהעריקן פּלאַץ. אַרויסוואַרפֿן שפּייז־פּראָדוקטן איז אויסגעקומען זייער זעלטן. וואָדיאַנאָי האָט זיך שטאַרק געקווענקלט, איידער ער האָט באַשלאָסן עפּעס אַרויסצוואַרפֿן. ווייל וואָס מער ער וועט אויסבראַקירן, אַלץ מער וועט אים פֿעלן צום סכום.

אין משך פֿון זיבן־אַכט שעה איז די גאַנצע אַרבעט אָפּגעטאָן געוואָרן. די וואַגאָנען זיינען געווען אויסגערייניקט, די לאַבאָראַטאָריע האָט געפֿינקלט מיט ווייסער זויבערקייט. און דער אינוועטאַר האָט געשטימט מיט די ביכער. אי מאַריע ניקאָלאַיעוונא, אי וואָדיאַנאָי האָבן זיך געלעגט שלאָפֿן באַרואיקטע. אַלץ, וואָס מ'האָט געקאָנט פֿאָראויסזען, איז גענומען געוואָרן אין אַנבאַטראַכט. אַלץ איז איבערגעקוקט און געבראַכט געוואָרן אין אָרדענונג מיט דער גרעסטער פּינקטלאכקייט. ניטאָ פֿאַרוואָס צו שרעקן זיך.

17

די וואָרענונג וועגן דער קומנדיקער אינספּעקציע, וואָס מאַריע ניקאָלאַיעוונאַ האָט געקראָגן, איז געווען נישט קיין אומזיסטע. שוין אויפֿן צווייטן טאָג נאָך דער וואָרענונג האָט זיך אין צוג נומער זיבן פּלוצים אַריינגעשטעלט אַ קאָמיסיע פֿון דריי פּערזאָן: דער אינספּעקטאָר פֿון אַ דיוויזיע, זיין געהילף און דער פּאָליטישער קאָמיסאַר. כאָטש מאַריע ניקאָלאַיעוונאַ איז געווען צוגעגרייט צו דערדאָזיקער באַגעגעניש, האָט אפֿילו געוואַרט אויף איר, כדי וואָס גיכער איבערצוקומען דאָס אומפֿאַרמיידלאכע, — האָט זי דאָך אויסגעזען שטאַרק דערשטוינט. גלייך ווי עמיצער וואָלט זיך מיט גוואַלד אַריינגעריסן צו איר אין צימער אַריין אינמיטן דער נאַכט. ביי איר אין מח האָט זיך געבאָמבלט אַ געדאַנק: פֿרעמדע מענטשן, וואָס האָבן קיין שום רעכט נישט אויף דעם, זיינען געקומען צו שטערן איר רו. מיט די ליפּן האָט זי געשמייכלט, אָבער אירע אויגן זיינען געוואָרן צעשראָקן גרעסער. אַלע פֿיר, די קאָמיסיע פֿון דריי און מאַריע ניקאָלאַיעוונאַ, זיינען געזעסן אין קאַנצעלאַריע אַרום אַ קליין טישל. ניט ווייט פֿון זיי, לעבן וואַגאָן־פֿענצטער, איז געשטאַנען וואָדיאַנאָי, די הענט פֿאַרלייגט פֿון הינטן. אין אַנדערן עק צימער, לעם די סלאָיעקלאַך און פֿלעשלאַך פֿון דער לאַבאַראָטאָריע, איז געשטאַנען שולץ. זיין מינע

— איך האָב קיינמאָל נישט ליב געהאַט צו שטופּן די נאָז, וואוהין מען דאַרף ניט, און וועל עס איצט אויך נישט טאָן. איר וועט בעטן ביי מיר דערקלערונגען, וועל איך אייך זיי געבן.

אָנגעפירט מיט דער רעוויזיע האָט דער אינספּעקטאָר, אַ הויכער מאַן, אין די מיטעלע יאָרן, מיט אַ מיליטערישער האַלטונג. זיינע האָר ביי די שלייפן האָבן זיך שוין געגראָט, אָבער די גראָע אויגן האָבן נאָך געפינקלט מיט יאַטישער וואוילייִנגערישקייט. נאָך די אויגן נאָך איז געזעסן אויפן בענקל אַ יונגער שטיפער, וואָס איז גרייט יעדע רגע אַרויס צושטעקן די צונג. דער אינספּעקטאָר האָט געבלעטערט די ביכער. אייניקע בלעטלאַך האָט ער דורכגעלאָזט שנעל, אויף אַנדערע האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אַ ביסעלע לענגער. האָט זיין בליק זיך פאַרהאַלטן אויף אַ בלעטל אַ מינוט צוויי, האָבן געווייִנלאַך נאָכגעפאָלגט אַ ריי פראַגן, געווענדעטע צו מאַריע ניקאָלאַיעווונאַ. די פראַגן האָט דער אינס־פּעקטאָר אָנגעהויבן שטרענג און ברוגז׳לאַך, האָט אָבער פאַרענדיקט זיי שטיל און ווייך. ווי ער וואָלט אָנגעדייט — איך וועל טאַקע אין אָנ־הויב זיין זייער שטרענג, אָבער שרעקט זיך נישט, דער סוף וועט זיין אַ גוטער.

דער געהילף־אינספּעקטאָר און דער קאָמיסאָר האָבן די גאַנצע צייט געשוויגן, גלייך ווי דער ענין גייט זיי לחלוטין נישט אָן. בשעת מאַ־ריע ניקאָלאַיעוונאַ האָט געענטפערט אויפן אינספּעקטאָרס פראַגן, האָט זי אויך געוואָרפן אַ זייטיקן בליק אויפן קאָמיסאַר — פּאַרט אַ שישקע. זי האָט אים דענצמאָל אויך שנעל באַטראַכט.

„אַ יונגער מענטש, נאָך גאָר יונג. אַ לענגלאַך מאַטעווע פּנים, אַ דינע לאַנגע נאָז און פעך־שוואַרצע אויגן. נישט קיין רוס. אַ איד אָדער אַ גרוזין. ווייזט אויס אַ גאַלע גאַרנישט".

נאָכן איבערקוקן די ביכער, האָט דער אינספּעקטאָר באַטראַכט די לאַבאָראַטאָריע. לעם מיקראָסקאָפּ האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ פּאָר מינוט. האָט וואוילייִנגעריש פאַרזשמורעט דאָס רעכטע אויג, און מיטן לינקן אַריינגעקוקט אין מיקראָסקאָפּ. מאַריע ניקאָלאַיעוונא האָט באַמערקט, אַז דער אינספּעקטאָר איז אין אַ פאַרלעגנהייט, ער האָט נאָך נישט באַשלאָסן, ווי אַזוי אָנצוגיין ווייטער מיט דער רעוויזיע. האָט זי אַ קלער געטאָן, אַז איצט איז דער פּאַסיקסטער מאָמענט אַרויסצו׳פּטר׳ן זיי פון דאַנעט. זי האָט זיך אָנגערופן צו וואָדיאַנאָיען:

— אפאנאסי טראפימאוויטש, זייגט דער חשוב׳ער קאמיסיע די איבעריקע וואגאנען.

— ביטע שיין! — האט וואדיאנאי זיך א נויג געטאן. ער האט זיך געלאזט פאראויס, האלטנדיק די שליסלען אין דער רעכטער האנט.

אומישנע אדער אומגערן האט דער קאמיסאר איבערגעטראטן די שוועל פונם סאניטארן-וואגאן דער ערשטער. ער האט גוט־ברידערש זיך אנגערופן:

— ווי גייט׳ס, חברים?

די סאניטארן, וואס זיינען געזעסן לעם די צוגעבעטע בעטלאך, האבן זיך גלייך אויפגעהויבן און אלע ווי איינער געענטפערט.

— נישט צו באקלאגן זיך, חבר.

פעטראוו איז געווען דערפארן אין אזעלכע אנגעלעגנהייטן. וועד מען האט ער שוין נישט געזען אין די זעקס יאר סאלדאטשינע? דעם קיסר מיט זיינע טעכטער האט ער אפילו געהאט די זכיה צו זען. דעם גאנצן אינדערפרי האט ער געקנעלט מיטן איבעריקן עולם, ווי אזוי זיי דארפן זיך אויפפירן אין דער אנוועזנהייט פון נאטשאלסטווא. כאטש ער האט אנגעזאגט די איבעריקע סאניטארן, זיי זאלן נישט פלאפלען. וואס ווייניקער מען רעדט מיט נאטשאלסטווא, איז אלץ געזינטער, — האט ער אליין פונדעסטוועגן געוואגט צו מאכן א קליינע באמערקונג. נאטשאלסטווא איז היינט אן אנדערע, מער צוגעלאזט צום פאלק. ער האט א פיר געטאן מיט דער רעכטער האנט איבער דער געלע קרומלאכע וואנצעס און צו די ווערטער „נישט צו באקלאגן זיך" האט ער צוגע־ געבן:

— עס וואלט זיך שוין געוואלט זיין אין דער היים, חבר!

א שמייכל האט זיך באוויזן אויפן קאמיסארס פנים. ער האט א קלאפ געטאן פעטראוון איבער דער פלייצע און אים פארזיכערט:

— עס וועט נישט נעמען לאנג, אלטער קריגער! ווי נאר מירן זיך ספראוון מיט די ווייסע, וועט איר, פראלעטאריער און פויערים, זיך אומקערן אהיים.

די קאמיסיע האט זיך לאנג נישט געזאמט אין סאניטארן-וואגאן. וואדיאנאי האט זיי ארומגעפירט איבער די איבעריקע וואגאנען. ער האט געהאלטן פאר א פחיתות הכבוד צו רויכערן אין דער אנוועזנהייט פון נאטשאלסטווא, מעג זי זיין אפילו א באלשעוויסטישע. ער האט מיט דער האנט, וואס איז געווען צו דער פיפקע, אלע ווײלע א וויש געטאן די נאז, וואס האט אים אין מיטן דערינען אנגעהויבן צו בייסן.

אַמלענגסטן האָט זיך די קאָמיסיע פאַרהאַלטן אין רעזערוו־וואַגאָן. דאָרטן איז דעם געהילף־קאָמיסאַר פּלוצים איינגעפאַלן אַ קוק צו טאָן, צי די קאָנסערוון זיינען נישט פאַרשימלט.

נאָכדעם ווי די קאָמיסיע האָט פאַרענדיקט איר אַרבעט, האָט וואָ־דיאַנאָי זיי איינגעלאַדן אין עס־וואַגאָן, וואו מאַריע ניקאָלאַיעוונאַ מיט די איבעריקע באַאַמטע האָט שוין געוואַרט אויף זיי. מאַריע ניקאָ־לאַיעוונאַ האָט פאַרגעשטעלט פאַר דער קאָמיסיע אַלע אַנוועזנדע. זי האָט אויך איבערגעגעבן דעם אינספּעקטאָר, אַז פּראָפעסאָר קאָזלאָוו און דאָקטאָר גרינבוים זיינען באַשטימט געוואָרן פון דער הויפּט־פאַרוואַל־טונג אויסצופאָרשן די פאַלן פון כאָלערא אַרום פּעטראָווסק, אויף יענער זייט וואָלגאַ. דערביי האָט דער אינספּעקטאָר באַמערקט (ער איז אויך נישט אַבי ווער, ער איז אַ באַוואוסטער קיעווער דאָקטאָר).

— דער אומגליק מיט אונזער פאָלק איז, וואָס עס ווייסט נישט די עלעמענטאַרע כּללים פון היגיענע. דערפאַר פאַרשפּרייטן זיך ביי אונז אַזוי פאַבלהאַפט־שנעל די אַנשטעקנדיקע קראַנקהייטן. אייך איז אוודאי אויסגעקומען צו דעזינפעקצירן א סך זעלנערישע שינעלן, מאַריע ני־קאָלאַיעוונאַ?

זי האָט זיך פאַררויטלט און פאַרהיקעט. די ווערטער זיינען אַרויסגעקומען פאַמעלאַך, ווי עמיצער וואָלט זיי געשלעפּט מיט גוואַלד.

— מיר שטייען נישט לאַנג אויף איין אָרט, אַז מיר זאָלן זיך פאַר־נעמען מיט דעזינפעקציע. מיר איילן זיך קיין מערב סיביר, כּדי פּראָ־פעסאָר קאָזלאָוו און דאָקטאָר גרינבוים זאָלן האָבן אַ מעגלאַכקייט וואָס גיכער אויסצופאָרשן דאָרטן די פאַלן פון כאָלערא.

ביים סוף פון דער דערקלערונג איז איר פּנים געוועזן בלאַס און דאָס בענקל, אויף וועלכן זי איז געזעסן, האָט אַ סקריפּע געטאָן. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז זי איז פאַרקראָכן אין אַ בלאָטע. דער בעסטער ענט־פער אויפן אינספּעקטאָרס פראַגע וואָלט געווען: געוויס, מיר האָבן דעזינפעקצירט א סך שינעלן. דעם קאָמיסאַרס אויגן זיינען געוואָרן פאַר׳חידוש׳ט־גרעסער, און דאָס פּנים — לענגלאַכער און דינער.

— וואָס איך הער? — האָט ער אַ קנייטש געטאָן מיט די ברעמען — פון מאָסקווע ביז אַהער האָט איר נישט געטאָן קיין שום דעזינפעק־ציע אַרבעט?! אונזער פאָלק ווייסט נישט די עלעמענטאַרע כּללים פון היגיענע — האָט דער קאָמיסאַר שוין אויף א הויך קול זיך געווענדט צום אינספּעקטאָר — און אונזערע אינטעליגענטן דערפילן נישט זייער עלעמענטאַרן בירגערלאַכן חוב.

דער קאָמיסאַר האָט אַ רוק געטאָן דאָס בענקל, ווי גרייט אויפצו-הייבן זיך.

דעם אינספעקטאָרס קלוגע אויגן האָבן געקוקט אַראָפּצו. „דאָס איז מיין שולד. דאָס האָב איך פאַרקאָכט די קאַשע. איך האָב שוין געמעגט וויסן, אַז דער קאָמיסאַר, בטבע נישט קיין שלעכטער מענטש, צינדט זיך אָן ווי אַ שוועבעלע ביי יעדער קלייניקייט״. דער אינס-פעקטאָר האָט אויפגעהויבן די אויגן.

— איך בין מסכים מיט אייך, חבר קאָמיסאַר. דאָס, וואָס דער צוג נומער זיבן האָט ביז אַהער נישט פאַרנומען זיך מיט דעזינ־פעקציע-אַרבעט, איז טאַקע נישט צום פאַרשטיין. מען טאָר אָבער נישט פאַרגעסן, חבר קאָמיסאַר, אַז אויפן צוג נומער זיבן געפינען זיך צוויי חשוב׳ע געלערנטע, וועמענס ציל ס׳איז צו דערגרייכן אַ פּונקט אויף יענער זייט וואָלגאַ צוליב פּראַקטישע היגיענישע צוועקן. אויב דער צוג זאָל זיך אָפּשטעלן אויף יעדער סטאַנציע צו דעזינפעקצירן אַלע זעלנערישע שינעלן, וואָס געפינען זיך דאָרט, וועלן אפשר די חשוב׳ע געלערנטע נישט דאַרפן זיך מטריח זיין אויף יענער זייט וואָל-גאַ. די כאָלעראַ וועט קומען צו אונז. און איר — האָט דער אינס־פעקטאָר געווענדט זיין בליק אויף מאַריע ניקאָלאַיעוונאַ — זאָלט נישט פאַרגעסן, אַז אויף יעדער באַן־סטאַנציע געפינען זיך פאַרלייזיקטע זעל־נערישע שינעלן. אויב איר זאַמט זיך אויף אַ סטאַנציע אַ פּאָר טעג, מוזן די שינעלן אומבאַדינגט דעזינפעקצירט ווערן!

די לעצטע ווערטער האָט דער אינספעקטאָר אַרויסגערעדט מיט אַ קול, וואָס איז אין העכסטן טאָן ווי איבערגעהאַקט געוואָרן און געבליבן הענגען ווי אַ דראָאונג.

אין די צען מינוט, וואָס די קאָמיסיע האָט נאָך פאַרבראַכט אין צוג נומער זיבן, איז אָנגעגאַנגען אַ שטילער געשפּרעך צווישן אינס־פעקטאָר און פּראָפעסאָר קאָזלאָוו וועגן זיין קומענדיקער פאָרשונגס-אַרבעט אויף יענער זייט וואָלגאַ.

מאַריע ניקאָלאַיעוונאַ איז געלעגן אָן אָנגעטאָנענע אויף איר גע־לעגער, מיטן פּנים צו דער וואַנט. איר קערפּער איז געווען אויסגע־קרימט, איין האַנט האָט זי געהאַלטן אונטער דער באַק, און די אַנדערע איז נאָכגעהאַנגען ווי אָן איבעריקע. דער קאָפּ האָט איר שטאַרק

ווי געטאָן. וויפל זי האָט נישט געריבן דעם שטערן מיט אַלערליי שפּירטן, האָט גאָרנישט ניט געהאָלפן. א געפיל האָט זי געהאַט — די הויט אויפן שטערן ווערט צוזאַמענגעצויגן אַלץ שטאַרקער און פעסטער, און דעם קאָפּ אירן איז ענג, ווייטאָקדיק ענג.

שולץ האָט עטלאַכע מאָל אָנגעקלאַפּט אין טיר. זי האָט אים נישט אריינגעלאָזט. זי וויל בלייבן אַליין. שולץ איז געווען זיכער. אַז זי שלאָפט נישט. ער האָט שוין געקאָנט אירע שוואַכקייטן. איז זי צוליב עפּעס אַ קלייניקייט צערודערט געוואָרן, האָט זי שוין נישט געקאָנט איינשלאָפן. איצט, נאָך דער גאַנצער געשיכטע מיטן קאָמיסאַר, שלאָפט זי אוודאי און אוודאי נישט. שולץ איז נישט צודרינגלאך, זאָל זי בלייבן אַליין.

זי איז נישט געווען אַליין. ס׳האָט עמיצער גערעדט צו איר, זי געמוסר׳ט מיט שאַרפע רייד. „אַ שלעכטן בייט האָט זי געמאַכט. ס׳איז שוין בעסער געווען צו בלייבן אין מאָסקווע, איידער האָבן צו טאָן מיט דער מיליטערישער מאַכט. ס׳איז נאָך גוט, וואָס זי האָט געקראגן צו וויסן, אַז עס גייט זיין אַן אינספּעקציע. אַניט וואָלטן די ביכער אויך נישט געווען אין אָרדענונג. וואָלט זי נישט געקראָגן אַ וואונק וועגן דער היינטיקער אינספּעקציע, וואָלט זי שוין איצט מסתמא געלעגן אין א קעלער פון טשעקא, מיטן איינציקן אויסזיכט, דערשאָסן צו ווערן אין אַ גרויען פאַרטאָג. ניין, זי האָט נישט געטאָרט פאַרלאָזן מאָסקווע. און ווער איז שולדיק אין דער גאַנצער פאַרדרייעניש? דער קאָמיסאַר. ווען נישט ער, וואָלט אַלץ אָפּגעגאַנגען גלאַטיק. ער זעט אויס ווי א איד. קיין שום צווייפל נישט, אַז ער איז אַ איד, ווער דען, אַ חוץ אַ אידן, קאַן אַזוי צעקאָכט ווערן, ווי ער איז דאָס צעקאָכט געוואָרן. ער איז זיכער א איד. אַלע קאָמיסאַרן, ווייזט אויס, זיינען אידן. מיט וויפל קאָמיסאַרן זי האָט זיך נישט געטראָפן, זיינען זיי אַלע געווען אידן.״ אירע אויגן זיינען געווען רויטלאך, און די האָר צעפּאַטלט.

ביי דער וועטשערע האָט מען נאָר גערעדט וועגן דער ביי־טאָגיקער רעוויזיע. אין עס־צימער זיינען נאָך געהאַנגען די פאַר׳חידוש׳טע ווערטער פונם קאָמיסאַר — „וואָס איך הער?״ און דער דראָענדער באַפעל פונם אינספּעקטאָר — „די פאַרלייזיקטע זעלנערישע שינעלן מוזן אומבאַדינגט דעזינפעקצירט ווערן.״ דער מהות פונם געשפרעך איז געווען אַזוי זעלבסטפאַרשטענדלאך, אַז די געדאַנקען פון יעדן באַזונדער זיינען געווען אָפן פאַר אַלעמען. גלייך ווי אין עס־צימער וואָלטן ניט

געזעסן עטלאכע מענטשן מיט באַזונדערע בייגונגען, טראַכטונגען און געפילן, נאָר איין מענטש, וואָס רעדט זיך דורך מיט זיך אַליין. אַ פּאָר ווערטער איז געווען גענוג, דער עולם זאָל זיך אָנשטויסן, וואָס יענער האָט געמיינט. ווען פּראָפעסאָר קאָזלאָוו האָט אַ זאָג געטאָן: „ער, ווייזט אויס, קאָן זיי ביידע נישט פאַרליידן,״ האָט יעדער איינער שוין פאַרשטאַנען, אַז פּראָפעסאָר קאָזלאָוו האַלט, אַז דער געהילף־אינספּעקטאָר, וואָס האָט געשוויגן די גאַנצע צייט, קאָן נישט פאַרטראָגן נישט דעם אינספּעקטאָר און נישט דעם קאָמיסאַר. האָט וואָדיאַנאָי אַ מאָך געטאָן: „מיר דאַכט זיך, אַז ער טאַנצט אויף ביידע חתונות״, האָט דער עולם לייכט זיך אָנגעשטויסן, אַז לויט וואָדיאַנאָיס מיינונג, ווייל דער אינספּעקטאָר צופרידנשטעלן ביידע צדדים, אי די באָלשעוויקעס, אי זייערע קעגנער. דאָקטאָר גרינבוים האָט ווי פאַרגעזעצט וואָדיאַנאָיס באַמערקונג: „אַזעלכע פאַרשווינען שניידן סוף כל סוף אָפּ זייער שלעכט.״ ס'האָט געהייסן, דער אינספּעקטאָר וועט ווען ס'איז זיך אויסגלייכן און אַראָפּ פון זיין גדולה. פּאַר מאַריע ניקאָלאַיעוונאַס אויגן איז אַלץ געשטאַנען דער קאָמיסאַר. זי האָט אים נישט פאַרגעסן אפילו אויף קיין איין רגע. זיינע צאַרנדיקע ווערטער: „וואָס איך הער?״ האָט זי איצט געהערט נאָך דייטלאכער ווי פריער. זיי האָבן זיך געדרייט אַרום איר, ווי זשומזשנדיקע פליגן. און ווען זי האָט אַ זאָג געטאָן: „א רוס וואָלט זיך אַזוי נישט צעקאָכט״, איז פאַר יעדן איינעם געווען קלאָר, אַז, נאָך איר איבערציי‫גונג, איז דער קאָמיסאַר אַ איד. וואָדיאַנאָי איז געזעסן, פאַרלעגט אַ פוס אויף אַ פוס, און געקוקט זייטיק. מאַריע ניקאָלאַיעוונאַס באַמערקונג האָט אים צוגעגעבן מוט, ער איז געוואָרן האָפערדיק.

— אַלע קאָמיסאָרן זיינען גראָב און ברוטאַל. קיין איינער פון זיי איז נישט קיין רוס. מיר, רוסן, זיינען איצט אין אומגנאָד. אונז שפּייט מען אין פּנים אַריין און מיר שוויגן פּחדנ'יש, קנעכטיש. צו אַלדי שווארצע יאָר! — ער האָט זיך אויפגעהויבן און צוגעשפּאַנט צום פענצטער.

דאָקטאָר גרינבוים האָט נישט געקאָנט פאַרשווייגן וואָדיאַנאָיס אָפענעם ארויסרוף. אין אַזעלכע רייד שטעקן געפערלאכע זאָמען. פון זיי קאָנען אויסוואַקסן פּירות מיט סם אין זייער אינגעווייד. מיט זיינע פאַרקלערטע אויגן האָט ער געקוקט אויף וואָדיאַנאָיען, וואָס איז געשטאַנען מיטן פּנים צום פענצטער.

— באַטראַכט נאָר קיל, אפאַנאסי טראָפימאָוויטש, וואָס איר האָט

נאָר וואָס געזאָגט. קיין איין קאָמיסאַר איז נישט קיין רוס. איר ווייסט גאַנץ גוט, אַז דאָס איז זייער איבערטריבן. פונדעסטווען ווען וועלן מיר אָננעמען, אַז דאָס איז אמת: אַלֿע קאָמיסאַרן זיינען אידן. וועמענס שולד אָבער איז דאָס? דער רוס קערענסקי האָט גערעדט און גערעדט, האָט געוואָלט איינשטילן דאָס צעבושעוועטע רוסלאַנד מיט שיינע פראַזן. דעם פועל יוצא דערפון ווייסן מיר אַלֿע. דער טאָטער לענין און דער איד טראָצקי האָבן פאַרטריבן דעם באַלאַגור און גענומען באַלעבאַטעווען איבער רוסלאַנד נאָך די פאָרשריפטן פון אַ פאַנטאַסטישער טעאָריע. איז וועמענס שולד איז דאָס?

דאָקטאָר גרינבוימס קול האָט געקלונגען ווייך און שטיל, ווי א געבעט.

— ווער בעט זיי, די פרעמדע, אונז צו צייגן, ווי אַזוי איינצואָרדענען אונזער לֿעבן? מיר קאָנען זיך באַגיין אָן זיי! מירן זיך אַליין ספראַווען מיט די קערענסקיס און אַנדערע באַלאַגורן — האָט געצאָרנט וואָדיאַנאָי. ער איז געווען זייער אויפגערעגט, און זיין קול האָט זיך פאַרענדיקט מיט א הייזעריקן קוויטש.

— איר זאָלֿט מיר מוחל זיין, אפאנאסי טראָפימאָוויטש, איר רעדט דאָך ווי אַ קינד — דאָקטאָר גרינבוימס קול ציטערט קוים-קוים. — די געשיכטע פון פעלֿקער האָט זיך אירע געזעצן און קיינער בעט קיינעם נישט. קיינער האָט נישט געבעטן ניקאָלאַי דעם ערשטן, ער זאָלֿ הערשן איבער רוסלאַנד מיט דער פעלדפעבעלישער נאַגייקע, און קיינער האָט אוודאי נישט געבעטן ניקאָלאַי דעם צווייטן, ער זאָלֿ איבערגעבן דעם רודער פון דער מלוכה אין די ברודיקע הענט פון א שכורן נואף. עס הערשט דער, וואָס קומט און הערשט. קיינער האָט נישט געבעטן לענינען, ער זאָלֿ איינפירן די דיקטאַטור פונם פראָלעטאַריאַט און, איך צווייפלֿ נישט, אַז אַן אַנדער הערשער וועט נישט בעטן ביי לענינען קיין דערלויבניש איינצופירן אַן אַנדער סאָרט דיקטאַטור. עס הערשט דער, וואָס קומט און הערשט.

אין די לֿעצטע ווערטער האָט זיך געהערט דאָס שטאַרקע געקלאַנג פון אַ געבאָט.

וואָלאָך איז געזעסן, אָנגעשפאַרט דעם קאָפּ אויף דער רעכטער האַנט, און נישט געקוקט אויף קיינעם. ער האָט געהערט וואָדיאַנאָיס נישט דערזאָגטע ווערטער—מען דאַרף פאַרטיליקן אַלֿע אידן ביז צו איינעם! און מיר וועלן עס טאָן, ווען נאָר די צייט וועט קומען. וואָלאָך האָט זיך דערמאָנט אָן דעם איינדרוק, וואָס דער עולם האָט אויף

אים געמאַכט ביים ערשטן מאָלצייט אינם צוג נומער זיבן: „ער האָט פאַרבלאָנדזשעט. די בעסטע זאַך וואָלט געווען, ווען ער קאָן אַנטרונען ווערן פון דאַנען". יאָ, ס'איז קיין אַנדער אויסוועג נישטאָ. מען דאַרף זיך אַרויסרייסן פון דאַנען.

אויך שולץ האָט געשוויגן. ער האָט בשום אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין, צוליב וואָס וואַדיאַנאָי האָט זיך אַזוי צעקאָכט. געדולד, אַ ביסעלע געדולד! אייביק וועט דער המון נישט בושעווען.

וואָדיאַנאָי איז געשטאַנען ביים פענצטער מיטן פנים צום שנייאיקן דרויסן. זיין פנים — פאַרגליווערטער צאָרן. אַזוי זעט אויס א צערייצטע חיה, וואָס ווייסט, אַז זי איז מאַכטלאָז אין אייזערנעם שטייג.

ס'איז געווען שטיל. אין דער אומרואיקער שטילקייט האָט יעדער איינער געטראַכט זיינע קלאָרע און אומקלאָרע טראַכטונגען.

19

אַ פאָר וואָכן נאָך דער אינספעקציע איז אָנגעקומען א שטרענגער באַפעל פון מאָסקווע, אַז אויף יעדער באַן־סטאַנציע זאָל דער צוג נומער זיבן זיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיט די מיליטערישע אָפטיילונגען, וואָס געפינען זיך אין יענער געגנט, און אויספירן זייערע פאַראָרדענונגען, וואָס איז שייך סאַניטאַרישער טעטיקייט. אין אַלגעמיין, איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן, האָט די פאַרוואַלטונג פונם צוג זיך נאָר גערעכנט מיטן בוכשטעבלאכן אינהאַלט פון די אינסטרוקציעס, און נישט מיט זייער גייסט. האָפנטלאך, וועלן אין דער צוקונפט די אינסטרוקציעס אויסגעפירט ווערן לטובת די סאַניטאַרישע נויטן פון דער רויטער ארמיי.

מאַריע ניקאָלאַיעוונאַ האָט נישט געוואַרט אויפן באַפעל פון מאָסקווע. ס'איז פאַר איר געווען קלאָר, אַז אין דער צוקונפט וועט זי נישט קאָנען פאַרענטפערן איר גאָרנישט טאָן אויפן געביט פון דעזינפעקציע מיט אַלערליי געזעצלאכע תירוצים. אויב זי וויל נישט אריינפאַלן אין די טויבע וועגט פון טשעקאָ, מוז זי באמת ווייזן, אַז דער צוג נומער זיבן גיט זיך אָפ מיט דעזינפעקציע־אַרבעט. מאַריע ניקאָלאַיעוונא האָט געהאַט אַ קליינע באַראַטונג מיט שולצן און וואָדיאַנאָיען. (די באַראַטונג קאָן מען אָנרופן געהיימע, ווייל וואָלאָך, דער אינסטרוקטאָר פון דעזינפעקציע, האָט אין איר קיין אנטייל נישט גענומען און אַפילו נישט אָנגעהויבן צו וויסן, אַז זי קומט פאָר.) אויף דער־

דאָזיקער באַראַטונג איז באַשלאָסן געוואָרן צו דעזינפעקצירן די זעלנע-רישע מלבושים אויף יעדער באַן־סטאַנציע, גרויס צי קליין. אין דער נאָענטער צוקונפט וועט מען אויך מוזן אָנשטעלן א מעכאַניקער אויפן אָרט פונם פאַרשטאָרבענעם גוידא. אויף דער באַראַטונג האָט יעדערער געפילט, אַז דער צוג נומער זיבן טרעט אַריין אין אַ נייער פּאַזע פון זיין עקזיסטענץ. מ׳האָט דאַכט זיך גערעדט וועגן טאָג־טעגלאַכע זאַכן, ווי דעזינפעקציע, מעכאַניקער, וועלכע רופן בשום אופן נישט אַרויס קיין אויפרעגונג. אָבער הינטער די געוויינלאַכע רייד האָט זיך גע-שפּרייט אַ צווייפל, צי דער צוג נומער זיבן וועט נאָך האָבן אַזעלכע זאָרגלאָזע טעג, ווי פאַר דער אינספּעקציע.

די אינספּעקציע איז געווען דער איבערברוך־פּונקט אין דער געשיכטע פונם צוג נומער זיבן. ביז דענצמאָל האָט מאַריע ניקאָלאַ־יעוונאַ גערעכנט, אַז איר וועט געלינגען אויסצומיידן די גרויסע געפאַרן פונם בירגער קריג. אין רוסלאַנד הערשט טאַקע האַלב-הונגער, קעלט און נויט. אָבער זי וועט לעבן זאַט און וואַרעם. זי האָט דאָך נישט געצווייפלט, אַז דעניקין וועט פריער אָדער שפּעטער פאַרנעמען מאָסק־ווע און איינפירן אָרדענונג אין לאַנד. און ביז וואָס ווען וועט זי אַרומ-פאָרן איבער דער לענג און דער ברייט פון רוסלאַנד,ווי א ספּעציעלער שליח פון אַ פרעמדער מדינה, וואָס איז נישט אונטערגעוואָרפן די אַלגע־מיינע געזעצן און לעבנס-באַדינגונגען פונם לאַנד.

נאָך דער אינספּעקציע האָט זי זיך אַרומגעזען, אַז זי האָט געמאַכט א טעות. עס איז שווער צו שוועבן ערגעץ וואו אין דער לופטן. פּונקט דעמאָלט, ווען דו רעכטסט זיך אויף גאַרניט, ווערסטו אַראָפּגעשליידערט אויף דער האַרטער ערד — און אין איין אויגנבליק ווערט פון דיר אַש און שטויב. אין דער אמתן טאַקע, ווער האָט זיך גערעכט אויף דער אינספּעקציע! זי איז דאָך געקומען אַזוי אומדערוואַרטעט, ווי אַן ערדציטערניש. און ס׳האָט דאָך געקאָנט זיך אויסלאָזן זייער שלעכט, ווען נישט די וואָרענונג, אַז זי, מאַריע ניקאָלאַיעוונאַ, זאָל זיך היטן. דערצו נאָך זייגען די מלחמה-ידיעות זייער נישט קיין פריילאַכע. דע־ניקינס אַרמייען טרעטן אָפּ אויפן גאַנצן פראָנט. איז ווער ווייסט, ווי לאַנג עס וועט נאָך אָנהאַלטן דאָס באַלשעוויסטישע אָנשיקעניש. מוז מען זיך דערווייל צופּאַסן צו דער גרויערווירקלאַכקייט, אַבי זיך דורכ־שטופּן ווי ס׳איז נישט איז. אייביק וועט דאָך די באָלשעוויסטישע פּאַרזעניש נישט געוועלטיקן איבער רוסלאַנד. צו זייער אידיאָטישער

ממשלה מוז דאָך אַמאָל נעמען א סוף. אָבער דערווייל דאַרף מען זיך צופּאַסן.

וואָדיאַנאָי און וואָלאָך זיינען געווען שטאַרק פאַרנומען מיט דער דעזינפעקציע-אַרבעט. ווען וואָדיאַנאָי האָט געשפּאַנט לענגאויס די וואַגאָנען, האָט אין אים יעדער איבער גענומען אַן אנטייל אינם גאַנג. אפילו די ליולקע, וואָס איז כמעט א חלק פון זיין מויל. אַ קליינער, דער צוג דאַרף זיין גרייט יעדן טאָג אין וואָך צו דעזינפעקצירן זעלנער־רישע שינעלן. יעדעס שרייפּעלע מוז זיין שטייף פאַרדרייט, יעדער רער — אָן אַ שום פּגימה. מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז ער איז ניט קיין מעכאַניקער ביים פאַך. שוויצט ער טאַקע, איידער ער פאַרריכט אַ קליינעם בראָך.

וואָלאָך אַרבעט אויך נישט ביי זיין פאַך. ער האָט אויפגענומען די דעזינפעקציע-קורסן באין ברירה, ווייל די באָלשעוויקעס האָבן זיך זייער געגויטיקט אין אַזעלכע אינסטרוקטאָרס. כאָטש די אַרבעט איז אים נישט געווען צום האַרצן, אָבער געטאָן האָט ער זי בשלימות. ער האָט קיינעם פון די סאַניטאַרן ניט דערלויבט אַנצולאָזן שוועבל־פאַרע אין וואַגאָן. ער האָט עס אַליין געטאָן. נאָכדעם ווי דער וואַגאָן, אין וועלכן עס זיינען געווען געדיכט צעהאַנגען זעלנערישע מלבושים, איז געווען אָנגעפּילט מיט שוועבל פאַרע, איז וואָלאָך שנעל ארויס פון דאָרטן, פאַרמאַכט די טיר און אויפגעהאַנגען א שלאָס אויף איר. ער איז אָפטמאָל ארויסגעקומען פונם וואַגאָן א פאַרשוויצטער. פעט־ראָוו האָט אים געוואָרנט:

— חבר אינסטרוקטאָר, עס וואָלט נישט געשאַדט, ווען איר זייט א ביסל פאָרזיכטיק. ס׳איז נישט קיין שפּאַס איצט קראַנק צו ווערן.

וואָלאָך האָט געשמייכלט.

— ס׳איז אוממעגלאָך אַרויסצוקומען פון וואַסער א טרוקענער.

ווען וואָלאָך האָט אויפגעהאַנגען אַ שלאָס אויף דער טיר פונם וואַ־גאָן, האָט ער אַ קוק געטאָן אויפן זייגער. די זעלנערישע מלבושים דאַרפן דורכגענומען ווערן פון דער שוועבל-פאַרע אין משך פון א באַ־שטימטער צייט. נישט מער און נישט ווייניקער. צו דער מינוט איז וואָלאָך געקומען צוריק. זעלטן ווען ער האָט פאַרשפּעטיקט.

וואָדיאַנאָי און וואָלאָך זיינען געווען שטאַרק פאַרנומען, אפילו שולץ האָט זיי אָפּטמאָל אַרויסגעהאָלפן. האָט מאַריע ניקאָלאַיעוונאַ באין ברירה געמוזט באַזוכן אַלערליי סאָוועטישע אַנשטאַלטן, בכדי צו קריגן פּראָוויאַנטן און אַנדערע קליינינקייטן, אָן וועלכע דער צוג האָט

זיך נישט געקאָנט באַגיין. זי האָט נישט געוואוינט, ווי פריער, ערגעץ וואו אויף אַ הויכן באַרג, פון וועלכן זי פלעגט פון צייט צו צייט אַראָפּנידערן אין טאָל. זי האָט שוין געוואוינט אין שכנות מיט רוסלאַנד, טיר צו טיר, וואַנט צו וואַנט. אַ געצוואונגענע אַפילו, אָבער דאָך אַ שכנה׳שאַפט.

מאַריע ניקאָלאַיעווונאַ איז איצט געקומען אין באַרירונג מיטןווירקלאַכן גרויען לעבן. אין די קאַנצעלאַריעס האָט זי זיך אָנגעשטויסן אויף אַזויפיל מענטשן, ווי קיינמאָל נישט ביז אַהער. ס׳האָט אַפילו אַמאָל געטראָפן, אַז אַ קליין טירעלע האָט זיך געעפענט, און מאַריע ניקאָלאַיעווונאַ האָט דערבליקט די טאָג־טעגלאַכע זאָרגן, וואָס פאַראומערן דאָס לעבן פון די מערסטע מענטשן. אַ געניט אויג האָט געקאָנט באַמערקן, אַז מאַריע ניקאָלאַיעווונאַ איז לעצטנס שוין נישט שטאַרק מדקדק אויף איר טואַלעט. זי האָט זיך נאָך געקליידט, ווי אַ דאַמע פון דער העכערער געזעלשאַפט. פון איר הלבשה האָט זיך שוין אָבער אָפּגעטאָן יענע ריטמישע אַריסטאָקראַטישקייט, מיט וועלכער זי האָט אַזוי שטאָלצירט. זי האָט נאָך נישט געוואוסט, אַז זי איז שוין נישט מער די אויסדערווײלטע מאַריע ניקאָלאַיעווונאַ קאָבישעווא, וואָס טראָגט אויף זיך דעם חותם פון אַ יחסנ׳ישער פאַמיליע און באַלאַנגט צו אַ קרייז, וואָס האָט אַ געבוירענעם חוש פאַר הויכער גייסטיקייט. זי האָט נאָך נישט געוואוסט, אַז זי איז נישט מער, ווי בירגערין קאָבישעוואַ, וואָס מוז דערפילן איר חוב צו דער געזעלשאַפט, פונקט ווי אַלע אַנדערע בירגער און בירגערינס. און זי האָט בשום אופן נישט געקאָנט באַגרייפן, ווי אַ מאַן, אַןביידע פיס, איז מיט לייב און לעבן איבערגעגעבן זיין אַרבעט אויפן פראָנט.

אויף אַ גרויסער באַן־סטאַנציע פון דרום רוסלאַנד האָט אַ מיליטעריש געקליידטער מאַן, אָן ביידע פיס, זיך אַרומגעראַטשקעוועט פון איין קאַנצעלאַריע צו דער צווייטער, מיט דער הילף פון צוויי קלעצלאַך. זיין לענגלאַך פנים איז געווען ערנסט־כמורנע. ער האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף די אַרומיקע, מיט אַ געוויסער לייכטקייט האָט ער געפויזעט איבערן פאַרפרוירענעם טראָטואַר.

מאַריע ניקאָלאַיעווונאַ איז געווען אויסער זיך.

— סטייטש! האָט זי גע׳טענה׳ט ביים מיטאָג און איר גאַנצער קערפּער האָט געציטערט — די סאָוועטישע מאַכט קאָן נישט אוועקשיקן אַזאַ מענטשן אין אַן אינוואַלידן־אַנשטאַלט, וואו ער זאָל זיך אויסלעבן זיינע יאָרן אָן דאגות און אָן אָנשטרענגונג. ס׳איז דאָך פשוט גרויזאַם

צו צווינגען א קאַליקע צו אַרבעטן!

דאָקטאָר גרינבוים, מיט זיין באַרואיגנדן שמייכל אויף די רויט-לאַכע וואָנצעס, האָט זיך אָנגערופֿן:

— ס׳איז נישט נויטיק, מאַריע ניקאָלאַיעוונאַ, צו זען גרויזאַמ־קייט דאָרטן, וואו זי איז נישט פאַראַן. די סאָוועטישע מאַכט איז נישט אַזוי גרויזאַם, אַז זי זאָל צווינגען אַ קאַליקע צו אַרבעטן. איך בין כמעט ווי זיכער, אַז דאָס איז אַ פּאַרטיי מאַן, וואָס האָלט פאַר זיין חוב אָוועקצוגעבן זיין וויסן און ענערגיע דער רויטער אַרמיי. זיין מוט איז פּשוט צו באַוואונדערן!

מאַריע ניקאָלאַיעוונאַס פּנים איז געווען רויטלאַך פון אויפרעגונג. זי האָט אָנגעשפּאַרט איר קאָפּ אויף דער רעכטער האַנט-פּלאַך. זי האָט, דאַכט זיך, אינגאַנצן זיך נישט צוגעהערט צו דאָקטאָר גרינבוים׳ס רייד. פון צייט צו צייט האָט זי אַ מורמל געטאָן.

— ס׳איז דאָך גרויזאַם!

אויך וואָלאָך האָט געזען דעם יונגענמאַן, אָןביידע פיס, אַרומ-פויזן איבערן טראָטואַר. וואָלאָך איז אים נאָכגעגאַנגען עטלאַכע מינוט און עקשנות׳דיק געקוקט אויף אים. ער האָט זיך אַפילו גע-שעמט פאַר זיך אַליין און גערויטלט זיך עטוואָס, הלמאי ער גייט נאָך אַ קאַליקע און פאַרשאַפט אים אפשר טיפע ליידן. דעם גאַנצן וועג אַ היים, צום צוג נומער זיבן, איז וואָלאָך געווען פאַרטראַכט. ער איז געווען באַהערשט פון יענע טראַכטונגען, וואָס הייבן זיך אָן שפינען דורך עפּעס א צופאַל (דער יונגערמאַן אָן ביידע פיס) און בלאָנדזשן דערנאָך איבער ווייטע און פאַרנעפּלטע אומוועגן. פון די אומקלאָרע טראַכטונגען איז וואָלאָך געקומען צו באַוואוסטזיניקער התפעלות:

— ס׳איז נישט גרויזאַם, מאַריע ניקאָלאַיעוונא, ס׳איז צום באַ־וואונדערן! — זיינע אויגן האָבן געלויכטן ווייך און רואיק — אַ מענטש, שטעל איך מיר פאָר, האָט פאַרלוירן ביידע פיס אין דער וועלט מלחמה. קאָן אויסלעבן זיינע יאָרן אויף פענסיע אָדער טאָן גרינגע אַרבעט ער־גען וואו אין אַ קאַנצעלאַריע. ער וויל נישט קיין גרינגע אַרבעט, זאָגט זיך קאַטעגאָריש אָפּ פון דעם. ער איז נאָענט צום פראָנט, מיט א פאַר־אַנטוואָרטלאַכער שליחות. שטרענגט זיך גוואַלדיק אָן, ווייל די רע-וואָלוציע איז אין קאָן. ס׳איז נישט גרויזאַם, מאַריע ניקאָלאַיעוונאַ, ס׳איז הויך מענטשלאַך! הלוואי וואָלט איך געווען פייאיק אויף דעם!

פון דרויסן האָט ארייַנגעטריפט אַ בלוילאַך־טונקעלער שיין. ס׳איז פרי פינצטער געוואָרן. די ווינטער־טעג ווערן אַלץ קלענער און קלע־נער.

ווען די אומשטענדן האָבן געצוואונגען וואָלאָכן צו בייטן זיין באַשעפטיקונג, וואוינאָרט אָדער אָרט לעבן, האָט ער געפילט, ווי עמיצער, אַ גרויסער, אַ שטאַרקער, קעגן וועמען ס'איז נוצלאָז צו ווערן זיך, האָט אים אָנגענומען ביי דער האַנט און געהייסן אַזוי האַנדלען. ער האָט געפאָלגט, האָט קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט. ווייל ווערן זיך האָט קיין זינען נישט. דער גרויסער, שטאַרקער, וואָס האָט אַרויסגעגעבן דעם באַפעל, וועט אין איין מינוט פון אים מאַכן אַש און בלאָטע.

פלעגט אַוועקגיין אַ שטיקל צייט, וואָלאָך האָט זיך צוגעוואוינט צום נייעם וואוינאָרט, אַרט לעבן, האָט ליב געקראָגן די נייע אומגעבונג, — פלעגט זיך אויסבילדן ביי אים אַ ציל־באַוואוסטקייט. ס'איז גאָר נישט קיין שלעכטע זאַך, וואָס ער האָט געביטן זיין וואוינאָרט, אַרט לעבן. ער קריגט אַ געלעגנהייט צו באַקאָנען זיך מיט נייע מענטשן, צו שטודירן אַ נייעם לעבנס-אַרט. דאָס וועט אים ברענגען א סך נוצן. ער וועט באַרייכערן זיין לעבנס־דערפאַרונג. ס'איז באלד אויסגעקומען, אַז ער האָט געביטן זיין באַשעפטיקונג נישט ווייל ער האָט זיך נישט געקאָנט העלפן, נאָר ווייל, נאָך אַ לאַנגן ישוב הדעת, איז ער געקומען צום באַשלוס, אַז ס'האָט זיך אים געלוינט צו פאַרוואַרפן זיין אַלטע באַשעפטיקונג. ס'איז פון זיין אייגענער טובה וועגן.

אויך ביים אָנקומען אויף די קורסן פון דעזינפעקציע און דערנאָך, ווי אַ פועל יוצא דערפון, אויפן צוג נומער זיבן, — האָט וואָלאָך איבערגעלעבט דעם זעלבן געפיל - פלאָנטער. ווען א מיטגליד פון מיליטערישן קאָמיסאַריאַט האָט דערקלערט א גרופע סטודענטן פונם וויסנשאפטלאכן פאַקולטעט, אַז ס'איז זייער חוב אריינצוטרעטן אויף די קורסן פון דעזינפעקציע כדי שפעטער צו ברענגען נוצן דעם רויטן פראָנט, — האָט זיך וואָלאָכן דעמאָלט אויסגעדאַכט, אַז ניט א סימפאַטישער מענטש, מיט אַ ווייכן גלאַנץ אין די טונקעלע אויגן, רעדט צו זיי, — נאָר אַז אַ מאָדנע באַשעפעניש, וואָס באַזיצט אן אומגעהויער גרויסע קראַפט, גיט באַפעלן, און ער, באַגלייך מיט אַנדערע סטודענטן, האָט קיין אַנדער ברירה נישט, ווי נאָר אויסצופאָלגן די באַפעלן, אויב ער וויל נישט צעטראָטן ווערן ווי אַ מערעשקע. ער האָט קיין חשק נישט געהאַט צו פארלאָזן דעם וויסנשאפטלאכן פאקולטעט און אריינטרעטן אויף די קורסן פון דעזינפעקציע, פון וועלכע ער האָט

קיין שום אנונג נישט געהאַט. ער האָט זיך אונטערגעגעבן. דריי חדשים צייט האָט ער באַזוכט טאָג איין טאָג אויס די דאָזיקע קורסן. ער האָט זיך באַמיט פאַרנאַנדערצוקלייבן זיך אין געגנשטאַנדן, וועלכע זיינען אים געווען לחלוטין פרעמד און וועלכע ער וועט געוויס פאַר־געסן, ווי נאָר די אומרואיקע צייט וועט פאַראיבער. נאָכדעם ווי ער האָט געענדיקט די קורסן פון דעזינפעקציע, האָט ער געקראָגן א צווייטן באַפעל — אריינצוטרעטן אַלס אינסטרוקטאָר פון דעזינפעקציע אין צוג נומער זיבן, וואָס פאָרט אָפּ אינגיכן אויפן דרום פראָנט. אויך דאָס מאָל האָט ער געפאָלגט. אַ גרויסער, אַ שטאַרקער, קעגן וועמען ס׳איז אוממעגלאך צו ווערן זיך, האָט אים געהייסן עפּעס טאָן, — טוט ער.

ס׳איז פאַריבער אַ שטיקל צייט, וואָלאָך האָט זיך צוגעפּאַסט צום אַרט לעבן אויפן צוג נומער זיבן. ער האָט זיך איינגעלעבט מיט די העכערע באַאַמטע, האָט זיך צונויפגערעדט מיט די סאַניטאַרן, האָט אויף די באַן־סטאַנציעס געטראָפן זיך מיט אַלץ נייע מענטשן, האָט גע־האַט די מעגלאַכקייט צו באַזוכן אַלע ווייַלע נייע שטעט, געגנטן, האָט געזעטיקט דאָס אויג מיט פאַרשידנאַרליי לאַנדשאַפטן, — האָט ליב געקראָגן די נייע אומגעבונג. ס׳האָט זיך געלוינט צו פאַרבייטן די איינזאַמע צימערן פון מאָסקווער אוניווערסיטעט אויף אַ נע־ונד׳נעם לעבן פון אן אַרומפאָרער. ער טרעפט זיך פּנים אל פּנים מיטן רו־סישן מענטשן, ער הערט זיך צו צו זיינע רייד, ער קוקט זיך צו צו זיינע מנהגים. ער באַקאַנט זיך מיט רוסלאַנד.

וואָלאָך האָט זיך אויפגעהאָדעוועט ביז זיין פופצנטן יאָר אין אַ קליין שטעטל פון אוקראַאינע, און דערנאָך געוואַלגערט זיך אין גרעסע־רע שטעט מיט אַ היפשער אידישער באַפעלקערונג, — וואָלאָך האָט לחלוטין נישט געקאָנט רוסלאַנד. זיין פאַרשטעלונג וועגן רוסישע מענטשן האָט ער געקראָגן אין די ביכער פון די גרויסע רוסישע שריי־בער. מיטן רוסישן מענטשן איז ער קיינמאָל נישט געקומען אין נאָ־ענטער באַרירונג. איצט האָט ער די בעסטע געלעגנהייט צו באַקאַנען זיך נאָענט מיטן רוסישן מענטשן. הייַנט דער גליקלאַכער צופאַל, וואָס אין צוג נומער זיבן לעבן אונטער איין דאַך פאַרשטייער פון עטלאַכע בירגערלאַכע שיכטן — דער אינטעליגענט, דער פויער, דער באַאַמטער, דער באַדינער. ער וועט האָבן די בעסטע מעגלאַכקייט אריינצובליקן אין זייער אַרט־דענקען, צוקוקן זיך צו זייער אַרט־לעבן, צוהערן זיך צו פאַרשידנאַרליי ענטפערס אויף אַנגעווייטיקטע פּראָבלעמען. דאָס אַלץ

וועט דאָך זיין פאַר אים אַ גרויס געווינס, פון וועלכן ער חלומ׳ט שוין אַזוי לאַנג. ער וועט זיך באַקאַנען מיט דערווירקלאַכער רוסלאַנד.

אַזוי, אָדער אומגעפער אַזוי, האָט געקלערט וואָלאָך אין די מאָ-מענטן, ווען ער האָט געפּרואווט אָפּגעבן זיך א דין וחשבון און קלאָר מאַכן פאַר זיך אַליין זיין באַציאונג צו אַלעמען, וואָס רינגלט אים אַרום. און דאָס פלעגט טרעפן נישט זעלטן. ער האָט ליב געהאַט פון צייט צו צייט אַרומצואוואַנדערן איבער די פאַרדרייטע וועגן פון אַ פאַרוואָר־פענעם ישוב, ווי די וועגן אין אַזעלכע ערטער פאַרקירעווען זיך אין אַן אומגעריכטער ריכטונג, אַזוי האָבן זיך זיינע געדאַנקען געפּלאָנטערט ווי אין אַ לאַבירינט. אין מיטן דערינען פלעגט ער זיך אָפּשטעלן מיט ברייט צעעפנטע אויגן באַטראַכט דעם געגנט, באַקוקט אים לאַנג און אויפמערקזאַם, ווי עס וואָלט געווען אַ שאָד צו פאַרגעסן, אַז אויף דער לינקער זייט זיינען צעוואָרפן עטלאַכע שטרויענע שטיבלאַך, אויף דער רעכטער זייט גראָט זיך אַ קליין בערעזעווע וועלדל און דאָרטן, אויפן האָריזאָנט, שלעפּט זיך אַ פויערישער פערד און שליטן. ווען עמיצער וואָלט געפרעגט וואָלאָכן, צוליב וואָס ער באַטראַכט אַזוי אויפ-מערקזאַם די אַלע קלייניקייטן, ווען שפּעטער מיט א פאַר טעג אָדער וואָכן, וועט ער לחלוטין פאַרגעסן אָן זיי, ווי ער וואָלט זיי אין זיין לעבן קיינמאָל נישט געזען, — וואָלט ער מסתמא געענטפערט:

— די לאַנדשאַפט דאָ איז אויסערגעוויינלאַך אינטערעסאַנט!

ער האָט דאָס אַלץ געטאָן, ווייל עס האָט זיך אין אים דערוועקט אַ נישט-געשטילטער דאָרשט צו באַקאַנען זיך מיט נייע מענטשן, שטעט, לאַנדשאַפטן. אַלעמאָל עפּעס אַנדערש. אַזוינס, וואָס ער האָט נאָך ביז אַהער נישט געזען.

ער איז צופרידן, וואָס ער האָט פאַרלאָזן מאָסקווע און געגומען אַרומפאָרן איבער רוסלאַנד. ער וועט אין אַ קורצער צייט קריגן אַזוי־פיל לעבנס-דערפאַרונג, וואָס עס וואָלט געקלעקט פאַר א סך יאָרן, ווען ער וואָלט געוואוינט אויף איין אָרט. די פאַרביטערונג, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט ביי אים פון די געשפּרעכן און קורצע דעבאַטעס מיט וואָ־דיאַנאָיען און פּראָפעסאָר קאָזלאָוו, איז אויף די שפּאַצירן אויסגערונען. לעם אַ קליין טייכל אָדער אַן אַלטן זומער־ביידל האָט ער פאַרגעסן אָן די אַלע קריוודעס. די באַאַמטע פונם צוג נומער זיבן זיינען ניט געווען זיינע פאַרביסענע קעגנער, וואָס וואָלטן אים דערטרונקען אין א לעפל וואַסער, נאָר אינטערעסאַנטע באַאַנטע, מיט וועמען ס׳איז כדאי צו

פֿאַרפֿירן אַ געשפּרעך וועגן געוויסע פּראָבלעמען און זיך צוהערן צו זייערע אויפֿריכטיקע מיינונגען.

נאָך דער אינספּעקציע האָט זיך אַלץ געביטן, ווי עמיצער וואָלט מיט אַמאָל אָראָפּגעריסן דעם שלייער, וואָס האָט אַלץ צוגעדעקט. נאָך דעם, וואָס ער האָט געהערט פֿון מאַריע ניקאָלאַיעוונאַ — אַ רוס וואָלט זיך אַזוי נישט צעקאָכט — און פֿון וואָדיאַנאָיען די צאָרנדיקע ווערטער — ווער בעט זיי, די פֿרעמדע, אונדז צו ציינגן, ווי אַזוי איינצואָרדענען אונזער לעבן. מיר קאָנען זיך באַגיין אָן זיי! — נאָך דעם אַלעמען איז פֿאַר אים קלאָר געוואָרן אַ סך, וואָס איז ביז אַהער געווען פֿאַרהוילן. ער האָט געזען, אַז די געבילדעטע מאַריע ניקאָלאַיעוונאַ איז גרייט צו באַשולדיקן דעם קאָמיסאַר, וואָס איז אפשר אַ איד, אין יעדער געמיינהייט נאָר דערפֿאַר, ווייל ס׳האָט אים שטאַרק פֿאַרדראָסן, וואָס זי האָט נישט דערפֿילט איר חוב צו דער רויטער אַרמיי. וואָדיאַנאָי גייט אַ סך, אַ סך ווייטער. ער איז גרייט עוקר מן השרש זיין אַלע אידן, ווייל אַ קליינער טייל פֿון דער אידישער באַפֿעלקערונג האָט אַנטייל גענומען אין דער אָקטאָבער רעוואָלוציע. וואָדיאַנאָיס צאָרנדיק פּנים ווען ער, דאַכט זיך, קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן. וואָלפֿישע רציחה האָט געשפּראָצט פֿון אים, אין זיינע גרינלאַכע אויגן האָט געברענט האַס און דאָרשט נאָך צע־שטערונג. און פּראָפֿעסאָר קאָזלאָוו? ביי דעם דאָזיקן נאָמען האָט אַ שמייכל געקרימט זיך אויף וואָלאָכס דינע ליפּן. דער הויכגעבילדעטער פּראָפֿעסאָר האָט געשוויגן. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, אַריינ־געדרוקט די פֿינגער פֿון דער לינקער האַנט אין זיין געדיכטן קאָפּ האָר — און געשוויגן. ס׳האָט געהייסן — אין וואָדיאַנאָיס רייד איז דאָ אַ סך אמת. ווער בעט זיי טאַקע, די אידן, זיי זאָלן זיך מישן אין אונזערע געשעפֿטן. זאָלן זיי אונדז צורו לאָזן!

יענע פֿעטלורישע אָפֿיצערן, וואָס האָבן אָנגעפֿירט מיט די פּאָג־ראָמען אין אוקראַאינע, האָט וואָלאָך פּערזענלאַך נישט געקאָנט. ער האָט געוואוסט, אַז עס זיינען געווען אַזוינע אין די צענדליקער, אין די הונדערטער. איצט קאָן ער זיי. אייניקע, פֿון וואָדיאַנאָיס שניט, האָבן פּערזענלאַך אָנגעפֿירט מיט די פּאָגראָמען, ווייל „אַלע אידן זיי־נען באָלשעוויקעס, מען דאַרף זיי אויסקוילן ביז צו איינעם.״ אַנדערע, ווי פּראָפֿעסאָר קאָזלאָוו, האָבן זיך נישט פֿאַרשמוציקט די הענט מיט אַזעלכע מעשים. זיי האָבן געשוויגן, זיי וויסן פֿון גאָרנישט. די שוואַרצע אַרבעט האָבן זיי איבערגעלאָזט פֿאַר די וואָדיאַנאָיס און אַליין באַרעכטיקט זי מיט זייער שווייגן.

ווען דאָס אַלץ איז קלאָר געוואָרן וואַלאַכן, האָט ער אויסגעמיטן ווי ווייט מעגלאַך אַריינצולאָזן זיך אין ויכוחים מיט די באַאַמטע פונם צוג. ער שפּאַצירט אָפּטער ווי פריער אויף די שמאָלע וועגן, וואָס פירן פון אַ קליינער באַן־סטאַנציע אין אַ דערבייאיקן ישוב. נישט איין פויער צלמט זיך איבער, אַ פאַר׳חידוש׳טער, ווען ער באַגעגנט וואַלאַכ׳ן, אַ שפּאַצירנדיקן איבער די פאַרוואָרפענע וועגן.

—א יונגער סטודענט אין אַ לאַנגן גראָען שינעל. שפּאַנט זיך ברייט־לאַך איבערן שמאָלן וועג, ווי אין די פאַר׳מלחמה׳דיקע צייטן. עפּעס שטעקט אין דעם. ווי נאָר ער קומט אַהיים, לאָזט ער תיכף וויסן וועגן דעם זיינע שכנים. קאָן זיין, א נייער וויכטיקער אוקאַז. עפּעס שטעקט אין דעם.

וואַלאַך האָט אָפּגעמאַכט ביי זיך צו פאַרלאָזן דעם צוג נומער זיבן ביי דער ערשטער געלעגנהייט. ער וועט זיין אויף דער וואַך. ווי נאָר עס וועט זיך עפענען אַ קליין שפּעלטעלע, וועט ער זיך שוין דורכ־שטופּן און אַנטלויפן פון דאַנען. צו דעם־אַ באַשלוס איז ער געקומען נאָך לאַנגע אַרומבלאַנדזשענישן איבער די שמאָלע דאָרפישע וועגן.

21

איין זאַך טאָר ער, וואַלאַך, נישט פאַרפעלן צו טאָן, איידער ער פאַרלאָזט דעם צוג נומער זיבן. ער מוז זיך דורכשמועסן מיט דאָק־טאָר גרינבוים. א שמועס אונטער פיר אויגן, פון האַרץ צו האַרץ. פאַר דער אינספּעקציע האָט וואַלאַך גאָר נישט געצאַרט נאָך אַזאַ גע־שפּרעך. דאָקטאָר גרינבוים איז א סך עלטער פון אים, האָט געקראָגן אַן אַנדער דערציאונג, איז אויפגעוואַקסן אין אַן אַנדער סביבה, איז מסתמא נישט באַקאַנט מיטן אידישן לעבן, האָט אַנדערע פּאָליטישע אַנשויאונגען, — וואַלאַך האָט מיט אים קיין שום געמיינשאַפטלאַכעס נישט. ער האָט זיך נישט גע׳חידוש׳ט, וואָס פּראָפעסאָר קאָזלאָוו און דאָקטאָר גרינבוים זיינען נאָענטע פריינד. זייער קולטור, שטייגער לעבן, פּאָליטישע אנשויאונגען — כמעט איינס און דאָס זעלבע. ער און דאָקטאָר גרינבוים זיינען זיך לחלוטין פרעמדע מענטשן. מאָלע וואָס ביידע זיינען אידן. דאָס מיינט זייער ווייניק.

נאָכן לעצטן ווערטער־קאַמף צווישן וואַדיאַנאָיען און דאָקטאָר גרינבוים, איז ער אים געוואָרן אסך נעענטער. וואַלאַך קאָן נישט פאַר־געסן דאָקטאָר גרינבוים׳ס באַמערקונג: עס הערשט דער, וואָס קומט

און הערשט. עס הייסט מיט אַנדערע ווערטער — כניקעט נישט, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן פאַרכאַפּט די מאַכט. איר זייט טויגעניכצן. איר האָט נישט געקאָנט אָנהאַלטן די מאַכט, ווען זי איז געווען ביי אייך אין די הענט. וואָס זשע האָט איר טענות צו די באָלשעוויקעס, פאַרוואָס זיי האָבן זי אַרויסגעכאַפּט פון אייערע שוואַכע הענט. ווען נישט די באָלשעוויקעס, וואָלט עמיצער אַנדערש זי געווען אַרויסגעריסן פון אייערע שלאַבערדיקע הענט. דערצו נאָך, זייט איר גרויסע פּחדנים, לאָ די וואָס איר גיט נישט צו, אַז איר זייט געווען שוואַך, וואַרפט איר נאָך די שולד פאַר אייער מפּלה אויף עמיצן אַנדערש. גאָלדענע ווערטער.

וואָלאָך האָט ממש געלעכצט צו האָבן אַ געשפּרעך מיט אים אונטער פיר אויגן. איז אָבער די צרה, וואָס פּראָפעסאָר קאָזלאָוו און דאָקטאָר גרינבוים וואוינען אין איין קופּע. איז דערפאַר שווער צו טרעפן דאָקטאָר גרינבוים אַליין. וואָלאָך האָט אים אָבער שוין נישט אַרויסגעלאָזט פון אויג. איינמאָל איז פּראָפעסאָר קאָזלאָוו און מאַריע ניקאָלאַיעווּנאַ אָוועקגעגאַנגען אין שטאָט אַריין. דאָקטאָר גרינבוים איז געבליבן אַליין אין קופּע. וואָלאָך האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר, איז אַריינגעגאַנגען. דאָקטאָר גרינבוים איז האַלב געלעגן אויף דער קושעטקע. און געלייענט אַ בוך וועגן דער סמוטנער צייט.

— פאַרוואָס לייענט איר נישט עפּעס וועגן דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, וועלכע איז דורכגעגאַנגען כמעט די זעלבע געפאַרן, וואָס די רוסישע? פאַרוואָס גראַדע, ווי איך האָב שוין באַמערקט עטלאַכע מאָל, זענט איר אַזוי פאַרקאַכט אין דער סמוטנער צייט? — האָט וואָלאָך אַ פרעג געטאָן.

דאָקטאָר גרינבוים האָט זיך אויפגעזעצט, אויסגעגלייכט זיך. דער שמייכל האָט זיך אָפּגעטאָן פון זיינע רויטלאַכע וואָנצעס.

— ווייל איך רעכן, אַז איצט, ווי אין דער סמוטנער צייט, איז דער הויפּט שטרייט צווישן די גוטבאַזיצער און די פּויערים. די פּויערים ווילן די ערד פאַר זיך און די גוטבאַזיצער ווילן זי נישט אַרויסלאָזן פון זייערע הענט. צווישן די דאָזיקע צוויי צדדים קאָן קיין שלום נישט זיין. איין צד מוז פאַלן אין קאַמף. אין דער סמוטנער צייט האָט דער פּויער פאַרשפּילט. און ביז נישט לאַנג צוריק האָט די ערד באַלאַנגט צו די גוטבאַזיצער. אַלעקסאַנדער דער צווייטער מיט זיינע רעפאָרמען האָט נאָר אָפּגעשטופּט דעם קאַמף. עס איז שווער פאַראויסצוזאָגן, ווער עס וועט געווינען אינם דאָזיקן געראַנגל. מעגלאַך, אַז אויך איצט זאָל סוף כל סוף זיגן דער גוטבאַזיצער.

שוין ביי דאָקטאָר גרינבוימס ערשטע ווערטער האָט וואָלאָך דער־פילט, אַז ער האָט געטראָפן אין פּינטל. „דאָ רעדט ער גאָר אַנדערש, ווי אין עס־וואַגאָן. אַן אַנדער מענטש גאָר. אַ שאָד, וואָס ער האָט ביז אַהער נישט געזוכט קיין נעענטערע באַקאַנטשאַפט מיט אים. אָבער ווי פאַלש ער טייטשט אויס די אָקטאָבער רעוואָלוציע! ער קוקט אויף די איצטיקע געשעענישן מיט די אויגן פון אַ מענטשן, וואָס האָט געלעבט מיט דריי הונדערט יאָר צוריק". וואָלאָכס נאָזלעכער האָבן זיך געבלעזלט, און זיין רעכטער פוס האָט געציטערט. ער איז געווען אומגעדולדיק.

— און דער אַרבעטער קלאַס האָט שוין גאָרנישט וואָס צו זאָגן אינם דאָזיקן קאַמף? נאָך אייערע רייד נאָך קומט גאָר אויס, אַז דער שטרייט קומט פאָר נאָר צווישן די פּויערים און די פּריצים, ווי מיט דריי הונדערט יאָר צוריק. אַ קינד אין וויג ווייסט דאָך, אַז דער אַרבעטער קלאַס איז דער אַוואַנגאַרד פון דער איצטיקער רעוואָלוציע. דער אַרבעטער קלאַס איז געווען דער אַוואַנגראַד אין דער פעווראַל רעוואָלוציע און איז עס איצט אוודאי און אוודאי!

— אָט דאָס איז טאַקע די צרה, וואָס דער אַרבעטער קלאַס, ווי אַ פינפטער ראָד אין וואָגן, פאַרהאַלט גאָר דעם גאַנג פון דער רעוואָלוציע און נישט ער שטופּט זי פאָראויס, ווי עס דאַכט זיך אויס. אָן דעם אריינמישן זיך פונם אַרבעטער קלאַס, וואָלט די רוסישע רעוואָלוציע, אַ ריין פּויערישע, געהאַט די בעסטע שאַנסן צו געווינען. ווייל דער פּריצישער קלאַס איז זייער אָפּגעשוואַכט. און דער סוחר'ישער קלאַס וועט נישט פאַרגיסן קיין איין טרער, אויב די פּריצים און די גענעראַלן וועלן פאַרלירן זייערע מאַיאָנטקעס. פאַרקערט, זיי וועלן זיין צופרידן דערפון. אַ פלאָנטער אין די אידעאישע צילן פון אַ רעוואָלוציע שטערט דער רעוואָלוציע צו דערגרייכן איר הויפּט ציל. איך האָב שטאַרק מורא, אַז דאָס, וואָס דער אַרבעטער קלאַס איז דער אַוואַנגאַרד פון דער פּויערישער רעוואָלוציע, וועט פירן דערצו, אַז די רעוואָלוציע וועט סוף כל סוף פאַרשפּילט ווערן.

— הייסט עס, האָט וואָלאָך אַ שמייכל געטאָן — האָב איך אַנטדעקט אין אייך אַן עס־ער. איך האָב גאָר נישט אָנגעהויבן צו וויסן!

— איר ווייסט איצט אויך נישט — האָט דאָקטאָר גרינבוים אים באַלד אָפּגעענטפערט — איך האָב קיינמאָל נישט באַלאַנגט און באַלאַנג איצט אויך נישט צו קיין שום פאַרטיי. דערפאַר טאַקע שאַץ איך אָפּ די לאַגע אומפּאַרטייאיש. אַגב, וועל איך אייך שוין זאָגן, אַז נאָך

מיין מיינונג דאַרפן מיר זיך נישט מישן אין זייערע ענינים. מיר טאָרן נישט באַלאַנגען צו זייערע פּאַרטייען, מיר דאַרפן זיין נייטראַל.
וואָלאָך האָט זיך צעלאַכט הויך אויפן קול:

— פון אייך, אַ געבילדעטן וועלטלאכן מענטשן, האָב איך דאָס נישט דערוואַרט. איך מיין עס גאַנץ ערנסט. איר טענה׳ט דאָך דאָס זעלבע, וואָס מיין טאַטע, דער אַלטמאָדישער פרומער איד: זאָלן זיי זיך שלאָגן קאָפּ אין דער וואַנט, די פּאַניאַקעס. נישט אונזער עסק.

— נישט דאָס, נאָר עפּעס אַנדערש טענה איך — האָט דאָקטאָר גרינבוים זיך אויפגעהויבן פון זיין פּלאַץ און אַ שפּאַן געטאָן איבערן קופּע — מיר וואָלטן באַדאַרפט איבערצייגן ביידע צדדים מיט טאַט און מיט ראַט, אַז מיר מישן זיך נישט, מיר שטייען אָן אַ זייט און נעמען נישט קיין אַנטייל אין זייערע שטרייטן. דאָרטן, וואו עס קעמפן צווישן זיך קרוב צו צוויי הונדערט מיליאָן מענטשן, וועלן מיר, אַ הייפעלע אידן, צעשטויבט ווערן איידער וואָס ווען. איך נאָר זיך נישט אין חשבון. איך ווייס, אַז, בלייבנדיק נייטראַל, וועלן מיר סיי ווי ברענגען קרבנות. אָבער פיל קלענערע, ווי איצט. און דער קאַמף האָט זיך נאָך נישט פאַרענדיקט, ער הייבט זיך ערשט אָן, קאָן זיין, ווער ווייסט, ווי גרויס עס וועט זיין די צאָל פון אונזערע קדושים.

— אין כמעלניצקיס צייטן האָבן מיר נישט געקעמפט אין זייערע רייען און דאָך זייער טייער באַצאָלט. וואָס זשע קומט אַרויס פון אייער נייטראַליטעט? — האָט געהיצט זיך וואָלאָך.

— איך האָב פאַראויסגעזען אייערע אַרגומענטן, אַבראַם מאָיסייעוויטש. אין כמעלניצקיס צייטן זיינען מיר אויך געווען אַ צד אין דער משפּחה. מיר האָבן באַלאַנגט צום פּוילישן, פּריצישן צד. נישט צום פּראָלעטאַרישן, ווי היינט. ווי איר זעט, זיינען מיר, אידן, נישט תמיד אויפן צד פון די אונטערדריקטע. איך ווייס אויך, אַז איר וועט ברענגען אַנדערע ראיות, כדי צו באַווייזן מיר, ווי לעכערלאַך מיין עצה איז. אָבער גיט נאָר אַ טראַכט, צי עס וואָלט זיך נישט געלוינט צו פּאַרבלייבן נייטראַל. איך גלויב, אַז עס וואָלט געלונגען מציל צו זיין אַ גרויסע צאָל נפשות.

וואָלאָך האָט א ווײַלע געשוויגן, אזוי מאָדנע האָט אים אויסגעזען דער דאָזיקער פּלאַן. דאָקטאָר גרינבוים האָט זיך צוגעזעצט.

— האָט איר א טראַכט געטאָן, יעפים סאָלאָמאָנאָוויטש, האָט וואָלאָך אָנגעהויבן שטיל און פּאַמעלאַך — אַז טעאָרעטיש לאָזט זיך נאָך ריידן וועגן אייער פּלאַן, אָבער אַז פּראַקטיש איז עס אַ

ריינע אוטאָפּיע. ער איז פּשוט אומדורכפירבאַר. ווי איך פאַר־שטיי, אינטערעסירט אייך אויך נאָר די פּראַקטישע זייט פון אייער פּלאַן. דאָס אידישע פאָלק, ווי קליין עס איז נישט אין צאָל, איז דאָך ארייננגעוועבט מיט טויזנטער פעדים אין עקאָנאָמישן געבוי פון אַנדערע פעלקער. איר קאָנט נישט ארויסציען איינצעלנע פעדים פון א געוועב אַזוי לייכט, ווי עס דאַכט זיך אייך אויס. אין די מייסטע פאַלן וועלן זיך די פעדים איבעררייסן. באַזונדערס שווער איז דאָס אין אַ רעוואָלוציאָנערער צייט. ווי קאָנט איר גאָר טרוי־מען, אַז אַ שטורם-ווינט זאָל אויסמיידן דאָס קליינע שטיבעלע, וואָס שטייט אים אין וועג צוזאַמען מיט אַנדערע הייזער. ס'איז דאָך אוממעגלאך אפילו צו טראַכטן וועגן דעם. אייער פּלאַן איז פונם פּראַקטישן שטאַנדפונקט אַבסאָלוט אומדורכפירבאַר.

ס'איז געוואָרן פינצטער אין קופּע. דער אָוונט האָט זיך אָנגע־רוקט און דעם לאָמפּ האָט מען נישט אָנגעצונדן. נאָך א שטיק צייט אין אָוונט איז אָנגעגאַנגען דער געשפּרעך צווישן וואָלאָכן און דאָקטאָר גרינבוים.

22

דער ווינטער האָט זיך איינגעשטעלט אַ קאַלטער. דער צו־געפרוירענער שניי האָט זיך טיף איינגעגראָבן אין דער ערד. די טעג זיינען געווען זוניקע, ליכטיקע. א געזונטע מונטערקייט האָט געאָטעמט פון די זוניק-בלענדנדיקע פעלדער.

— די זון פאַרגייט זייער אַ רויטע, מאָרגן וועט עס זיין אַ פראָסט, נאָך שטאַרקער פון היינטיקן — באַמערקט פּעטראָוו.

אָלגאַ גיט אויך אַ קוק אויף דער פאַרגייענדיקער זון. זי איז מסכים מיט פּעטראָוון.

— אַ פראָסט וועט עס זיין מאָרגן, אַז אין די אויערן וועט אַזש צופּן!

מ'איז גראָדע צופרידן, וואָס דער פראָסט וועט זיין אַ ברענענדיקער. ווייל וואָס שטאַרקער דער פראָסט וועט זיין, אַלץ שטייפער וועט ער איינצוימען די טיפוס עפּידעמיע. ס'איז שוין פון לאַנג באַוואוסט, אַז דער טיפוס און דער פראָסט האָבן זיך נישט ליב איינער דעם אַנ־דערן און לעבן נישט בשלום אין נאָענטער שכנה'שאַפט. ווערט דער פראָסט א תושב אין א געגנט, וואו דער טיפוס האָט זיך צעפירט די

הענט, מוז ער, דער טיפוס, פאַרקריכן אין די ווייטסטע ווינקעלאַך. דאָס מאָל אָבער איז דער טיפוס געווען זייער תקיפדיק ביי זיך. דער פראָסט האָט געברענט און דער טיפוס איז זיך ארומגעגאַנגען פראַנק און פריי.

פראָפעסאָר קאָזלאָוו האָט אפילו באמערקט:

— ווען עס וואָלט נישט געברענט אַזאַ שטאַרקע קעלט, וואָלט די עפידעמיע געווען נאָך שרעקלאַכער.

וואַדיאַנאָי האָט זיך אָנגערופן:

— עס פאַלן אַזוי אויך מענטשן ווי פליגן!

אויפן צוג נומער זיבן איז דער צווייטער, וואָס איז קראַנק געוואָרן אויף טיפוס, געווען גאָלוביאָוו. זיין קראַנקהייט — אַזוי צאַנקט אַ גראַשנדיק ליכטל אין אַ ווינקל פון אַ העל־באַלויכטענעם צימער. איינמאָל צו וועטשערע איז ער נישט אַראָפּגעקראָכן פון זיין בעטל.

— גאָלוביאָוו, קום אַראָפּ, די טיי ווערט קאַלט.

גאָלוביאָוו האָט נישט געענטפערט און איז געבליבן ליגן אויף זיין געלעגער. קיינעם האָט דאָס נישט געוואונדערט, ווייל עס פלעגט נישט איינמאָל טרעפן, אַז ער האָט פאַרפעלט א וועטשערע. „צוליב די קליינע וועטשערע געריכטן איז נישט כדאי צופיל זיך אָנצושטרענגען.. קריך אַראָפּ פונם בעטל און דערנאָך דראַפּע זיך צוריק אַרויף. עט, ער וועט שוין אַזוי ליגן ביז אינדערפרי”.

ווען גאָלוביאָווס פּלאַץ איז געבליבן ליידיק אויך דעם אַנדערן אינדערפרי, צום איבערבייסן, האָט פּעטראָוו א וויש געטאָן זיינע געלע קרומלאַכע וואָנצעס און שטיל אַ זאָג געטאָן:

— כ' האָב מורא, אַז ער איז שוין קאַפּוט.

אַלעמענס אויגן זיינען געווען געווענדט צום ליידיקן פּלאַץ, וואו עס זיצט געוויינלאַך גאָלוביאָוו. פּעטראָוו, לעבן וועמען גאָלוביאָוו זיצט שטענדיק, האָט אַ היקע געטאָן און זיך אָפּגערוקט ביז צום עק באַנק, גלייך ווי גאָלוביאָוו וואָלט געזעסן לעם אים און איז קראַנקער־הייט געוואָרן אַ ברייטער, אַ גרויסער, פאַרנעמט צופיל פּלאַץ, דאַרף מען זיך א ביסל אָפּרוקן.

ביים איבערבייסן, אין עס־צימער, האָט פּיאָטר געזאָגט צו מאַריע ניקאָלאַיעוונאַ:

— גאָלוביאָוו איז, ווייזט אויס, נישט געזונט. ער האָט קיין וועטשערע און קיין פרישטיק נישט געגעסן.

פּיאָטר האָט, דאַכט זיך, דערציילט מאַריע ניקאָלאַיעוונאַן וועגן

עפעס אַ קלייניקייט. א סאַניטאַר, מיטן נאָמען גאָלוביאָוו, איז נישט מיט אַלעמען. אין די פּשוטע געוויינלאַכע ווערטער איז אָבער געלעגן אַ באַהאַלטענער מיין — גאָלוביאָוו איז קראַנק אויף פלעקן־טיפוס און וועט מסתמא שטאַרבן. ערשט נישט לאַנג צוריק איז געשטאָרבן גווידא, אַט באַלד וועט גיין א קאָן גאָלוביאָוו. ועמנס אַטשערעד וועט שפּעטער זיין?

מאַריע ניקאָלאַיעוונאַ האָט באַגריפן דעם באַהאַלטענעם מיין פון פּיאָטרס רייד.

—איך וועל באַלד אריינקומען, פּיאָטר.

איר קול האָט זיך ווי אין עפּעס פאַרטשעפּעט און אַרויסגעקומען מיט אַ כריפּ.

ווען פּראָפעסאָר קאָזלאָוו און דאָקטאָר גרינבוים, אָנגעטאָנענע אין שפּאָגל־ביַיע ווייסע כאַלאַטן, האָבן זיך אַריינגעשטעלט אין סאַניטאַרן־וואַגאָן, איז געוואָרן אויסערגעוויינלאַך שטיל. איבער אָלגאַס באַקן זיי־נען גערונען שטילע טרערן. קסעניא האָט זיך אַלע ווײַלע געשנייצט די נאָז. פון פּיאָטרס פּנים האָט זיך אָפּגעטאָן דער שמייכל און א זויערע מינע האָט אַראָפּגעקוקט פון אים. אפילו פּעטראָוו האָט אנגע־וואוירן זיין באַריידעוודיקייט, וואָס קוואַלט תּמיד אַרויס פון אים אין אַ וועזנהייט פון נאַטשאַלסטוואָ. אָן אן אויפהער האָט ער געמאַכט: הי, הי! ווי עמיצער וואָלט אַלע ווײַלע אים אַ כאַפּ געטאָן ביים גאָרגל.

דאָס באַטראַכטן דעם חולה האָט זיך געצויגן אַן א סוף און אָן אָן עק, אַזוי האָט זיך אויסגעוויזן דעם עולם. אין דער אמת׳ן האָט עס גענו־מען גאָרנישט לאַנג און פּראָפעסאָר קאָזלאָוו מיט דאָקטאָר גרינבוים האָבן פאַרלאָזן דעם סאַניטאַרן־וואַגאָן, נישט אַרויסריידנדיק קיין וואָרט. זייער שווייגן האָט געשריען הויך אויפן קול — גאָלוביאָוו איז קראַנק אויף פלעקן־טיפוס!

אויף אַ ווײַלע איז דער עולם געבליבן שטיין, נישט גערירט זיך פון אָרט, ווי ער וואָלט זיך אָנגעשטרענגט צו דערהערן די נישט־אַרויס־גערעדטע ווערטער — גאָלוביאָוו איז קראַנק! דערנאָך האָבן זיך אַלע דריי, פּיאָטר, קסעניא און אָלגאַ, איינציקווייז אַרויסגערוקט פונם סאַניטאַרן־וואַגאָן. זיי זיינען דאָך פאַרנומענע מענטשן! פּיאָטר מוז אויפראַמען דאָס עס־צימער, אָלגאַ קאָן דאָך ווידער נישט איבערלאָזן די קיך אויף הפקר, און קסעניא האָט תּמיד אַרבעט ביז איבערן קאָפּ. ס׳איז נישט קיין קלייניקייט צו זיין א וועשערין פאַר א גאַנצן צוג! נאָר איין פּעטראָוו איז געבליבן. ער איז אַרויפגעקראָכן אויף זיין

געלעגער און געהאַלטן פון דאָרטן אין איין קרעכצן, די רומאַטישע ווייטאָקן האָבן אים פּלוצים אָנגעכאַפּט.

אין אַ פּאָר שעה אַרום זיינען אָנגעקומען עטלאַכע סאַניטאַרן פונם שטעטלישן שפּיטאָל און צוגענומען גאַלוביאָוון. ער איז געלעגן אויפן טראָג־בעטל, צונויפגעקאָרטשעט ווי אַן עופעלע, און געגלאָצט מיט די אויגן. בעת מ׳האָט אַרויסגעטראָגן גאַלוביאָוון פונם סאַניטאַרן־וואַגאָן איז נישט פאָרגעקומען קיין געוויין און קיין טומל. ס׳איז געווען שאַ־שטיל, ווי שטיל און אומבאַמערקט ער האָט געלעבט אין צוג נומער זיבן.

מ׳איז געווען אַזוי זיכער אין סאַניטאַרן־וואַגאָן, אַז גאַלוביאָוו וועט שטאַרבן, אַז קיינער האָט זיך נישט נאָכגעפרעגט אויף אים. צופעליק האָט פּיאָטר געהערט אין עס־וואַגאָן, אַז ס׳איז אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז גאַלוביאָוו איז אויסגעגאַנגען אויפן דריטן טאָג נאָך זיין אָנקומען אין שפּיטאָל אַריין. דער עולם אין סאַניטאַרן־וואַגאָן האָט אויפגענומען די ידיעה וועגן גאַלוביאָווס טויט גלייכגילטיק. אויסטייטשן וואָלט מען עס געקאָנט אַזוי — וועדליק אַזאַ לעבן, וואָס איז באַשטאַנען נאָר פון עסן און שלאָפן, איז גלייכער טאָקע, וואָס ער האָט זיך אָפּגעטראָגן. און עס קאָן גאָר זיין, אַז דאָס גלייכגילטיקייט האָט געשטאַמט פון טיפער פאַרצווייפלונג. דער טויט האָט זיך אָנגעזעצט אויפן סאַניטאַרן־וואַגאָן. ערשט נישט לאַנג איז געשטאָרבן גוידא, איצט גאַלוביאָוו און מאָרגן ווער?

קיין לויה האָט מען גאַלוביאָוון נישט געפּראַוועט. באַגראָבן האָט מען אים אויפן טייל צווינטער, וואָס דאָס שטעטל האָט באַשטימט פאַר די פאַרשטאָרבענע נישט-הי געבוירענע סאָלדאַטן. אין שפּיטאָל־בוך איז פאַרשריבן געוואָרן —— דעם און דעם טאָג איז געשטאָרבן דער פּויער גאַלוביאָוו, וואָס שטאַמט פון דעם און דעם דאָרף. פאַרצייכנט האָט מען עס לשם אינפאָרמאַציע. טאָמער פאַרגלוסט זיך עמיצן צו מאַכן אַן אָנפראַגע, צי ז׳ניט געשטאָרבן אין היגן שפּיטאָל דער סאָלדאַט גאַלוביאָוו, וואָס שטאַמט פון דאָרט און דאָרט. אין דעם פאַל־גאַלוביאָוו איז דאָס געווען אַן אומזיסטע טרחא. קיינעם פון זיינע ווייטע קרובים וועט אפילו נישט קומען אויפן געדאַנק נאָכצופרעגן זיך אויף אים. זיי האָבן פאַרגעסן אַן אים נאָך איידער ער איז געוואָרן אַ שוכן עפר.

באַלד נאָך גאָלוביאָוו׳ס טויט איז קראַנק געוואָרן שולץ. די בייעס, אַז שולץ איז קראַנק אויף פלעקן־טיפוס, האָט אַלעמען געטראָפן ווי מיט א דאָבניע איבערן קאָפּ.

— וואָס, שולץ איז קראַנק, שולץ? — האָט יעדער איינער איבערגע׳חזר׳ט די זעלבע פראַגע.

ווייל אויסמאָלן זיך שולצן אַנדערש, ווי ווען ער איז געווען געזונט און שטאַרק, איז געווען זייער שווער. ער איז געווען אַזוי פעסט געבויט, אַז ס׳האָט זיך אויסגעדאַכט, קיין שום הלאת וועט נישט האָבן קיין שליטה איבער אים. דערצו נאָך האָט זיך זיין אויסזען כמעט קיינמאָל נישט געביטן, ווי עס בייט זיך נישט דער אויסזען פון אַ כלי, וואָס איז אויסגעגאָסן פון אַזאַ מעטאַל, וואָס זשאַווערט נישט און בויגט זיך נישט. דער בליק — אַ פעסטער, אַ זיכערער; דער גאַנג — תמיד דער זעלבער, און דער קערפער איז גלייך, ווי אַ ווירע. און דאָ פלוצים איז ער גאָר קראַנק געוואָרן! אי דאָס באַלד נאָך גאָלוביאָווס טויט. ס׳האָט געהייסן, איר האָט זיך ניט געמאַכט קיין צימעס פון גאָלוביאָוון, אַן אָפּגעלאָזן, נישטיק פּויערל, וועט איר איצט איינלעגן וועלטן פאַר שולצן.

און ס׳וועט ניט זיין איבערטריבן צו באַהויפּטן, אַז מאַריע ניקאָלאַיעוונאַ האָט ממש איינגעלעגט וועלטן. ווי נאָר ס׳איז באַקאַנט געוואָרן, אַז שולץ איז קראַנק אויף פלעקן־טיפוס, האָט זי געבעטן פּראָפעסאָר קאָזלאָוו, ער זאָל פערזענלאך אַכטונג געבן אויף שולצן, אַפילו ווען ער וועט שוין ליגן אין א שפּיטאָל. איבערלאָזן שולצן אינם צוג האָט מ׳ניט געקאָנט צוליב צוויי טעמים. ערשטנס, נאָך די רעגולאַציעס פונם רויטן קרייץ, האָט מען יעדן קראַנק געוואָרענעם באַאַמטן געדאַרפט תיכף איבערפירן אין אַ שפּיטאָל. און צווייטנס, האָט אויסגעפעלט אויפן צוג מעדיקאַמענטן און אַנדערע מעדיצינישע מכשירים, וואָס זיינען אַבסאָלוט נויטיק, ווען דער קריזיס פון דער קריינקהייט דערנענט זיך. מאַריע ניקאָלאַיעוונאַ האָט נישט געקאָנט פועלן ביי זיך, אַז שולץ זאָל ליגן אין אַ וואָסער עס איז שפּיטאָלכל, „וואו ס׳איז ענג און שמוציק און די דאָקטוירימלאך ווייסן נישט, אויף וואָסער א וועלט זיי זיינען״. זי האָט ממש געיאָגט דעם צוג נומער זיבן צו אַ גרויסער שטאָט, וואו ס׳איז פאַראַן אסך שפּיטאָלן מיט באַוואוסטע דאָקטוירים. זי האָט אויסגענוצט אַלע זכות אָבות צו ווירקן אויף די נאַטשאַלניקעס פון די קליינע סטאַנציעס, זיי זאָלן נישט פאַרהאַלטן צופיל דעם צוג נומער

זיבן. און זי האָט אירס אויסגעפירט. מער ווי אויף עטלאַכע שעה האָט זיך דער צוג נומער זיבן אין ערגעץ נישט אָפּגעשטעלט.

מאַריע ניקאָלאַיעוונאַ איז געווען שטאַרק פאַרנומען מיטן קראַנקן. זי איז כמעט נישט אָפּגעטראָטן פון זיין בעט. ווי נאָר ער האָט גע־עפנט די אויגן און ווי געזוכט זי מיט א בלאָנדזשענדיקן בליק, איז זי שוין געשטאַנען לעבן אים, גרייט צו דערפילן יעדע בקשה זיינע. כאָטש זי איז געשלאָפן זייער ווייניק און געגעסן אין גרויס איילעניש, האָט מען פונדעסטוועגן נישט געקאָנט באַמערקן, אַז זי זאָל זיין מיד. פאַרקערט, זי איז געווען ענערגישער ווי אַלעמאָל. זי איז נישט איינ־געזעסן אויף איין אָרט, תמיד איז זי געווען מיט עפּעס באַשעפטיקט. זי האָט אָפּגעווישט דעם שווייס פון זיין שטערן, האָט אויסגעגליכן די קאָלדרע אויף זיינע פיס. אַניט איז זי אריינגעגאַנגען צו פּראָפעסאָר קאָזלאָוו אין קופּע אַריין, כדי איבערצוריידן מיט אים וועגן דעם גאַנג פון דער קראַנקהייט. מ׳האָט נישט געזען, אַז זי זאָל זיין מיד. די טונקעלע אַנגעבלאָזענע זעקעלאַך אונטער די אויגן האָבן אָבער עדות געזאָגט, אַז זי שטרענגט זיך אָן איבער אירע כוחות.

נישט נאָר פּראָפעסאָר קאָזלאָוו און מאַריע ניקאָלאַיעוונא זיינען געווען באַשעפטיקט מיטן קראַנקן, נאָר דער גאַנצער פּערסאָנאַל איז גע־ווען פאַרנומען מיט אים. ווי א דעזשורנע אויף דער וואך, איז יעדע עטלאַכע שעה אָן אַנדערער געזעסן אויפן בענקל, לעם קראַנקנס בעט. פּעטראָוון האָט דאָס שטאַרק פאַרדראָסן.

— אויף גאָלוביאָוון האָט מען זיך אפילו נישט אומגעקוקט. פון אים פּטור געוואָרן, ווי מען ווערט פּטור פון אַ קראַנקן הונט. גיי און קלויב דיר אויס, וואו ס׳איז גרינגער צו פּגרן. און פון שולצן מאַכט מען א גאַנצן וועזן — צווישן איין געריכט און צווייטן האָט פּעטראָוו, אָפּווישנדיק די געלע וואָנצעס, זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן — אַ גאַנצן טאַראַראַם מאַכט מען פון אים, ווי ער וואָלט געווען א גרויסער גענעראַל. אויף א נאַש בראָט קוקט מען זיך אפילו נישט אום. דאָס האָסטו דיר שוין ביי דער סאָוועטישער וולאַסט. אַ נאַש בראָט ווערט פאַרשוואַרצט ביי אַלע וולאַסטן.

קיינער אין סאַניטאַרן־וואַגאָן האָט נישט אָפּגעפרעגט זיינע טענות, ווי יעדערער וואָלט צוגעגעבן, אַז אין זיי איז נישטאָ קיין פּיצל איבערטרייבונג.

ס׳האָט גענומען אַ פּאָר טעג, איידער דער צוג נומער זיבן האָט דערגרייכט אַ גרויסע שטאָט. פּראָפעסאָר קאָזלאָוו און מאַריע ניקאָלאַ־

יעוונאַ האָבן אויסגעווירקט אין דער סאַניטאַרישער פאַרוואַלטונג, אַז מען זאָל שולצן אַריינגעמען אין אַ גרויסן שפּיטאָל. זיי האָבן אויך געקראָגן באַזונדערע פּריווילעגיעס. מאַריע ניקאָלאַיעוונאַ האָט גע-מעגט באַזוכן דעם קראַנקן צו יעדער צייט. צוויי בעסטע שפּיטאָל־דאָקטוירים האָבן זיך יעדן טאָג בּאַראַטן מיט פּראָפעסאָר קאָזלאָוו, וואָ-סערע מיטלען אָנצונעמען, אַז דער קראַנקער זאָל בשלום אַריבער דעם קריזיס, די קראַנקהייט איז זיך געגאַנגען איר וועג. אַלע פאַרהיטונגס-מיטלען האָבן גאָרנישט ניט פאַרהיט. שולצן איז געוואָרן אַלץ ערגער און ערגער. אויף די באַראַטונגען האָט פּראָפעסאָר קאָזלאָוו צוגעשטימט צו אַלעמען, וואָס די אַנדערע דאָקטוירים האָבן פאָרגעשלאָגן, ווייל ער האָט ביי זיך שוין אָפּגעמאַכט, אַז אין דעם דאָזיקן געראַנגל צווישן טויט און לעבן איז ער מאַכטלאָז עפּעס צו ענדערן. די האַרבאַטע ברע-מען האָבן זיך אַלץ נידעריקער אַראָפּגעלאָזט אויף זיינע מידע אויגן, פון צייט צו צייט האָט ער דערשטיקט אין זיך אַ טיפן זיפץ.

מאַריע ניקאָלאַיעוונאַס פּנים איז געווען געל און קויטיק. די צוויי זעקעלאַך אונטער די אויגן זיינען געווען שוואַרצלאַך, ווי עס וואָלט זיך אין זיי אָנגעזאַמלט איר טרויער. אין צוג נומער זיבן איז די שטי-מונג געווען אַן אַבל׳דיקע. נאָר איין פּעטראָוו האָט זיך גע׳כעס׳ט. ביי די מאָלצייטן, ווען ס׳איז אָנגעגאַנגען אַ שטילער געשפּרעך וועגן דעם קראַנקנס צושטאַנד, האָט פּעטראָוו אין מיטן דערינען אַרויסגעבורט־שעט:

— ווי אַ הונט האָט מען אים אַרויסגעוואָרפן!

פון זיינע רייד האָט מען געקאָנט דרינגען, אַז ער איז זיך גאָר-נישט מצער, וואָס שולץ איז געפערלאַך קראַנק.

אין עס־וואַגאָן האָט מען וועגן גאָרנישט ניט גערעדט, אַ חוץ וועגן דעם קראַנקן. פּראָפעסאָר קאָזלאָוו פלעגט איבערגעבן מיט אַלע אייב־צעלהייטן, ווי אַזוי דער קראַנקער האָט זיך געפילט די לעצטע עטלאַכע שעה. דער עולם האָט זיך צוגעהערט צו יעדן וואָרט זיינעם מיט גרויס ערנסט. וואָדיאַנאָי איז געזעסן, אָנשפּאַרנדיק זיך מיט דער רעכטער האַנט אויפן טיש, די ליולקע איז געלעגן לעם אים אַ האַלב-פאַרלאָשע־נע. פּראָפעסאָר קאָזלאָווס רייד, פּשוט׳ע און טרויעריקע, האָבן אים ווי צוגעשמידט. וואָלאָך איז געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט, איז גע־ווען פאַרטראַכט. האָבן זיך וואָדיאַנאָיס און וואָלאָכס אויגן באַגעגנט, איז געשלאָסן געוואָרן אַ שלום צווישן זיי. איינער דעם אַנדערן האָט ווי געזאָגט אויפן וואונק: „צוליב וואָס קריגן מיר זיך אַרום? דער טויט

וועט דאָך סיי ווי אונז אַלעמען אויפפרעסן". אויף דאָקטאָר גרינבוימס קוים-קוים שמייכלדיקע ליפּן האָט זיך באַזעצט דער שטילער טרויער פונם פאַרגייענדיקן טאָג, וואָס האָט זיך דאָרט, אין מערב, נאָך געטו-ליעט צו די רויטלאַכע וואָלקענדלאַך. געטראַכט האָט ער, דאָקטאָר גרינבוים—אָט דאָס איז עס, מיט גוואַלדן און שלאָגן זיך קאָפּ אין דער וואַנט וועסטו גאָרנישט ניט העלפן.

דער גערא̈נגל צווישן לעבן און טויט איז געווען אַ קורצער, אָבער אַ האַרטנעקיגער. בשעת דער קריזיס האָט זיך געהאַלטן אין דערנענ־טערן, האָט מען געקאָנט זען אויף שולצעס פּנים קלאָרע סימנים פון ווערן זיך. די העלע פאַרב אויף די באַקן, די רירעוודיקע מוסקולן, די גלאַנציקע אויגן, — בולטע סימנים, אַז אין אים ראַנגלען זיך צעשטערנ-דע און בויענדע כוחות. ער האָט זיך געוואָרפן פון איין זייט אויף דער צווייטער און איינמאָל שיר ניט אַראָפּגעפאַלן פונם בעטל. ווי ער וואָלט געפּרואווט אַנטלויפן פונם „שלאַכט פעלד".

דער געראַנגל איז אַנגעגאַנגען ניט לאַנג. אין אַ פאַרטאָג, ווען די זון האָט אָנגעהויבן אַרויסצואווייזן זיך פון אונטער די פעלדער, וואָס אַרום שפּיטאָל, איז שולץ אויסגעגאַנגען. ס'איז פאָרגעקומען פּלוצים, ווי אַן אומדערוואַרטעטער גאָס־רעגן. שולץ איז געלעגן רואיק, מיטן פּנים צו מאַריע ניקאָלאַיעוונאַ, איז געווען עטוואָס צעגויפגעקאָרטשעט, ווי אַ קינד, וואָס שלאָפט רואיק אין וויגעלע. פּלוצים האָט ער זיך אויסגעצויגן, גלייך ווי אַ ווירע, און גענומען אָטעמען זייער שווער. דאָס מויל איז ברייט אָפן, דער ברוסט־קאַסטן באַוועגט זיך האַסטיק אַראָפּ און אַרויף, ווי אַ בלאָזאַק. מאַריע ניקאָלאַיעוונאַ האָט באַלד באַמערקט די ענדערונג. זי האָט פאַרשטאַנען דעם באַדייט דערפון. זי איז אַרויס פון צימער אַ רוף צו טאָן פּראָפעסאָר קאָזלאָוו, וואָס האָט נישט לאַנג צוריק פאַרלאָזט דעם קראַנקנס בעט. ווען זיי זיינען, פּאַרסאָפעטע, צוריקגעקומען, האָבן זיי געטראָפן שולצן ליגן מיט פאַרמאַכטע אויגן און צוגעשלאָסענע ליפּן. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז אַלץ האָט זיך גע־ענדיקט. דאָך האָט פּראָפעסאָר קאָזלאָוו אָנגענומען שולצעס האַנט, אַ רגע צוגעדריקט צו איר זיינע ביינערדיקע פינגער. ער האָט פּאַמע-לאָך אָפּגעלאָזט די קאַלטע האַנט פונם מת און איז מיט אַן אַראָפּגעבוי-גענעם קאָפּ צוגעגאַנגען צו מאַריע ניקאָלאַיעוונאַ, וואָס איז געשטאַנען לעם פענצטער און יאָמערלאַך געוויינט.

ביי שולצעס לויה איז געווען דער גאַנצער פערסאָנאַל פונם צוג. קיינער האָט נישט געפעלט, דער צוג איז געבליבן ווי אויף הפקר. כמעט

אַלע זיינען געווען פּאַראַומערט און דערשלאָגן — דער רואיקער און שווייגנדיקער שולץ איז שוין אויך נישטאָ. אויב אים האָט עס געקאָנט אַוועקלייגן, איז עק וועלט. היינט־מאָרגן קאָן עס טרעפן מיט יעדן איינעם פון זיי. יעדערער האָט ווי געטרויערט אויף זיין אייגענער מערכה.

ביי פּעטראָוון אָבער זיינען אויפגעיורן גאָר אַנדערע מחשבות.

„זאָלן זיי נישט מיינען, אַז נאָר דאָס פּראָסטע פאָלק שטאַרבט: גוידאָ, גאָלוביאָוו.ביים טויט זיינען נישטאָ קיין מיוחסים. ווען נאָר דער טויט דערטאַפּט מיט זיין קאָסע: אָרים, רייך, אַלט, יונג, — דער פאַלט באַלד אַנידער און הייבט זיך שוין מער ניט אויף. און אַ לויה איז אים אויך געקומען, גאָלוביאָוון. ער איז פונקט אַזאַ מענטש, ווי שולץ. יעדן מענטשן קומט א לויה. זיי האָבן בע'עולה'ט גאָלוביאָוון. זיי האָבן נישט אַכטונג געגעבן אויף אים, ווען ער איז געווען קראַנק. זיי האָבן אים נישט באַגראָבן ווי עס באַדאַרף צו זיין, ווען ער איז געשטאָרבן. עס ווערט גאָרנישט געשענקט, ווי אין די הייליקע ביכער שטייט. באַלד נאָך גאָלוביאָוון איז געקומען שולצעס אַטשערעד.

לכבוד שולצעס לויה האָט ער זיך אָפּגעראַזירט, פּעטראָוו. כאָטש ס'איז נישט געווען זונטיק.

מאַריע ניקאָלאַיעווונאַ האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס, ווי א בוים, וואָס איז דריי־פערטל אונטערגעזויגן און קאָן יעדע מינוט אַני־דערפאַלן. פּראָפעסאָר קאָזלאָוו און וואַדיאַנאַי האָבן זי אונטערגעהאַלטן אונטער די אָרעמס. זי האָט שוין עטלאָכע טויטן איבערגעלעבט אין איר קורץ לעבן. פּאָר אירע אויגן זיינען אין באַזונדערע צייטן געשטאָרבן איר פאָטער, מוטער, ברודער. און יעדער טויט־פאַל, האָט זי געפילט, האָט צוגענומען ביי איר א שטיק לעבן. ווי ער, דער טויט, וואָלט אָפּגע־שניטן אַ שטיק פון איר לייב. דאָך איז זי אין קיינעם פון יענע מאָ־מענטן נישט געווען אַזוי צעבראָכן, ווי איצט. מיט שולצעס טויט איז איר גאַנץ לעבן ווי אָפּגעשניטן געוואָרן. פון אירע אויגן, ווי פון אַ קוואַל, זיינען אָן אן אויפהער גערונען טרערן. דאָס שמוישן היטעלע האָט פעסט צוגעפּלעטשט אירע האָר. איר קאָפּ איז אַראָפּגע־האַנגען צום פייכטן גרוב, וואוהין מען האָט זיך געגרייט אַראָפּצולאָזן אים, שולצן. ביים אַרונטערלאָזן די טרונע אין קבר אריין איז זי צו־געלאָפן צום קאַסטן, אַרומגענומען אים מיט אירע קליינע הענט און גע־כליפּעט מיט אַ קוויטשעדיק קול.

נאָך שולצעס לויה איז מאַריע ניקאָלאַיעוונא נישט ארויסגעגאַנגען פון איר צימער עטלאָכע טעג דורכאַנאַנד. זי איז געלעגן אין בעט און איינס און דאָס זעלבע האָט געהאַמערט אין איר מח — אַלץ האָט זיך געענדיקט. די אָפענע אויגן זיינען פאַרוועבט מיט רויטלאָכע פעדעמ־לאַך, וואָס שטעכן זיך, ווען נאָר די וויעס גיבן זיך אַ ריר. די הויט פון פנים — געלבלאַך־טרוקן, די כוואַליעדיקע בלאָנדע האָר—צעוואָרפן איי־בערן קישן, ווי איבעריקע. ווען זי וואָלט זיך אויפגעזעצט, וואָלטן אפשר די שיינע בלאָנדע האָר געבליבן ליגן אויפן קישן, ווי א זאַך, אין וועלכער זי בויטיקט זיך שוין מער נישט. דאָס לייַלאַך, די קאָלדרע, דאָס קישן, —זיינען געווען צעקנייטשט, צעדרייט. ווי אין א צימער, וואָס מ׳האָט איבערגעלאָזט אין גרעסטער אומאָרדענונג. אַלץ האָט זיך געענדיקט.

מיט שולצעס טויט איז פאַרשוואונדן איר לעצטער אָנלען. איז איר געווען טרויעריק אויפן האַרצן, איז זי געווען מוטלאָז און פאַר־צווייפלט, — האָט זי געוואוסט, אַז אין צווייטן צימער זיצט שולץ, אַ פעסטער, אַ שטאַרקער, ווי אַ קרעפטיקער דעמב. זי וועט אריינגיין אַהין. פונם ערשטן בליק אויף אים ווערט איר רואיקער אויפן האַרצן. מיט אים וועט זי נישט פאַרפאַלן ווערן. איצט איז אַלץ אויס! קיינער וועט זי נישט טרייסטן, קיינער וועט איר נישט זאָגן:

— מאַריע ניקאָלאַיעוונאַ, ס׳איז אַ פייכטער דרויסן, בלייבט אין הויז. איכ׳ל אַליין זיך אַריבערכאַפּן צום קאָמענדאַנט.

קיינער וועט איר נישט אריינקוקן יעדן פרימאָרגן אין די אויגן און זי פרעגן, ווי אַזוי זי איז געשלאָפן די נאַכט. אַלץ איז אויס!

זי האָט וועגן גאָרנישט ניט געטראַכט. עס זיינען איר נישט גע־קומען אויפן גדאַנק געשעעענישן פון אַמאָל, וואָס וואָלטן אפשר ביי אַן אַנדער צוזאַמענהאַנג געווירקט אַנדערש אויף איר לעבנס-גאַנג. (זי האָט אין די לעצטע פאַר יאָר געקראָגן א טבע צו פאַרענדיקן אין איר דמיון די אַמאָליקע פאַסירונגען פון איר לעבן אַנדערש, ווי זיי זיינען זיך פאַר־לאָפן אין דערווירקלאָכקייט. במילא האָט איר ווייטערדיק לעבן אָב־גענומען, אין דמיון, אַן אנדער ריכטונג, וואָס האָט זיך נישט געצויגן דורכן צוג נומער זיבן.) זי האָט אויך נישט געקלערט וועגן דעם, וואָס זי קלייבט זיך צו טאָן אין דער נאָענטער צוקונפט. אַלץ האָט זיך גע־ענדיקט!

פון צייט צו צייט האָט אָלגאַ זיך אַריינגעשאַרט אין צימער אַריין. זי איז אַזוי לאַנג געשטאַנען און געבעטן זיך ביי מאַריע ניקאָלאַיעוונא — זי זאָל עפּעס נעמען אין מויל אַריין, אַז זי האָט זיך אויפגעזעצט און געגעבן עטלאַכע שלינג פון אַ גלאָז טיי אָדער מילך.

וואַדיאַנאַי איז אַרומגעגאַנגען אָן אַ קאָפּ. ער איז נישט איינגעזעסן אויף קיין אָרט. זיינע האַסטיקע טריט האָבן זיך געהערט איבערן קאָרידאָר פונעם עס-וואַגאָן אַזוי אָפט און מאָדנע - ריטמיש, ווי אין אַ שטורמדיקער נאַכט — האַסטיקע רעגן-טראָפּנס אויף די שויבן. די ליולקע האָט אַרויסגעשטעקט פונעם רעכטן מויל-ווינקל און אויף זיין בלייך פּנים האָבן זיך באַוויזן אַ פּאָר נייע פרישטשעקלאַך. ער הייבט נישט אָן צו וויסן, וואָס צו טאָן. איין זאַך איז פאַר אים קלאָר — מאַריע ניקאָלאַיעוונאַ וועט אַ לאַנגע צייט נישט זיין אַרבעטספייאיק. שולצעס טויט האָט זי ממש צעבראָכן. ווער ווייסט, ווען זי וועט קומען צו זיך. און ווער ווייסט, צי דער טויט וועט אימיצן אַנדערש היינט-מאָרגן נישט אַ כאַפּ טאָן ביים גאָרגל. ווער ווייסט? איצט איז נאָך נישקשה. זיין אויפגאַבע איז זייער א פּשוטע. ער דאַרף דערפירן דעם צוג נומער זיבן צו דער וואָלגאַ, דאָרטן וועלן פּראָפעסאָר קאָזלאָוו און דאָקטאָר גרינבוים אָפּשטייגן. און דערנאָך? דערנאָך וועט ער דאַרפן איינער אַליין טאָן די גאַנצע אַרבעט. ער וועט מוזן אַרבעטן פאַר מאַריע ניקאָלאַיעוונאַ, פאַר שולצן און פאַר זיך אַליין. וואָלאָכן האָט וואַדיאַנאַי אפילו נישט גענומען אין אַנבאַטראַכט. ס'איז אים לחלוטין נישט געקומען אויפן געדאַנק, אַז וואָלאָך קאָן אים אַרויסהעלפן. אַ פּאָר טעג האָט וואַדיאַנאַי זיך געשלאָגן מיט דער דעה, צי זאָל ער אַריינגיין צו פּראָפעסאָר קאָזלאָוו, אָן עצה האַלטן זיך מיט אים. ער און דאָקטאָר גרינבוים האָבן נאָך אַלץ געוואוינט אין איין קופּע. נאָכן לעצטן שאַרפן איבעררייד מיט דאָקטאָר גרינבוים האָט וואַדיאַנאַי אים נישט געקאָנט קוקן אין די אויגן אריין. דער צוג דערנענטערט זיך צו סאַראַטאָוו און דאָרטן וועט אַנטשיידן ווערן זיין גורל. עס בלייבט נישט קיין סך צייט. ער מוז זיך באַראָטן מיט פּראָפעסאָר קאָזלאָוו. אפשר וועט ער אין סאַראַטאָוו קאָנען פועל'ן ביי דער סאַניטאַרישער פאַרוואַלטונג, אַז ער, וואַדיאַנאַי, זאָל פאַרבלייבן געשעפטס-פאַרוואַלטער און אַן אַנדערער זאָל צייטווייליק פאַרנעמען מאַריע ניקאָלאַיעווגאַס אָמט. פאַרשטייט זיך, אַז מען קאָן זיך ניט באַגיין אָן אַ סעקרעטאַר, אַ מעכאַניקער און א פּאָר סאַניטאַרן. אין דעם דאָזיקן פּלאַן שטעקט אָבער אַ גרויס געפאַר. עס קאָן גאַנץ מעגלאַך זיין, אַז דער צייטוויי-

ליקער נאַטשאַלניק זאָל גאָר זיין אַ קאָמוניסט אָדער אַ איד. דעמאָלט וועט נאָך זיין ערגער ווי איצט. מען וועט אַ וואָרט נישט טאָרן ארויס־ריידן. שלעכט, זייער שלעכט. ער האָט נישט קיין אויסוועג. ער איז אין אַ קלעם. ער וועט זיך אָפּנהערציק דורכריידן מיט פּראָפעסאָר קאָזלאָוו. מ׳האָט מסתמא געהערט פון אים אויך אין סאַראַטאָוו. אפשר, אפשר וועט ער קאָנען עפּעס פועלן דאָרט.

ס׳איז נאָכמיטאָג. דאָס קופּע-פענצטער איז פון דרויסן באַרעמט מיט פּראָסטיקן שניי. פונם בלענדנדיקן שנייאיקן אָרום האָט אין קו-פּע אריינגעטריפט א ווייס־בלויִלאָכער שיין. דאָקטאָר גרינבוים איז געזעסן אין ווינקל, לעם פענצטער. פּראָפעסאָר קאָזלאָוו איז געלעגן אויפן בעטל. וואַדיאַנאַי איז געזעסן אויף אַ בענקל, אינמיטן קופּע. אין דער רעכטער האַנט האָט ער געהאַלטן די ליולקע און מיטן לינקן פוס האָט ער שטיל געקלאַפּט איבערן דיל.

— איר זעט דאָך, וואַסילי איוואַנאָוויטש, אַז שולצעס טויט האָט שטאַרק געווירקט אויף מאַריע ניקאָלאַיעוונאַ. זי וועט נישט קומען צו זיך אַזוי שנעל. זי איז ממש הויט און ביין. אַ לאַנגע צייט וועט זי נישט קאָנען פאַרוואַלטן מיטן צוג. גאָר אין גיכן וועט איר אַראָפּ-שטייגן און דער גאַנצער צוג בלייבט אויף מיינע הענט. אפשר קאָנט איר פועלן ביי דער סאַניטאַרישער פאַרוואַלטונג, זי זאָל באַשטימען אַ צייטווייליקן נאַטשאַלניק, אַן אונזעריקן, אויף מאַריע ניקאָלאַיעוונאַס פּלאַץ. איך גלויב, אַז אין דער פאַרוואַלטונג וועט איר טרעפן מענטשן, וואָס קאָנען אייך, וואָס האָבן געהערט פון אייך. זיי וועלן זיך געוויס צוהערן צו אייערע רייד.

פּראָפעסאָר קאָזלאָוו האָט זיך אויפגעזעצט. מיט ביידע הענט האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט אינם בעטל. זיין אָנגעבלאָזן פּנים איז עט־וואָס ברודיק. ער איז נישט געראַזירט. ער איז לעצטנס א ביסל אָפּגעלאָזן, ווי ער וואָלט אַ מאַך געטאָן אויף אַלץ און אַלעמען מיט דער האַנט — זאָל עס גיין צום טייוול! ער האָט געטראַכט א ווײַלע און זיך אָנגערופן:

—דאָס איז אויסגעשלאָסן! מען טאָר אפילו נישט דערמאָנען וועגן אַ צייטווייליקן נאַטשאַלניק! זיי וועלן דעמאָלט אינגאַנצן אַראָפּ-נעמען מאַריע ניקאָלאַיעוונאַ פונם צוג. איך קאָן שוין זייערע וועגן. זי וועט דאָך בלייבן ווי אויפן וואַסער. ביי דער איצטיקער סומאַטאָכע וועט זי צעריבן ווערן אין אַזאַ שטאָט ווי סאַראַטאָוו, און קיינער וועט

אפילו נישט וויסן, וואו איר געביין איז אַהינגעקומען. דאָס איז אויס־געשלאָסן!

פּראָפעסאָר קאָזלאָוו האָט אַ דריי געטאָן מיטן צעשויבערטן קאָפּ און איז געבליבן שטיל.

דאָקטאָר גרינבוימס לאַשטשענדיק קול האָט איבערגעריסן די שטילקייט.

— דאַכט זיך מיר, אַז מען קאָן עס מאַכן אַזוי. מאַריע ניקאָ־לאַיעוונא קריגט אורלויב צוליב איר געזונט־צושטאַנד אויף אַ פּאָר מאָ־נאַטן. זי פאָרט אָפּ קיין מאָסקווע. דער צוג, אַן איר שוין, וועט אונז צופירן צו דער וואָלגאַ. עס וועט דאָך נעמען אַ שטיקל צייט, איידער דער צוג וועט זיך אומקערן קיין סאַראַטאָוו. דעמאָלט וועט מסתמא קלאָר ווערן, ווי אַזוי צו האַנדלען. איך מיין, אַז איר, אַפאַנאַסי טראָ־פימאָוויטש, וועט אפשר נעמען אויף זיך צו רעאָרגאַניזירן דעם צוג נו־מער זיבן. יעדנפאַלס, וועלן זיי אייך באַשטימען אַלס צייטווייליקער נאַטשאַלניק.

— דער פּלאַן איז אפשר נישט קיין שלעכטער, — האָט זיך אָנ־גערופן וואָדיאַנאָי. מיט די עלנבויגנס האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט אָן די קני און די הענט זיינען געווען צוזאַמענגעפלאָכטן — מאַריע ניקאָלאָ־יעוונאָ וועט האָבן אַ געלעגנהייט צו באַזעצן זיך אין מאָסקווע. פאַר איר איז דאָס זייער געוואונשן. זי וועט זיך אויסרוען און קומען צו זיך. אָבער וואָס וועל איך טאָן, ווען דער צוג וועט זיך אומקערן קיין סאַראַטאָוו. איר ווייסט דאָך, אַז איך קאָן נישט אויסקומען מיט די באָלשעוויסטישע טשינאָווניקעס. איך וועל בלייבן ווי אויפן וואַסער. איך האָב אין סאַראַטאָוו קיין שום באַקאַנטשאַפט נישט.

וואָדיאַנאָיס קאָפּ האָט זיך עטלאָכע מאָל באַוועגט אין אַ האַלבן קרייז. ער האָט געקוקט אָט אויף דאָקטאָר גרינבוים און אָט אויף פּראָפעסאָר קאָזלאָוו.

פּראָפעסאָר קאָזלאָוו האָט זיך אויפגעהויבן און ארויפגעלייגט זיין האַנט אויף וואָדיאַנאָיס אַקסל.

— אייער לאַגע איז אויך נישט קיין דעליקאַטע. איך פאַרשטיי אייך אויסגעצייכנט. מירן מסתמא פאַרבלייבן אין סאַראַטאָוו אַ פּאָר וואָכן. אין משך פון דער דאָזיקער צייט וועט אונז געלינגען, האָף איך, אָנצוקניפּן אַזעלכע פאַרבינדונגען, וועלכע וועלן אייך זיכער צוניץ קו־מען. יעפּים סאָלאָמאָנאָוויטשעס פּלאַן געפעלט מיר. איך וועל איצט

אריינגיין צו מאַריע ניקאָלאַיעווגאַ און דורכריידן זיך מיט איר וועגן דעם גאַנצן ענין.

וואָדיאַנאָי האָט געוואָלט צוגעבן, אַז וואָלאָך איז אויך אַ גרויסער שטער. מיט אים וועט ער, וואָדיאַנאָי, בשום אופן נישט מיטאַרבעטן. אפשר האָט ער, פּראָפעסאָר קאָזלאָוו, אַן עצה, ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון וואָלאָכן. וואָדיאַנאָי האָט אָבער געשוויגן, ער האָט נישט געוואָלט ריידן וועגן וואָלאָכן אין דער אָנוועזנהייט פון דאָקטאָר גרינבוים. ער וועט נישט פאַרזאַמען צו ריידן וועגן דעם מיט פּראָפעסאָר קאָזלאָוו אַן אַנדערש מאָל. מסתמא וועט אים נישט איינמאָל אויסקומען דורכצו־שמועסן זיך מיט פּראָפעסאָר קאָזלאָוו וועגן דעם גאַנצן ענין. וואָ-דיאַנאָי האָט פאַרלאָזט די קופּע אַ באַרואיקטער. ער איז געווען זי־כער, אַז פּראָפעסאָר קאָזלאָוו וועט קריגן פאַר מאַריע ניקאָלאַיעווגאַן אַן אורלויב אויף אַ פּאָר מאָנאַטן. זי איז ווירקלאָך נישט געזונט. איין בליק אויף איר וועט איבערצייגן די סאַניטאַרישע פאַרוואַלטונג, אַז זי נויטיקט זיך אין אַ דויערנדיקן אורלויב. און ער וועט זיכער ווערן דער צייטווייליקער נאַטשאַלניק, ווייל מאַריע ניקאָלאַיעווגאַ פאַרלאָזט דאָך דעם צוג נאָר אויף אַ פּאָר מאָנאַטן. ער איז צופרידן מיטן לעצטן געשפּרעך. פּראָפעסאָר קאָזלאָוו וועט אים נישט איבערלאָזן ווי אויפן וואַסער.

25

אין סאַראַטאָוו האָט פון זיך אַליין זיך איינגעשטעלט אַזוי — פּראָפעסאָר קאָזלאָוו און מאַריע ניקאָלאַיעווגאַ, דאָקטאָר גרינבוים און וואָלאָך האָבן זיך יעדן טאָג, באַלד נאָכן איבערבייסן, אַוועקגעלאָזט אין שטאָט אַריין. וואָדיאַנאָי איז געבליבן אַכטונג צו געבן אויפן צוג. זיי האָבן געשפּאַנט פאַרלאַכוויז און אָפּגעשלאָגן די שוועלן פון די סאַני־טאַרישע אינסטיטוציעס. פּראָפעסאָר קאָזלאָוו איז געגאַנגען געאָרעמט מיט מאַריע ניקאָלאַיעווגאַ, פאַר וועמען ער האָט הויפּטזעכלאָך כלאָ־פּאָטשעט. אחוץ איר האָט ער אויך אַביסל אין זינען געהאַט וואָדיאַ־נאָיען.

נאָך עטלאָכע טעג אונטערהאַנדלונגען האָט פּראָפעסאָר קאָזלאָוו נישט געצווייפלט, אַז אים וועט געלינגען צו פועלן ביי דער אָרטיקער מעדיצינישער פאַרוואַלטונג, אַז אי מאַריע ניקאָלאַיעווגאַ זאָל אָפּפאָרן קיין מאָסקווע מיט אַ לענגערן אורלויב אין קעשענע, אי וואָדיאַנאָי זאָל

באַשטימט ווערן אַלס נאַטשאַלניק פונם צוג נומער זיבן. „אין דער פּראָווינץ איז לייכטער צו דערשלאָגן זיך צו עפּעס, איידער ווי אין מאָסקווע, וואו עס שאַלטעוון פאַרהאַרטעוועטע באַלשעוויקעס, וואָס קוקן אויף יעדן אינטעליגענט מיט וואָלפישן אומצוטרוי."

מאַריע ניקאָלאַיעוונאַ פילט זיך א סך בעסער, זי קומט צו זיך, כאָטש אפילו זייער פּאַמעלאַך. אויף איר פּנים — אַן ערנסטע מינע. דער שמייכל, וואָס איז געלעגן תמיד וואוילױנגעריש אויף דער אַרויס־געשטעקטער אונטערשטער ליפּ, איז פאַרשוואונדן, און די אונטערשטע ליפּ איז עטוואָס אריינגעצויגן. די אויגן זיינען פאַרצויגן מיט א דין הייטל און קוקן אפשר מער אינווייניק ווי אין דרויסן. זי גייט זייט ביי זייט מיט פּראָפעסאָר קאָזלאָוו און רעדט צו אים מיט א ווייך און שטיל קול. (זי מיינט נישט אַזוי אים, ווי זיך אַליין. אין דער הויך, אין דער אַנוועזנהייט פון א פריינט, טראַכט זיך אַ סך בעסער.)

— נישט אַזוי, וואַסילי איוואַנאָוויטש, האָב איך מיר פאַרגע־שטעלט מיין צוריקקער א היים. נישט אַזוי. איך האָב גערעכנט אומ־צוקערן זיך קיין מאָסקווע, ווען אין לאַנד וועט הערשן פולשטענדיקע אָרדענונג. איך וועל פאַרנעמען מיין אַלטן באַקוועמען קאַבינעט און אַלץ וועט זיין ווי פריער. נו, יע! אַ מענטש טראַכט און גאָט לאַכט. איך הייב נישט אָן צו וויסן, וואוהין צו פאַרפאָרן, קומנדיק קיין מאָסק־ווע. איך האָב אַזויפיל באַקאַנטע דאָרט און וויס נישט צו וועמען צו־צופאָרן, ווייל איך וויס נישט אויף וועמען איך וועל נישט פאַלן צו לאַסט. און וואָס וועל איך טאָן, ווען מיין אורלויב וועט אויסגיין? ער וועט זיך נישט ציען אייביק.

— אייביק וועט אויך נישט אָנגיין דער בירגער קריג, עפּעס אַן אָרדענונג וועט זיך איינשטעלן, מוז זיך איינשטעלן! — פּראָפעסאָר קאָזלאָוו האָט זיך באַמיט צו באַרואיקן זי, כאָטש ער אַליין איז געווען צערודערט.

מאַריע ניקאָלאַיעוונאַ האָט זיך קיינמאָל אַזויפיל נישט געגריבלט אין אירע באַאָבאַכטונגען ווי אין דער לעצטער צייט.

— מענטשן שטראָמען אין אַלע ריכטונגען. מען רעשט, מען טומלט, מען רעדט מער ווי מען טוט. אָבער עפּעס ווערט דאָך אָפּגע־טאָן. מיט ליידיקע הענט קאָן מען נישט באַזיגן דעניקינס אַרמיי, וואו עס קעמפן אַזויפיל געשולטע אָפיצערן. ווייזט אויס, אַז דאָס פאָלק וויל נישט די אַלטע אָרדענונג. אַנדערש וואָלט זיך די באַלשעוויקעס נישט איינגעגעבן אריינצוציען אַזויפיל מענטשן אין זייער אַרבעט.

ס׳איז נישט מעגלאַך, אַז דאָס זאָל זיין אַ געקינצלטע זאַך, וואָ וועט באַלד פאַראיבערגיין. און אפשר גאָר בין איך אָפּגעשוואַכט אַזוי פיל ווי אונטערצוגעבן זיך דעם שטאַרקערן, מעג ער זיין אפילו אומגערעכט.

פּראָפעסאָר קאָזלאָווס האָרבאַטע ברעמען האָבן געצוקט. זי האָט אים געצוואונגען צו פאַרטראַכטן זיך וועגן זאַכן, וועגן וועלכע ס׳האָט זיך אים גאָר נישט געגלוסט צו טראַכטן.

— ס׳איז מיר באמת זייער שווער צו באַלייכטן אַלע אייערע ספקות. ס׳איז אויך מעגלאַך, אַז ס׳איז נאָך נישט צייט צו זוכן אַ תשובה אויף זיי. איך בין אָבער מסכּים מיט אייך, אַז איר זענט אַ ביסל אָפּגעשוואַכט און אייערע איבערלעבונגען זיינען טיפּיש פאַר א שוואַכן צד. דער הימל איז נאָך נישט ביי דער ערד, מאַריע ניקאָלאַיעוונאַ!

זי האָט פאַרשאַרט די פאַרשייטע בלאָנדע האָר אונטערן שמוישן היטעלע און בעת מעשה שיר נישט אריין אין אַ קאַלוזשע וואַסער.

— זייט פאָרזיכטיק, מאַריע ניקאָלאַיעוונא! — האָט פּראָפעסאָר קאָזלאָוו זי געוואָרנט.

— גיי זיי פאָרזיכטיק היינטיקע צייטן, ווען אַרום און אַרום לוי־ערן אַזויפיל געפאַרן — זי האָט געקראָגן אַ טבע אַריינצוטייטשן אין יעדן צופאַל פערזענלאַכע שטימונגען.

די זון האָט געוואַרמט אַנגענעם־ווייך און פונם שניי זיינען ביי־טאָג־צו געוואָרן קאַלוזשעס וואַסער. די צייט איז אַ געמיש פון סוף־ווינ־טער און אָנהויב־פרילינג. אַ קאַלטער ווינט, אַ גליטשיקער דרויסן און אַ וואַרעמע זון. אפילו די וואָלקענדלעך זיינען אויך געלעגן אויסגע־מישט צוזאַמען — ווייס־מילדע און שוואַרצלאַך־ברוגזע.

סוף ווינטער און אָנהויב־פרילינג האָבן זיך באַגעגנט אין די מי־טאָג־שטונדן. אויפדערנאַכט און באַזונדערס גאַנץ־פרי האָט דער פראָסט געשטאַרקט זיך און דער קאַלטער ווינט האָט אים אַרויסגעהאָלפן — „ברודערקע, גיב זיך נישט אונטער. איך וועל דיר קומען צו הילף מיט אַלע מיינע כּוחות״. איז טאַקע געווען קאַלטלאַך אין די אָוונטן און אין די אינדערפריען. אָבער בייטאָג־צו איז געווען אָנגענעם צו שפּאַצירן איבער די ברייטע און לאַנגע גאַסן. ס׳איז זיך געגאַנגען גרינג, ווייל די גאַסן האָבן זיך געצויגן גלייך ווי אַ ווירע.

— מאָדנע געדאַנקען קומען מיר אין קאָפּ אַריין, וואַסילי איוואַ־נאָוויטש. עס דאַכט זיך מיר אַמאָל אויס, אַז איך בין שוין נישט מער

מאַריע ניקאָלאַיעוונאַ קאָבישעוואַ, נאָר עפּעס אַן אַנדער פרוי. אַט איינע פון די פרויען, וואָס גייען דאָ פאַרביי. און מאַריע ניקאָלאַיעווּנאַ איז פאַרשוואונדן, נישטאָ שוין מער. — זי האָט גערעדט שטיל און אירע אויגן זיינען געווען האַלב צוגעמאַכט — האַלב וואָר און האַלב טרוימעריי.

— עפּעס רעדט איר טאַקע היינט מאָדנע, מאַריע ניקאָלאַיעוונאַ — האָט אַ שמייכל געטאָן פּראָפעסאָר קאָזלאָוו — איר זענט אָפּגעשוואַכט און דאַרפט האָבן אַ פּאָר מאָנאַטן פולשטענדיקע רו.

וואָלאָד האָט וואָדיאַנאָיען פאַרשפּאַרט אַן אַרבעט — דורכצושמועסן זיך מיט פּראָפעסאָר קאָזלאָוו, ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון אים. שוין אויפן צווייטן טאָג, נאָכדעם ווי דער צוג נומער זיבן איז אָנגעקומען קיין סאַראַטאָוו, האָט וואָלאָד אָפנהערציק דערקלערט דאָקטאָר גרינבוימען, אַז ער, וואָלאָד, וואָלט געווען צופרידן, ווען אים געלינגט צו פאַרלאָזן דעם צוג. אים איז אַלצאיינס, ער קאָן פאַרבלייבן דאָ, אין סאַראַטאָוו, אָדער אָפּפאָרן קיין מאָסקווע צוזאַמען מיט מאַריע ניקאָלאַיעוונאַ. (ער האָט געוואוסט, אַז פּראָפעסאָר קאָזלאָוו באַמיט זיך צו קריגן פאַר איר אַ לענגערן אורלויב.) דאָקטאָר גרינבוים האָט זיך דורכגערעדט וועגן דעם מיט פּראָפעסאָר קאָזלאָוו און וואָדיאַנאָיען און ס'איז געבליבן אויסצואווירקן ביי דער סאַניטאַרישער פאַרוואַלטונג, אַז וואָלאָד זאָל אָפּפאָרן קיין מאָסקווע, כדי פּערזענלאַך איבערצוגעבן דער הויפּטפאַרוואַלטונג וועגן די אומגליקן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין צוג נומער זיבן. אין מאָסקווע וועט ער, וואָלאָד, שוין אַליין מוזן זאָרגן פאַר זיך. וואָלאָד איז געווען צופרידן מיט דעם פּלאַן, אַבי ארויסרייסן זיך פונם צוג.

— איך וועל זיי זאָגן אין מאָסקווע — האָט ער דערקלערט דאָקטאָר גרינבוימען, וואָס האָט געשפּאַנט זייט ביי זייט מיט אים איבער די גאַסן פון סאַראַטאָוו — אַז איך וויל נעמען אויף זיך אַ פאַראַנטוואָרטלאָכע אַרבעט. זאָלן זיי מיך אויספּרואוון. איך בין זיכער, אַז זיי וועלן איינגיין אויף דעם. איך מיין עס זייער ערנסט, יעפים סאָלאָמאָנאָוויטש, איך וויל עפּעס וויכטיקעס טאָן. איר זעט! — האָט וואָלאָד אַ וויי געטאָן מיט דער האַנט אויפן עולם, וואָס האָט געשפּאַנט הין און הער איבער די נאַסע טראָטואַרן — עס רודערט זיך אין פאָלק. דאָס אַלטע לעבן איז אויף אייביק פאַרשוואונדן און אַ ניי לעבן האַלט אין קומען. איך וויל עפּעס טאָן. איך וויל אויך נעמען אַן אָנטייל אין פאָרמירן דאָס נייע לעבן. איך וויל נישט טראַכטן ביי זיך, אַז איך

קריג עפּעס פּאַר גאָרנישט. איך וויל אויך זיין א שותף צום מאָרגנ-דיקן טאָג.

האָט ער זיך צערעדט, וואָלאַך, וואָס האָט זעלטן געטראָפן, האָט ער שוין גערעדט באַריכות, האָט געשטעלט פראַגן און געענטפערט אויף זיי.

— איז דען מעגלאַך, אַז דאָס פאָלק זאָל זיין קעגן דער באָלשע-וויסטישער מאַכט און דאָך נעמען א טיכטיקן אנטייל אין נייעם מלוכה-לעבן? איז דען מעגלאַך, אַז די יונגע רויטע אַרמייער, וואָס צעשלאָגן די דעניקינצעס, זאָלן האָסן די באָלשעוויקעס? ס'איז אוממעגלאַך! אַ ניי לעבן האָלט אין קומען, א שענער לעבן!

וואָלאַך האָט געהאַלטן דעם קאָפּ אַרויפצו, ווי ער וואָלט דאָס נייע לעבן דערבליקט אין דער בלאָער ווייט.

דאָקטאָר גרינבוימס אויגן זיינען געווען עטוואָס פאַרזשמורעט און זיין פּנים פאַרטראַכט-מיושבדיק.

— איך בין מסכים מיט אייך, אַבראַם מאַיסייעוויטש. קיינער, דאַכט זיך מיר, ווער ס'האָט נאָר אָפענע אויגן, קאָן אין דעם נישט צווייפלען. דער רוסישער מענטש שטרעבט צו א ניי און בעסער לעבן. איך צווייפל אָבער אויך נישט אין דעם, אַז דער רוסישער מענטש וויל נישט קיין קאָמוניזם. דער פויער וויל א גרעסער שטיקל ערד. דער שטאָטישער מענטש האָט מער קיין חשק נישט, דער צעפוילטער אָדעל זאָל אים פירן פאַר דער נאָז, און דער אַרבעטער וויל אויך האָבן א דעה אין דער מלוכה-פאַרוואַלטונג. אָט דערפאַר שלאָגן זיך די רויטע אַרמיי-ער. און אויב די באָלשעוויקעס מיינען באמת איינצופירן קאָמוניזם אין לאַנד, ווי נאָר דער בירגער קריג וועט זיך ענדיקן, וועט זייער ממשלה לאַנג נישט געדויערן. אַ נייער בירגער קריג וועט אויסברעכן — און די באָלשעוויקעס וועלן סוף כל סוף פאַרשפּילן. ווייסט איר דען נישט גלייך מיט מיר, אַז דאָס רוסישע פאָלק, אין זיין גרויסער מערהייט, וויל נישט קיין קאָמוניזם! און מיט גוואַלד קאָן מען גאָר נישט איינפירן!

לאַנגע און היציקע ויכוחים זיינען אָנגעגאַנגען צווישן וואָלאַכן און דאָקטאָר גרינבוימען. יעדן נאָכמיטאָג האָבן זיי זיך ארויסגעלאָזט אויף אַ שפּאַציר איבער דער שטאָט און כמעט יעדעס מאָל האָבן זיי געשמועסט וועגן רוסלאַנד'ס צוקונפט.

נאָך לאַנגע און קריכנדיקע אונטערהאַנדלונגען איז די סאַראַטאָווער סאַניטאַרישע פאַרוואַלטונג געוואָרן נאָכגעביק. מאַריע ניקאָלאַיעוונא האָט געקראָגן אורלויב אויף א פּאָר מאָנאַטן צוליב איר געזונט צו־שטאַנד און וואָלאָך איז קאָמאַנדירט געוואָרן קיין מאָסקווע אָפּצוגעבן א פּערזענלאַכן באַריכט וועגן דער לאַגע אויפן צוג נומער זיבן. וואָ־דיאַנאָיס אויפגאַבע איז געווען, אָפּצופירן פּראָפעסאָר קאָזלאָוו און דאָק־טאָר גרינבוים אויף יענער זייט וואָלגא און דערנאָך וואַרטן אין סאַראַ־טאָוו אויף ווייטערע אינסטרוקציעס.

מאַריע ניקאָלאַיעוונא האָט אזש אויפגעלעבט. אירע אויגן זיי־נען ווידער רירעוודיק און פון צייט צו צייט באַווייזט זיך א שמייכל אויף אירע ליפּן. זי איז אומגעדולדיק. זי קאָן זיך שוין נישט דער־וואַרטן אויף דער מינוט, ווען זי וועט ווידער באַטרעטן די מאָסקווער טראָטואַרן. אין מאָסקווע, האָפט זי, צווישן אייגענע און באַקאַנטע, וועט זי פאַרגעסן דעם צוג נומער זיבן, אינגאַנצן פאַרגעסן... זי איז אויך צופרידן, וואָס וואָלאָך פאָרט מיט. ערשטנס, איז ניט שלעכט צו האָבן א באַגלייטער אין אזא לאַנגער נסיעה. צווייטנס, וויל זי זיך באַפריינדן מיט אים. זי פילט, אז ער איז אָנגעדרודעלט אויף איר. זי וויל בשום אופן נישט, אז ס׳זאָל בלייבן ביי אים א שלעכטע מיינונג וועגן איר.

אויך וואָלאָכן האָט געפרייט, וואָס ער פאַרלאָזט דעם צוג נומער זיבן. ער וועט זיכער קריגן א געלעגנהייט צו פאַרנעמען זיך מיט א וויכטיקער אַרבעט. אין מאָסקווע אָדער ערגעץ אַנדערשוואו. ביי אים איז אָבער די פרייד געמישט מיט אומצופרידנקייט די נאָענטע געזעלשאַפט פון מאַריע ניקאָלאַיעוונאַ, אויף דער לאַנגער נסיעה קיין מאָסקווע, איז אים נישט ניחא. ער איז אַנטוישט. ער האָט בשום אופן נישט דערוואַרט, אז הויכגעבילדעטע רוסן, ווי מאַריע ניקאָלאַיעוו־נאַ און פּראָפעסאָר קאָזלאָוו, זאָלן פאַרמאָגן אזויפיל בלינדן האַס צו אלעמען, וואָס איז נישט רוסיש. וואָלאָך האָט נאָך נישט געוואוסט, אַז אַ מענטש טרעט נישט אָפּ מיט גוטן ווילן דאָס דערוואָרבן שטיקל פּלאַץ אויף גאָטס וועלטל, מעג ער זיין ווי הויכגעבילדעט. אַ אומ־צוטרוי צו מענטשן האָט זיך אריינגעגנב׳עט צו אים אין האַרצן און לעבן דער רעכטער אויבערשטער ליפּ האָט זיך איינגעשניטן א טיפער קאַרב.

וואַדיאַנאַי איז זייער אויפגעלעגט. זיין טראַט איז געוואָרן פעס־טער און זיין קול — זיכערער.

„ער איז באַלעבאַס. ער וועט געוויס באַשטימט ווערן אַלס נאַ־טשאַלניק פונם צוג נומער זיבן. ער איז אַ פרייער מענטש. דאָ, אויפן צוג, איז ער קיינעם נישט אונטערגעוואָרפן. דערווייל וועט ער זיי ווייזן, אַז דער צוג נומער זיבן וועט אונטער זיין פאַרוואַלטונג אויפטאָן א סך מער ווי פריער. ער וועט אויפן וועג צו דער וואָלגאַ נאָך פרו־בירן עפּעס טאָן. ווי נאָר דער צוג וועט זיך פאַרהאַלטן אויף אַ באַן־סטאַנציע עטלאַכע שעה, וועט ער דעזינפעקצירן זעלנערישע שינעלן. ער איז אויך זיכער, אַז דער וועג צו דער וואָלגאַ און צוריק וועט אים נישט נעמען זייער לאַנג. נישקשה, ער וועט שוין זען, אַז אַלץ זאָל גיין ווי געשמירט. וועט די סאַניטאַרישע פאַרוואַלטונג באַלד נישט באַמערקן, אַז ער איז אַ טיכטיקער פאַרוואַלטער? זיכער וועט זי באַ־מערקן.“

וואַדיאַנאַי איז אויפגעלעגט. אין זיינע באַפעלן צו די סאַניטאַרן איז ער גוטברידעריש. פּיאָטרן גיט ער אָפּט אַ קלאַפּ איבער דער פּלייצע און פּעטראַוון רופט ער — „לאַנדסמאַן“. וואַדיאַנאַי איז זיי־ער פאַרנומען, אָפּטמאָל פאַרגעסט ער אפילו, אַז די ליולקע, וואָס ער האַלט אין מויל, איז שוין לאַנג פאַרלאָשן. ער מאַכט אַלע הכנות, אַז ווי נאָר מאַריע ניקאָלאַיעוונאַ און וואָלאָד וועלן אָפּפאָרן קיין מאָסקווע, זאָל דער צוג נומער זיבן זיין גרייט צו פאַרלאָזן סאַראַטאָוו.

אַ פּאָר טעג איידער מאַריע ניקאָלאַיעוונאַ און וואָלאָד זיינען אָפּ־געפאָרן קיין מאָסקווע, האָט זיך אין סאַניטאַרן-וואַגאָן פאַרלאָפן אַ קליינע פּאַסירונג — קסעניא האָט נישט געסטאַיעט. שוין צוויי מעת־לעת, אַז זי האָט פאַרלאָזט דעם צוג, — נישט מען זעט זי און נישט מען הערט פון איר. לעצטנס, זינט פּיאָטר איז אָפּגעקילט געוואָרן צו איר, פלעגט זי נישט איינמאָל פאַרפאַלן ווערן אויף עטלאַכע שעה אָדער אפילו אויף אַ גאַנצע נאַכט, אָבער נישט אויף צוויי מעת-לעת. דאָס האָט קיינמאָל נישט געטראָפן. האָט אָלגאַ באַשלאָסן אריינצוגיין אין קסעניאַס צימער. צוליב וואָס זי האָט דאָס געטאָן, איז איר אַליין ניט געווען קלאָר. זי האָט דאָך נישט דערוואַרט, אַז קסעניאַ זאָל איבערלאָזן אַ צעטעלע, פון וועלכן ס׳וועט קלאָר ווערן, וואָס מיט איר איז געשען. שוין צוליב דעם אַליין איז אוממעגלאַך געווען אַזעלכעס צו דערוואַרטן, וואָס קסעניא האָט נישט געקאָנט שרייבן. אין קסעניאַס צימער האָט זיך באַלד געוואָרפן אין די אויגן, אַז אירע זאַכן פעלן. הייסט עס,

האָט זיך אָלגאַ געטראַכט, זי האָט שטילערהייט פאַרנומען איר גאַנצע הלבשה און אַרויסגערוקט זיך פונם צוג אַן אַ זייַ־געזונט. זי האָט, ווייזט אויס, זיך אויסגעזוכט אַן אַנדער באַשערטן.

— אַלע מאַנטיק און דאַנערשטיק זניוכעט זי זיך מיט אַן אַנדערן — האָט באַמערקט פּעטראָוו ביים מיטאָג און דערביי אַ קוק געטאָן אויף פּיאָטרן מיט אַ מיין: נאָ זע, וואָס פאַר אַ סחורה דו האָסט זיך אויס־געקליבן פאַר אַ געליבטע. פּיאָטר האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק. אַ דאגה האָט ער, זי איז נישט געווען די ערשטע און וועט נישט זיין די לעצטע געליבטע זיינע.

—ביסט גערעכט פּעטראָוו, אירע „ליבעס" געדויערן נישט לאַנג — האָט נישט אָפּגעלאָזט אָלגאַ — איך קאָן שווערן, אַז דעם ערשטן טאָג נאָך אונזער צוריקקומען פון דער וואָלגאַ וועט זי זיך אַריינשטעלן אין צוג אַריין. זי וועט נאָך מאַכן אַ פרומע מינע: אויף הפקר האָט איר מיך איבערגעלאָזט! מ'האָט נישט געקאָנט אויסוואַרטן אַ ביסל. און זי וועט נאָך זיין גערעכט. וואָס אמת איז אמת — האָט אָלגאַ פאַרגעזעצט נאָך אַ קליינער פּויזע — לעצטנס איז זי זייער לייכטזיניק. זי איז פריער קיינמאָל אַזוי נישט געווען. אַלץ איז דאָך הפקר היינט!

מיט אָלגאַן האָט פּיאָטר אוודאי נישט געוואָלט זאַטשעפּען. אין אים האָט נאָך געטליעט אַ האָפענונג, אַז ווען ס'איז וועט ער זי נאָך קריגן. ער האָט זיך איבערהויפּט געהאַלטן ביים כלל, אַז מיט פרויען לוינט זיך נישט אַריינצולאָזן זיך אין ויכוחים.

— עס וועט פון איר קיין לייט נישט זיין — האָט פּעטראָוו באַ־דויערט קסעניאַן — אָט אַזוי־אַ וועט זי זיך אַרומשלעפּן פון איין מאַן צום צווייטן. אַז די וואָלאָסט טוט גאָר נישט דערצו. נישט ווי אַמאָל!

אים איז געקומען אויפן געדאַנק זיין ווייב יעוודאָקיע, וואָס לעבט מיט זיין לאַנדסמאַן לאַפּוכין, און ער קאָן גאָרנישט טאָן דערצו. ער האָט דערביי געוואָרפן אַ בליק אויף אָלגאַן, וואָס איז געזעסן קעגנאיי־בער, און אַ טראַכט געטאָן דערביי — אָט זי איז אַ פיינע פרוי! פירט זיך אויף אָנשטענדיק, ווי אַן ערלאַכע באַלעבאָטישע טאָכטער. וואָלט ער נאָר געווען יינגער אַ ביסל, וואָלט ער זי שוין נישט אָפּגעלאָזט. אַ שאָד, אַ שאָד! האָט ער אַ וויש געטאָן די קרומלאַכע געלע וואָנצעס.

דאָס אָפּפאָרן פון מאַריע ניקאָלאַיעוונאַ און וואָלאָכן איז פאַרגעקו־מען אומדערוואַרטעט. קיינער האָט זיך אויף דעם נישט גערייכט. איידער מ'האָט זיך אומגעקוקט, האָבן זיי נישט געסטאַיעט. ממש אַן אויסכאַפּעניש איז געקומען אויף זיי! פּראָפעסאָר קאָזלאָוו איז איינ־

מאָל אין אַן אינדערפרי געוואויר געוואָרן, אַז פאַרנאַכט-צו גייט אָפּ א סאַניטאַר-צוג קיין מאָסקווע. ער איז באַלד אַוועק אין דער סאַניטאַר־רישער פאַרוואַלטונג און דאָרט גע׳פועל׳ט, אַז דער סאַניטאַר־צוג זאָל ארויפנעמען מאַריע ניקאָלאַיעוונאַ און וואָלאָכן אַלס פּאַסאַזשירן קיין מאָסקווע. דאָס אַלץ איז זיך פאַרלאָפן אזוי גיך, אַז מ׳האָט זיך נישט געזעגנט ווי עס באַדאַרף צו זיין.

— פאַרט געזונט, מאַריע ניקאָלאַיעוונאַ. איך האָף אַז מירן זיך אינגיכן זען אין מאָסקווע — האָט געפאָכעט מיט אַ ווייס טיכעלע פּראָ־פעסאָר קאָזלאָוו.

„אַ גליקלאָכע, אין אַ פּאָר וואָכן ארום וועט זי זיין צוריק אין דער היים, אין דער ליבער מאָסקווע”. פּראָפעסאָר קאָזלאָוו האָט א שטילן זיפץ געטאָן.

— אַ גליקלאָכע רייזע, אַבראַם מאַסייעוויטש. פאַרגעסט נישט אריינצוגיין צו מיינע אייגענע — האָט אומעטעקלאַך געקלונגען דאָק־טאָר גרינבוימס קול. ס׳האָט אים באַנג געטאָן, וואָס ער שיידט זיך מיט וואָלאָכן. ערשט לעצטנס איז ער אים געוואָרן נאָענט. אַ וואוי־לער יונג! און דאָ בלייבט ער, דאָקטאָר גרינבוים, איינער אַליין. ער איז שוין נישט שוה בשוה מיט פּראָפעסאָר קאָזלאָוו. א שווארצע קאַץ איז דורכגעלאָפן צווישן זיי. זיי באַציען זיך איינער צום אַנדערן זייער פריינטלאַך, אָבער ס׳איז נישט דאָס, וואָס פריער. אַ שאָד, וואָס וואָ־לאָך איז אָפּגעפאָרן.

ס׳איז וועטשערע צייט. ארום האַלבן טיש זיצן אַלע דריי און עסן. „דער אַנדערער האַלבער טיש איז ליידיק. ערשט נישט לאַנג זיינען דאָרט געזעסן מאַריאַ ניקאָלאַיעוונאַ און וואָלאָך”, איז געווען אָפּ־געשטעמפּלט אין יעדנס מח.

פּראָפעסאָר קאָזלאָוו האָט לייכט געקלאַפּט איבערן טיש מיט די גרויסע ביינערדיקע פינגער. ער האָט געקנייטשט דעם שטערן און גע־קוקט זייטיק. „אָפּגע׳פּטר׳ט עטלאָכע חדשים. און וואָס ווייטער? דאָרטן, אויף יענער זייט וואָלגאַ, וועט אים מסתמא אויסקומען צו לעבן אין א פאַרוואָרפן דערפל, אָפּגעריסן פון דער גאַנצער וועלט. און צו־ליב וואָס, צוליב ווען?”

— ווען, רעכנט איר, וועלן מיר ענדלאַך אָפּפאָרן פון דאַנען? האָט פּראָפעסאָר קאָזלאָוו פלוצים א פרעג געטאָן וואַדיאַנאַיען, גלייך ווי עס וואָלט אים געגאַנגען אין לעבן, אַז דער צוג נומער זיבן זאָל פאַרלאָזן סאַראַטאָוו וואָס שנעלער.

צוג נומער זיבן

— אין א פאר טעג ארום, וואסילי איוואנאוויטש — וואדיאנאיס ענטפער איז געקומען זייער שנעל. ער איז צערודערט. מיט מאריע ניקאלאיעווגאס אפפארן איז מיטאמאל אויסגערונען געווארן די פריערדיקע זיכערקייט, אז ער וועט באשטימט ווערן אלס נאטשאלניק פונם צוג.

„און אז נישט!" — האט נישט אפגעלאזט דער צווייפל. „ווארטן אין סאראטאוו אויף ווייטערע אינסטרוקציעס, ווי עס שטייט אין באפעל, מיינט א סך און גארנישט. עס קאן מיינען, אז דער צוג נומער זיבן וועט אינגאנצן אויפגעלייזט ווערן. עס קאן אויך מיינען, אז א נייער נאטשאלניק וועט אויפסניי ארגאניזירן דעם צוג. און דער נייער נאטשאלניק קאן זיין א איד, א קאמוניסט, אדער גאר א איד א קאמוניסט. אלץ איז מעגלאך."

וואדיאנאי האט באמערקט די טרויעריקע מינע אויף פראפעסאר קאזלאווס פארעלטערט פנים און האט קיין הארץ נישט געהאט ארויסצולייגן פאר אים זיין פעקל צרות.

דאקטאר גרינבוים האט געפרובירט צו פארפירן א געשפרעך מיט פראפעסאר קאזלאוו.

— איך גלויב, אז דער פרילינג אויף יענער זייט וואלגא הייבט זיך אן א ביסל שפעטער ווי דא. מירן נאך טרעפן דארטן א סך שניי אויף די פעלדער.

— וואס איז די נפקא-מינה? — האט אים מיט פארוואונדערונג אנגעקוקט פראפעסאר קאזלאוו. ער האט איין פארלאנג — די וועטשערע זאל זיך וואס גיכער ענדיקן. ער וויל ארייננגיין צו זיך אין צימער. ער איז זייער מיד די לעצטע פאר וואכן.

אויך פיאטר איז מרה-שחורה'דיק. כאטש ער שוועבט געשווינט און לייכט ארום טיש, ווי אלעמאל, דאך קאן מען זען פון זיין אנגעכמורעט פנים, אז א שווערער שטיין ליגט אים אויפן הארצן. מאריע ניקאלאיעווגאס אפפארן האט אים ווי פריטשמעליעט. ער הייבט נישט אן צו פארשטיין דעם באדייט דערפון. עס לייגט זיך נישט אויפן שכל, אז מיר־נישט דיר־נישט זאלן זיי זיך ביידע ארויסלאזן אויף אזא לאנגער נסיעה. עפעס שטעקט אין דעם.

אין סאניטארן־וואגאן, באלד נאך דער וועטשערע, האט פיאטר איבערגעגעבן, אז ביים טיש, אין עס-וואגאן, זיינען אלע געזעסן מיט אראפגעלאזטע קעפ, ווי נאך א לויה. פעטראוו האט זיך ארייננגעלאזט אין טיפזיניקע השערות.

— נאַטשאַלסטוואַ, ווייזט אויס, איז נישט צופרידן מיט מאַריע ניקאָלאַיעוונאַ. אַ פּרוי, איידל אויפגעצויגן, קאָן זיך נישט ספּראַווען מיט אזויפיל זאַכן. אָט דערפאַר איז זי ראַפּטאָם אָפּגעפּאָרן קיין מאָסקווע. און די מלחמה האַלט שוים ביים ענדיקן זיך. דעניקין, קאָן מען זען, איז קאַפּוט. צו וואָס זשע דאַרף מען האָבן אַזויפיל סאַניטאַר־צוגן? וויל נאַטשאַלסטוואַ פּטור ווערן פון אונז און מיט רעכט. ס׳איז שוין צייט, אַז מיר זאָלן זיך פאַרנעמען מיט גרונטאָוונער אַרבעט.

צווישן אַלגאַס ברעמען צוקט אַ קליין קנייטשעלע. „פּעטראָוו רעדט נישט גלאַט אין דער וועלט אריין. אין מאַריע ניקאָלאַיעוונאַס אָפּפאָרן שטעקט עפּעס. עס קאָן זיך מאַכן, אַז מיר זאָלן אַלע בלייבן ווי אויפן וואַסער. שלעכט, זייער שלעכט.״

פון פּעטראָווס השערות האָט פּיאָטר אַרויסגעטראָגן, אַז מיטן צוג נומער זיבן האַלט עס זייער שמאָל. אַניט וואָלטן זיי זיך נישט אַוועקגעלאָזט אין אַזאַ וויטן וועג אַריין. הייסט עס, אַז ס׳קאָן אים אויסקומען נאָכאַמאָל צו וואַלגערן זיך אין די שמוציקע באַראַקן.

— מירן זיך נאָך געבוג אָנבידעוון! — האָט ער א זיפץ געטאָן. אַלגאַ האָט אויפגעציטערט.

אין וואַגאָן איז טונקל. פון די ווינקלען קוקן חוצפּה׳דיק אַרויס גע-דיכטע שטיקער פינצטערניש. פון דרויסן האָט זיך אַלע ווײַלע דער־טראָגן א פּייף פון אַ לאָקאָמאָטיוו, אַ ווייטער פאַרבענקטער פּייף.